STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01851

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצענטען יאָרהונדערט

באנד 2.

די ראָמאַנטישע שול אין דײַטשלאַנד

איבערזעצט פון

ל. לעהרער

מאקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק,
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

אינהאַלט.

(ראָמאַנטישע שולע אין דייטשלאַנד — ערשטע אָפּטיילונג.)

אריינפיהר — — — — — — — — — — — — 7

דער פּלאַן פונ׳ם בוך; די אומבאשטימטקייט פון דער דייטשישער ראָמאַנטישער ליטעראַטור; די טעטיגקייט פון די ראָמאַנטיקער; די דייטשישע און די דעניש רעמאַנטיקער; צו וואָס דער ראָמאַנטיזם איז געקומען.

קאַפּיטעל 1. — די פּיאָנערען פונ׳ם ראָמאַנטיזם — — — — 29

דאָס ראָמאַנטישע און דאָס איצטיגע דייטשלאַנד; די אָפּשטאַמונג פונ׳ם ראָמאַנטיזם; געטע; שילער; די רעוואָלוציע אַנטקעגען קאָנווענציאָנאַליטעט; מאַדאַם דע סטאַל; פאַנטאַזיע און ווירקליכקייט אין דער ליטעראַטור; קאָצעבו און געטע; דער צווייפעל אינ׳ם מאַלאַנט פון געטע׳ן און שילער׳ן; דער סוביעקטיווער כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור פון יענער צייט; פיכטע׳ס סוביעקטיווע פילאָזאָפיע; דער אינטעלעקטועלער כאַראַקטער פונ׳ם ראָמאַנטיזם.

קאַפּיטעל 2. — העלדערלין — — — — — — — — — — 65

זיין לעבען, משוגעת און טויט; באַוואונדערער פון אלטען גריכענלאַנד; זיינע פאָליטישע איבערצייגונגען; היפּעריאָן און דיאָטימאַ; זיין האַלב־מאָדערנער פאַנטעאיזם; העלדערלין אלס אָנזאגער פונ׳ם ראָמאַנטיזם.

קאַפּיטעל 3. — א. וו. שלעגעל — — — — — — — — — 72

קאַראָלינע שלעגעל; א. וו. שלעגעל׳ס פאָטער און זיין ברודער פרידריך; זיין לערער בירגער; הערדער אלס איבערזעצער פון שעקספּיר׳ן; שילער׳ס איינפלוס אויף שלעגעל׳ען; געטע׳ס איינפלוס; א. וו. שלעגעל׳ס עקספּערימענטען אין איבערזעצען פּאָעזיע; זיינע געוואַלטיגע אָנשטרענגונגען איבערצוזעצען שעקספּיר׳ן; זיין ענדליכער ערפאָלג.

קאַפּיטעל 4. — טיק און זשאַן פּאָל — — — — — — — 85

טיק׳ס לעבען; זיין ערשט ווערק „וויליאַם לאָוועל”; דער איינפלוס פונ׳ם פראַנצויזישען מאַטעריאַליזם; דער „איך” אַלס דער מאַסשטאַב פון אַלץ; די הפקרות פון יענער צייט; זשאַן פּאָל דער קעמפער פאַר פרייהייט; „טיטאַן” און ראָקיראָל; די ווירקליכקייט אַלס פאַנטאַזיע.

קאַפּיטעל 5. — די סאָציאַלע שטרעבונגען פון די ראָמאַנטיקער — — — — — — — — — — — — — 100

דער שטורעם איבער פרידריך שלעגעל׳ס „לוצינדע”; די פאַקטישע בלוטלאָזיגקייט פון „לוצינדע”; די ליבע פון די ראָמאַנטיקער; „לוצינדע” און לווידיג־געהעריי.

קאַפּיטעל 6. — ראָמאַנטישע צוועקלאָזיגקייט — — — — — 108
ראָמאַנטיזם און צוועקלאָזיגקייט; קירקעגאָרד'ס דערקלערונג; יוליוס; די גלייכגילטיגקייט פון די ראָמאַנטיקער צום געזעל־שאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען.

קאַפּיטעל 7. — „לוצינדע" אין ווירקליכען לעבען — — — — 116
פּאולינע וויזעל און איהרע באוואונדערער; מענדעלזאָנ'ס טאָכ־טער, דאָראָטעאַ, דער אָריגינאַל פאר לוצינדע'ן; פרידריך שלע־געל'ס ליבע צו דאָראָטעאַ'ן; דער איינדרוק פון „לוצינדע" אויף שלייערמאכער'ן; פרידריכ'ס מיינונגען איבער פרויען; שלייער־מאַכער'ס פאַרטיידיגונג פון „לוצינדע"; דאָראָטעאַ'ס ראָמאַן „פלאָרענטין"; פיכטע'ס פריינדשאַפט; קאַראָלינע; קאַראָלינע, שלעגעל און שעלינג; קאַראָלינע'ס געניאַלע טאָכטער.

קאַפּיטעל 8. — שלייערמאכער'ס בריעף — — — — — — 141
ווייטער וועגען שטורעם איבער „לוצינדע"; שלייערמאַכער'ס בליק אויף ליבע און הייראַט; זשאָרזש זאַנד'ס בליק אויף ליבע און הייראַט; שעלי'ס בליק אויפ'ן זעלביגען ענין; דער אונטערשיד צווישען דעם דייטשישען, פראַנצויזישען און ענגלישען בליק.

קאַפּיטעל 9. — וואקענראָדער: ראָמאַנטיזם און מוזיק — 154
וואַקענראָדער'ס ביבעל; ווי ער שילדערט זיך אין זיין העלד בערגלינגער; דער אנעקדאָט מיט'ן תונט; טיק און וואַקענראָ־דער; די קאַטוילישע טענדענץ; טיק'ס ענטוזיאזם פאר מוזיק; גאוואליס'עס הסכמה; די קלינג־קלאַנג לידער; טיק'ס שפּראַך־מוזיק; האָפמאַן געהט נאָך ווייטער.

קאַפּיטעל 10. — די שטעלונג פונ'ם ראָמאַנטיזם צו קונסט און נאַטור — — — — — — — — — — — — — 183
דאָס ליטעראַרישע איטאַליען; נירעמבערג און די ראָמאַנטיקער; געטע'ס קריטיק אויף „שטערנבאַלד"; די גדאַנקען אין „שטערנ־באַלד"; די אידעע אז קונסט דאַרף זיין אַלעגאָריש; די קאָ־לעקציע פון די ברידער בואַסעריי; רוסאָ און די ראָמאַנטיקער; די ווירקונג פון אומגעבונג אויף טיק'ן; דער ראָמאַנטיזם און די לבנה; טיק און שעקספּיר; די ראָמאַנטישע אויפפאַסונג פון דער נאַטור.

קאַפּיטעל 11. — די ראָמאַנטישע טאָפּעלטקייט און פּסי־כאָלאָגיע — — — — — — — — — — — — — 212
קונסט און אילוזיע; טעאַטער און רעאַליזם; דער שפּיגעל־זאַל ביי קירקעגאָרד'ן; די צעשטערונג פון קאָנווענציעס; הייַ־בערג און די ראָמאַנטיקער; די אידעע פון אַ „דאָפּעלגענגער"; טעאָדאָר האָפמאַן; דער ראָמאַנטיזם און דער „איך"; אדאַלבערט פאָן שאַמיסאָ; דער אָרטיסטישער שטאַנדפּונקט פון ראָמאַנטיזם.

אריינפיר.

דער פלאן פונ'ם בוך; די אומבאַשטימטקייט פון דער דייטשישער
ראָמאַנטישער ליטעראַטור; די טעטיגקייט פון די ראָמאַנטיקער;
די דייטשישע און די דעניִשע ראָמאַנטיקער; צו וואָס דער ראָ־
מאַנטיזם איז געקומען.

צו געבען א פולען באריכט פון דער דייטשישער ראָמאַנטישער
שול, איז פאַר אַ דענעמאַרקער אַ שווערע און פאַרצווייפעלטע אַר־
בייט. ערשטענס, איז דער געגענשטאַנד אָהן אַ שיעור ברייט;
צווייטענס, האָבען איהם דייטשישע שרייבער פיעל מאָל באַהאַנדעלט;
און ענדליך, האָבען אָט די שרייבער מיט אַזוי פיעל בקיאות באַ־
טראַכט יעדען דעטאַל, אַז עס איז אוממעגליך פאַר אַן אויסלענדער
— נאָך מעהר, פאַר איינעם וואָס קען ניט תמיד צוקומען צו די
נויטיגע קוועלען — צו קאָנקורירען מיט זיי בנוגע אויספירליכע
ידיעות. זיי זיינען באַקאַנט געוועזען פון קינדווייז אויף מיט אַ לי־
טעראַטור מיט וועלכער ער, דער אויסלענדער, ווערט באַקאַנט
ערשט אין אַ צייט ווען יעדע אַסימילאַציע איז געוואָרען אַ פיעל
שווערער פּראָצעס. דער אויסלענדער דאַרף זיך בלויז פאַר־
לאָזען טיילווייז אויף דער מעגליכקייט, אַז ער וועט אפשר ארויב־
ווייזען אַזעלכע אייגענשאַפטען וואָס זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש
פאַר'ן היימישען שרייבער. אַזאַ אייגענשאַפט איז, אין איצטיגען
פאַל, די אַרטיסטישע פעהיגקייט, איך מיין די פעהיגקייט פאַר־
צושטעלען, צו פאַראויסערליכען. די דייטשישע טבע אַזי אַזוי אינ־
טענסיוו און טיף, אַז די דאָזיגע פעהיגקייט איז פאַרהעלטניסמע־
סיג אַ זעלטענע. נאָך מעהר, דער אויסלענדער האָט אַ גרעסערע
מעלה פאַר'ן היימישען דורך דעם וואָס ער קען לייכטער באַמערקען
דעם נאַציאָנאַלען שטריך פונ'ם דייטשישען שרייבער וואָס מאַכט
איהם פאַר אַ דייטש. דער דייטשישער קריטיקער איז מעהר עלול

צו באַטראַכטען „דייטש” ווי אַ סינאָנים פון „מענשליך”, ווייל די מענשען, מיט וועלכע ער האַנדעלט, זיינען כמעט תמיד דייטשען. דער אויסלענדער שלאָגט זיך אָן אָן די כאַראַקטער־שטריכען, וועלכע דער היימישער שרייבער פאַרזעהט, טיילמאָל צוליעב דעם, וואָס ער איז צוגעוואוינט צו זיי, און אָפטער צוליעב דעם, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט זיי.

פאַראַן אַ סך װערק צו קריטיקירען, צו קלאַסיפיצירען און אַ סך פערזענליכקייטען צו שילדערן. מיין צוועק וועט זיין פאַר־צושטעלען אָט די פערזענליכקייטען און ווערק אין אַזעלכע פעסטע און שאַרפע קאָנטורען ווי נאָר מעגליך, און, ניט שענקענדיג קיין איבעריגע אויפמערקזאַמקייט צו דעטאַלען, צו באַלייכטען דאָס גאַנצע אַזוי, אַז די הויפּט־שטריכען וועלען זיך אַרויסווייזען און זיך וואַרפען אין די אויגען. פון איין זייט וועל איך זיך סטאַרען צו באַהאַנדלען די געשיכטע פון דער ליטעראַטור אַזוי מענשליך ווי מעגליך, צו פאַרטיפען זיך אַזוי ווייט ווי איך קען, אָנצוכאַ־פען די ווייטסטע און טיפסטע פסיכאָלאָגישע באַוועגונגען, וואָס האָבען צוגעגרייט און אַרויסגעבראַכט די פאַרשידענע ליטעראַרישע ערשיינונגען. פון דער אַנדערער זייט, וועל איך זיך סטאַרען פאַר־צושטעלען דעם רעזולטאַט אין אַזאַ בולט’ער און קאָנקרעטער פאָרם ווי נאָר מעגליך. אויב מיר וועט געלינגען צו פאָרמולירען, קלאָר און פינקטליך, דאָס פאַרבאָרגענע געפיהל, די אידעע, וואָס איז אור־מעטום דער פונדאַמענט פון דער ליטעראַטור, וועל איך האָבען דערגרייכט מיין צוועק. ווען נאָר מעגליך, וועל איך ליבערשט פאַרקערפּערן דאָס אַבסטראַקטע אינ’ם פּערזענליכען.

דאָס ערשטע און וויכטיגסטע איז דערפאַר ביי מיר נאָכצו־פאָלגען כסדר דעם צוזאַמענהאַנג צווישען ליטעראַטור און לעבען. דאָס ווייזט זיך גלייך אַרויס אינ’ם פאַקט, וואָס בעת די פריהער־דיגע ליטעראַרישע ויכוחים (צ. ב. ש. דער ויכוח צווישען הייבערג’ן און האוק’ן, אָדער אפילו דער באַרימטער ויכוח צווישען באַגע־סען’ען און איילענשליגער’ן) האָבען זיך תמיד געהאַלטען אין לי־טעראַרישע גרענעצען און האָבען בלויז געהאַט צו טאָן מיט ליטע־ראַרישע פּרינציפּען, האָט אָבער דער ויכוח, וואָס דער ערשטער באַנד פונ’ם דאָזיגען ווערק האָט אַרויסגערופען (אין דערין איז

שולדיג געווען די אומ'שׂכל'דיגקייט פון די אָפּאָנענטען פונקט ווי דער כאַראַקטער פונ'ם בוך) פאַראורזאַכט די דיסקוסיע וועגען כּל־המינים מאָראַלע, סאָציאַלע און רעליגיעזע פראַגען. די דענישע רעאַקציע, פיהלענדיג זיך ווי אַ קרובה פון דער רעאַקציע, וועלכע איך וועל באַלד שילדערען און אויפדעקען, האָט זיך געסטאַרעט צו אונטערדריקען די באַוועגונג וואָס זי האָט געהאַלטען פאַר איהר נעגנערין, אָבער דערוויילע מיט ווייניג אויסזיכטען אויף ערפאָלג. אַ פראַנצויזיש שפּריכוואָרט זאָגט: „קיין פּרינץ האָט נאָך ניט גע'הרג'עט זיין נאָכפאָלגער".

אָבער ווען מיר שטרייכען אונטער דעם צוזאַמענהאַנג צווי־שען ליטעראַטור און לעבען, רופט די שילדערונג און אויסטייטשונג פון מענשען און זייערע ווערק בשום אופן ניט אַרויס דאָס, וואָס מיר קענען באַצייכענען ווי אַ סאַלאָן־געשיכטע פון ליטעראַטור. איך לאָז זיך אַראָפּ צום פונדאַמענט פונ'ם ווירקליכען לעבען און ווייז ווי אַזוי די געפיהלען, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, וואַקסען אויס אין מענשליכען הארצען. און דאָס דאָזיגע מענשליכע הארץ איז ניט קיין שטיל וואַסערל, ניט קיין אידילישע באַרג־אָזערע. עס איז אַ ים מיט אונטער־וואַסער פלאַנ־צען און שרעקליכע איינוואוינער. די סאַלאָן־געשיכטע פון דער ליטעראַטור, פונקט ווי סאַלאָן־פּאָעזיע, זעהט אין מענשליכען לע־בען אַ סאַלאָן, אַ דעקאָרירטען טאַנץ־זאַל, וואו סיי דאָס מעבעל און סיי די מענשען זיינען פּאָלירט, די בלענדענדיגע אילומינאַציע דערלאָזט ניט קיין פינסטערע ווינקלען. זאָלען די, וועמען עס איז ליב, קוקען אויף זאַכען אויף אַזאַ אופן; דאָס איז ניט מיין שטאַנדפּונקט. פונקט ווי דער באָטאַניקער מוז אומגעהן מיט קראָפּיווע אַזוי גוט ווי מיט רויזען, אַזוי דאַרף דער פאָרשער פון ליטעראַטור זיך געוואוינען צו באַקוקען מיט אַן אומציטערדיגען בליק, ווי דער נאַטור־פאָרשער און דער דאָקטאָר, אַלע פאָרמען וואָס די מענשליכע נאַטור נעמט אָן אין זייער פאַרשידענקייט און זייער איניגער קרובה'שאַפט. דאָס וואָס די פּלאַנץ שמעקט זיס אָדער שטעכט, מאַכט זי ניט מעהר אָדער ווייניגער אינטערעסאַנט; אָבער אַ ריין מענשליך פאַרגעניגען פון דער שעהנקייט פון דער בלום באַגלייט אָפט דעם באָטאַניקערס נעלאַסענעם אינטערעס.

נאָכפאָלגענדיג די וויכטיגערע ליטעראַרישע באוועגונגען פון לאַנד צו לאַנד, שטודירענדיג זייער פסיכאָלאָגיע, סטאַרע איך זיך צו קאָנדענסירען דעם רייכען מאַטעריאַל, אַנווייזענדיג ווי אַזוי ער קריסטאַליזירט זיך פון צייט צו צייט אין אַזאַ אָדער אַנדערן באַ־שטימטען און קלאָרען טיפּ, אַזאַ פּאַרזוך איז געוואַלטיג שווער בנוגע דער דאָזיגער ספּעציעלער פּעריאָדע פון דער דייטשישער ליטעראַטור, צוליעב דעם וואָס די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון דער פּעריאָדע איז וואָס עס איז ניטאָ קיין באַשטימטע טיפּישע פאָרמען. די דאָזיגע ליטעראַטור איז ניט פּלאַסטיש, זי איז מו־זיקאַליש. דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם ברענגט אַרויס פעסט־באַשטימטע פיגורען; דער אידעאַל פון,ם דייטשישען ראָמאַנטיזם איז ניט קיין פיגור, נאָר אַ מעלאָדיע, ניט קיין באַשטימטע פאָרם, נאָר אַן אומבאַשטימטע שטרעבונג. איז ער, דער דייטשישער ראָמאַנטיזם, געצוואונגען אַנצורופען דעם אָביעקט פון זיין בענק־שאַפט? ער באַצייכענט איהם מיט אַזעלכע ווערטער ווי אַ „גע־היים וואָרט״, „אַ בלויע בלום״, „דער כישוף פון וואַלד־איינזאַמ־קייט״. אָבער די דאָזיגע אויסדרוקען זיינען דעפיניציעס פון שטי־מונגען, און יעדע שטימונג האָט אַן אַנטשפּרעכיגען פּסיכישען צו־שטאַנד. מיין עובדא איז צוריקצופירען יעדע שטימונג, יעדעס געפיהל אָדער בענקשאַפט צו דער גרופּע פּסיכישע צושטאַנדען, וואוהין זי געהערט. די קאָמבינאַציע פון אָט דער גרופּע שטעלט צונויף אַ נשמה; און אַזאַ נשמה, מיט אַ שטאַרק אויסגעדריקטער אינדיווידואַליטעט, שטעלט פאָר אין דער ליטעראַטור יענע, וועלכע האָבען ניט געקענט שילדערן זייער אייגענעם כאַראַקטער, אָבער זיי האָבען איהם דערקענט ווען מען האָט איהם אויף אַזאַ אופן אוועקגעשטעלט פאַר זיי. מיר וועט אפשר געלינגען צו באַווייזען אַז מיר פאַרלירען ניט דעם טיפּ דורך דעם, וואָס דעם שרייבער האָט זיך אפשר פאַרוואָלט צו מאָלען לאַנדשאַפט נאָך לאַנדשאַפט, אַנשטאָט צו שילדערן כאַראַקטעריסטישע פּערזענליכקייטען, אָדער ווייל ער צעמישט ליטעראַטור מיט מוזיק אַזוי ווייט, אַז ער באַטי־טעלט זיינע לידער פּשוט „אַלעגראָ״ אָדער „ראָנדאָ״; נאָר אַז פאַרקערט, די קלאָרע אייגענאַרטיגע אייגענשאַפטען פון אָט די לאַנדשאַפטען און דער כאַראַקטער פון דער ווערטער־מוזיק זיינען

סימפּטאָמען פון אַ פּסיכישען צושטאַנד, וועלכען מען קען באַשטי־מען מיט היבשער גענויקייט.

אין׳ם אַלגעמיינעם אריינפיר צום דאָזיגען ווערק, האָב איך סקיצירט דעם פּלאַן וואָס איך האָב פאַר זיך אַליין פאָרגעלייגט. מיין כונה איז צו שילדערן די ערשטע גרויסע ליטעראַרישע באַ־וועגונג פונ׳ם יאָרהונדערט, די אויפגעשפּראָצטע און וואַקסענדיגע רעאַקציע, באַלייכטענדיג לכתחילה איהר טבע און נאָכפאָלגענדיג זי צו איהר קלימאַקס. דערנאָך וועל איך וויייזען ווי די דאָזיגע רעאַקציע האָט זיך אָנגעשטויסען אָן אַ ליבעראַלען ווינט, וואָס בלאָזט פון אַכצעהנטען יאָרהונדערט, ווי דער ווינט צעוואַקסט זיך אין אַ שטורעם און ווישט אָפּ יעדע אָפּאָזיציע. איך מיין ניט צו זאָגען, אַז די ליבעראַלע געדאַנקען פון נייעצעהנטען יאָרהונ־דערט זיינען ווען ניט ווען די זעלביגע ווי די פון אַכצעהנטען, אָדער אַז זיינע ליטעראַרישע פאָרמען און וויסענשאַפטליכע אידעען טראָ־גען ווען ניט ווען דעם צייכען פון אַכצעהנטען יאָרהונדערט. ניט וואָלטער, ניט רוסאָ, ניט דידעראָ, ניט לעסינג און ניט שילער, ניט היום און ניט גאָדווין, שטעהען אויף פון זייערע קברים; אָבער פאַר יעדען פון זיי איז מען זיך נוקם אָן זייערע שונאים.

דער דייטשישער ראָמאַנטיזם איז, אין גאַנצען גענומען, אַ רעאַקציע. דאָך ווי אַן אינטעלעקטועלע, פּאָליטיש־פילאָזאָפישע רעאַקציע, טראָגט ער אין זיך אַ סך קערנדלאַך פון אַ נייער אַנט־וויקלונג, אַן אומצווייפעלדיגען פּראָדוקט פונ׳ם פּראָגרעסיווען גייסט, וועלכער, איבערמאַכענדיג דאָס אַלטע, באַשאַפט דאָס נייע, און געווינט טעריטאָריע דורך דעם וואָס ער ענדערט די גרענעצען.

די אַלטע ראָמאַנטיקער הויבען אָן, אָהן אויסנאַם, דערמיט, וואָס זיי ווערען די אַפּאָסטאָלען פון „אויפקלערונג״. זיי ברענ־גען אריין אַ נייעם טאָן אין דער דייטשישער פּאָעזיע, גיבען זייערע ווערק אַ נייעם קאָליר, און, אַ חוץ דעם, לעבען זיי אויף, סיי אין גייסט סיי אין אינהאַלט: די אַלטע צויבער־מעשה, דאָס פאָלקס־ליד און די לעגענדע. אין אָנהויב איבען זיי אויס אַ באַפרוכ־פערנדיגען איינפלוס אויף דער דייטשישער וויסענשאַפט; די פאָר־שונגען אויפ׳ן פעלד פון געשיכטע, עטנאָגראַפיע, יוריספּרודענץ, דער שטודיום פון דייטשישען אַלטערטום, אינדישע און גריכיש־

לאַטייניִשע פילאָלאָגיע און די סיסטעמען און טרוימען פון דער נאַטור־פילאָזאָפיע, אַלע באַקומען זיי זייער ערשטען אימפּולס פון'ם ראָמאַנטיזם. די ראָמאַנטיקער ברייטערן אויס דעם עמאַ־ציאָנעלען פארנעם פון דער דייטשישער פּאָעזיע, כאָטש די עמאַ־ציעס, וועלכע זיי האָבען אויסגעדריקט, זיינען אָפטער געווען קרענקליכע איידער געזונטע. אלס קריטיקער האָבען זיי לכתחילה, און מיט ערפאָלג, געצילט צו פארגרעסערען דעם גייסטיגען האָ־ריזאָנט. אין זייער געזעלשאַפטליכער ארבייט האָבען זיי געגעבען אַ שבועה אייביג צו האסען די גאַנצע טויטע קאָנווענציאָנאַליטעט אין די באַציהונגען צווישען די געשלעכטער. די בעסטע צווישען זיי האָבען אין זייער יוגענד מיט גרוים חשק געאַרבייט פאַר דער פאַרטיפונג פון'ם גייסטיגען לעבען, וואָס שטיצט זיך אויפ'ן גלויבען אינ'ם איבערנאַטירליכען. אין פּאָליטיק, ווען זיי זיינען נאָר ניט געווען גלייכגילטיג, האָבען זיי געוויינליך אָנגעפאַנגען ווי זעהר טעאָרעטישע רעפּובליקאַנער; אָבער ניט קוקענדיג אויף זייער קאָסמאָפּאָליטיזם, האָבען זיי געשטרעבט צו דערהייבען און פאַרשטאַרקען דעם דייטשישען פּאַטריאָטיזם.

אומגליקליכערוויז האָט זיך זייער ארבייט פאַר די דאָזיגע אַלע גוטע זאַכען געענדיגט מיט אַ פּאַרהעלטניסמעסיגען דורכפאַל. פון אַלץ, וואָס די דייטשישע ראָמאַנטיקער האָבען געשאַפען, וועט ווייניג פאַרבלייבען — עטליכע מייסטערליכע איבערזעצונגען פון אַ. וו. שלעגער, אַ פּאָר פון טיק'ס שאַפונגען, אַ ביסעל פון האַר־דענבערג'ס און אייכענדאָרפ'ס לירישע זאַכען, עטליכע פון פריד־ריך שלעגעל'ס עסייען, אַ פּאָר פון ארנים'ס און ברענטאַנאָ'ס קלע־נערע ווערק, אַ געוויסע צאָל פון האָפמאַנ'ס מעשה'לעך און עט־ליכע ממש וואונדערבאַרע דראַמעס און מעשה'לעך פון דער פעדער פונ'ם עקסצענטרישען אָבער אמת'ן גאון היינריך פאָן קלייסט. די איבעריגע לעבענס־ווערק פון די ראָמאַנטיקער זיינען פאַר־שוואונדען פונ'ם זכרון פונ'ם איצטיגען דור. קוקענדיג צוריק אויף זיי פון דער איצטיגער צייט, זעהט אויס אז פונ'ם רוב פון זייער טעטיגקייט איז געוואָרען אַ תל. בנוגע דער שפּראַך, מיט זייערע טונקעלע בילדער, זייער מיסברויך פון ווערטער אויסדריי־קענדיג דאָס מאָדנע, פאַר'כישופ'טע און מיסטעריעזע, זייערע

פאַרעלטערטע ווערטער, און זייער באַשלוס אז דער געוויינליכער לעזער זאָל זיי ניט פאַרשטעהן, מיט דעם אַלעם האָבען זיי גיכער פאַרזאַמט איידער באַרייכערט דעם פּאָעטישען וואָרט־אוצר, זיי האָבען גיכער פאַרדאָרבען איידער פאַרבעסערט דעם ליטעראַרישען סטיל. אין דער וועלט פון פּאָעזיע האָט זיך דער ראָמאַנטיזם גע־ענדיגט מיט היסטערישער פרומקייט און אויסגעוועפּטקייט. אין דער סאָציאַלער וועלט האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט איין פראַגע: וועגען דער באַציהונג צווישען די געשלעכטער; און זיינע אידעען איבער אָט דעם ענין זיינען, על פּי רוב, געוועזען אַזוי אומנאָרמאַל, אַזוי קרענקליך אומגעזונט, אז די מעהרסטע פון זיינע ליידענשאַפטליכע קלעפּ זיינען געפאַלען אין דער לופט. דער־לאַנגענדיג זיי, האָבען די ראָמאַנטיקער ניט געהאַט אין זין די גאַנצע מענשהייט, נאָר בלויז עטליכע געבענשטע, אַריסטאָקראַ־טישע, אַרטיסטישע נאַטורען. אין רעליגיעזע ענינים האָבען די דאָזיגע מענשען, וואָס זייער מאָראַלע און פּאָעטישע טעאָריעס זיינען לכתחילה געווען רעוואָלוציאָנער, געבויגען זייערע קעפּ פאַר'ן יאָך גלייך ווי זיי האָבען איהם דערזעהן, און אין פּאָליטיק האָבען זיי עס טאַקע אָנגעפירט די פאַרהאַנדלונגען פון ווינער קאָנגרעס און צוגעגרייט זיינע מאַניפעסטען, אָפּשאַפענדיג די פרייהייט פון געדאַנק אין דער צווישען־צייט צווישען אַ רעליגיעזער שמחה אין הייליגען סטעפענס און אַן אויסטער וועטשערע מיט פאַני עלזלער'ן. *

איך וועל בלויז זעלטען און בקיצור אָנרירען די דענישע לי־טעראַטור, דורכרייסענדיג בלויז דאָ און דאָרט די קאַנווע פון דער פּאַנאָראַמע, וועל איך מאַכען אַ שפּאַלט, דורך וועלכען מען וועט קענען זעהן די לאַגע אין דענעמאַרק. דאָס טו איך ניט ווייל איך פאַרגעס אָדער פאַרזעה די דענישע ליטעראַטור. פאַרקערט, איך האַלט זי תמיד פאַר מיינע אויגען. בעת איך פּרוביר צו געבען מיינע לעזער די אינערליכע געשיכטע פון אַ פרעמדער ליטעראַטור,

---

*) פאַני עלזלער (1810—1884), אַ עסטרייכישע טענצערין, וואָס האָט אין איהר צייט שטאַרק אויסגענומען אין דער גאַנצער אַריסטאָ־קראַטישער וועלט. (איבערזעצער.)

באַרייכער איך כסדר די געשיכטע פון אונזער איינענער ליטעראַ־טור. איך מאָל דעם הינטערגרונד וואָס מען דאַרף האָבען כדי בולט אַרויסצוברענגען איהרע כאַראַקטער־שטריכען. איך באַשעפ־טיג זיך מיט אַ פונדאַמענט, אויף וועלכען עס שטעהט, לויט מיין איבערצייגונג, די דענישע ליטעראַטור. מיין מעטאָדע קען זיך זיין אומדירעקט, אָבער דערפאַר איז זי גרינדליכער. איך וואָלט אָבער וועלען אָנווייזען, אין עטליכע ווערטער, די אַלגעמיינע שלוסען צו וועלכע עס האָט מיך געבראַכט דער פאַרגלייך צווישען דער דע־נישער און דער אויסלענדישער ליטעראַטור אין דער דאָזיגער צייט.

די פאַרהעלטניסמעסיגע פּאָזיציעס פון דייטשלאַנד און דע־נעמאַרק קען מען דעפינירען אַזוי: די דייטשישע ליטעראַטור איז אין דער דאָזיגער פּעריאָדע פאַרהעלטניסמעסיג אָריגינעל אין איהרע צילען און שאַפונגען. די דענישע ליטעראַטור גיט זיך אָפּ אָדער מיט אויסאַרבייטען אַן אייגענאַרטיג סקאַנדינאַווישען גאַנג, אָדער זי בויט אויף אַ דייטשישען פונדאַמענט. די דענישע שרייבער האָבען ניט געלייענט די דענעמאַרקער און ניט געווען באַאיינפלוסט פון זיי אויף אַן אַנדער אופן. סטעפענס, דורך וועמען מיר האָבען באַקומען אַן אָנרעגונג פון דייטשלאַנד, איז שעלינג׳ס אַ הייסער אָנהענגער. באַמערקט די פאָלגענדע שורות פון איינעם פון זיינע בריף צום דערמאָנטען פילאָזאָף: „איך בין אייער תלמיד, אַב־סאָלוט און אינגאַנצען אייער תלמיד. אַלץ וואָס איך שאַף, איז לכתחילה געווען אייערס. דאָס איז ניט קיין פאַרביינעהענדיג געפיהל; איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אַזוי איז עס, איך האַלט זיך ניט קלענער צוליב דעם, דערפאַר, ווען איך וועל אַמאָל שאַפען אַן אמת׳דיג גרויס ווערק, וואָס איך וועל מיט פאַרגעניגען האַלטען פאַר מיינס, וועל איך — אַזוי שנעל ווי מען וועט עס אַנערקענען, עפענטליך, ענטוזיאַסטיש — אייך פּראָקלאַמירען פאַר מיין לערער, און אייך איבערגעבען מיין לאָרבער־קראַנץ.״ *)

אין דער דייטשישער ליטעראַטור איז פאַראַן מעהר לעבען, אין דער אַנטשפּרעכיגער דענישער ליטעראַטור — מעהר קונסט. דייטשלאַנד איז די, וואָס שאַפט, אַנטפּלעקט, דעם מאַטעריאַל.

---

* G. L. Plitt: Aus Schellings Leben, I, 309.

יענע ליטעראַטור, פון וועלכער דער ראָמאַנטיזם איז די ערשטע אַנטוויקלונג, לעבט, באַוועגט זיך און צעלאָזט זיך אין ווילדע גע־פיהלען, ראַנגעלט זיך מיט פּראָבלעמען, שאַפט פאָרמען וואָס זי צעשמעטערט דערנאָך אויף שטיקלעך. די דענישע ליטעראַטור נעמט דייטשישען מאַטעריאַל און דייטשישע אידעען, וואָס זיינען פול מיט לעבען, און עס געלינגט איהר אָפט אויסצוקנעטען זיי אַרטיסטישער, אַריינברענגענדיג אין זיי אַ קלאָרערען אויסדרוק איידער די דייטשישע קינסטלער טוען עס (באַמערקט, צום ביי־שפּיעל, דעם פאַל מיט טיק'ן און הייבערג'ן). די דענער ווענדען אָן און שאַפען איבער, אָדער זיי פאַרקערפּערן ענליכע אידעען אין אַ בעסערן און פּלאַסטישערן מאַטעריאַל, אַזאַ איז למשל דער מאַטעריאַל פון דער סקאַנדינאַווישער מיטאָלאָגיע אין די סקאַנ־דינאַווישע לעגענדעס.

דער רעזולטאַט איז, ווי איך האָב שוין אַנדערשוואו אָנגע־וויזען, אַז אויף דער דענישער ערד האָט דער ראָמאַנטיזם באַקומען מעהר קלאָרקייט און שאַרפערע קאַנטורען. ער איז געוואָרען וויי־ניגער אַ זאַך פון דער נאַכט, ער האָט, פאַרשלייערטערהייט, ריזי־קירט אַריינצוקומען אין ליכט פון דער זון. ער האָט געפיהלט אַז ער איז געקומען צו אַ רוהיג, ניכטער פאָלק, אַ פאָלק וואָס איז נאָך ניט געווען גאַנץ זיכער, אַז לבנה־ליכט איז ניט אומנאַטירליך און סענטימענטאַל. ער איז אַרויס פון די טיפע שאַכטען, פון וועלכע נאָוואַלים האָט איהם דער ערשטער אַרויסגע'כישופ'ט, און צוזאַ־מען מיט איילענשלייגער'ס „וואָלונדור" האָט ער געהאַמערט אויף דער באַרג־זייט ביז דער באַרג האָט אויפגעפּלאַצט און ער האָט אויפגעדעקט אַלע זיינע אוצרות אין ליכט פון טאָג. ער האָט גע־פיהלט אַז ער איז געקומען אין אַן אַנדערן, אַ מעהר לויטערן און אידילישען קלימאַט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך זיין גאַנ־צען כישוף; זיינע דיקע, פאָרמלאָזע נעפּלען האָבען זיך איינגע־שרומפּען אין שלאַנקע טייך נימפען; ער האָט פאַרגעסען דעם „האַרץ" *) און די בלאָקסבערג און אין אַ שעהנעם זומער־אָוונט האָט ער זיך באַזעצט אין „הירש פּאַרק" לעבען קאָפּענהאַגען **).

*) אַ טייך אין דייטשלאַנד.

** Georg Brandes: Samlede Skrifter, I, 464.

„אַלאַדין איז אַ פיינער און קלאָרער ליטעראַריש ווערק ווי טיק׳ס „קייזער אָקטאַוויאַנוס״, אָבער איילענשלייגער וואָלט ניט געקענט אָפּלייקענען, אַז „אַלאַדין״ וואָלט קיינמאָל ניט געשריבען געוואָרען ווען „אָקטאַוויאַנוס״ וואָלט ניט עקזיסטירט. הייבערג׳ס Julespog og Nytaarslojer איז אין גאַנצען אַזוי גייסט־רייך ווי טיק׳ס אַריסטאָפאַנישע סאַטירעס, אָבער די גאַנצע אידעע — איין פיעסע אין דער צווייטער, די ליטעראַרישע סאַטירע, און דאָס געמיש פון׳ם סענטימענטאַלען מיט איראָנישען — איז גענומען פון טיק׳ן, און, וואָס איז נאָך ערגער, איז בלויז פאַרשטענדליך פון טיק׳ס שטאַנדפּונקט. בקיצור, אין איילענשלייגער׳ן, האוק׳ן און הייבערג׳ן איז פאַראַן מעהר פאָרם ווי אין נאָוואַליס׳ן, טיק׳ן און פר. שלעגלען, אָבער ווייניגער אינהאַלט, ד. ה., ווייניגער דירעקטע פאַרבינדונג מיט׳ן ווירקליכען לעבען. די דייטשישע ליטעראַטור איז צו אָפט געווען דער פאַרבינדענדיגער רינג. מיר דענער האָבען צו אָפט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשעפטיגען זיך אין דער ליטעראַטור מיט די גרויסע וועלט־פּראָבלעמען, מיר האָבען זיי פשוט פאַרוואָר־פען, ווען עס איז אונז ניט געלונגען זיי צו געבען די ריכטיגע ליטע־ראַרישע פאָרם.

קוקענדיג פון אַ פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, קען מען די לאַגע שילדערן אַזוי: די דענישע ראָמאַנטישע שרייבער זיינען, אין אַל־געמיין גערעדט, געווען העכער פון די דייטשען בנוגע קונסט און נידעריגער — בנוגע אינטעלעקט. יעדעס ווערק פון אַ דייטשישען שרייבער, ווי קליין עס זאָל ניט זיין, מעג עס זיין אָהן פאָרם, שוואַך, נאָך מעהר, אַן אמת׳ער דורכפאַל, דריקט עס געוויינליך אויס אַ גאַנצע לעבענס־פילאָזאָפיע, און ניט קיין פאַנטאַסטישע פילאָזאָפיע, נאָר אַזעלכע, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט און געוואָרען רייף דורך פערזענליכער ערפאַרונג, און טראָגט די סימנים פון דער גאַנצער וואונדערליך פיעל־זייטיגער קולטור מיט וואָס דער געבילדעטער דייטש צייכענט זיך אויס. נאָוואַליס׳עס אַ ליד, טיק׳ס אָדער האָפ־מאַנ׳ס אַ מעשה׳לע, אָדער קלייסט׳ס אַ פיעסע, אַנטהאַלט אַ פּאָע־טיש־פילאָזאָפישע לעבענס־טעאָריע; און עס איז אַ טעאָריע ניט בלויז פונ׳ם פּאָעט נאָר אויך פונ׳ם מענשען. אָבער איילענשליי־גער׳ס אַ טראַגעדיע, אַנדערסענ׳ס אַ צויבער־מעשה, אָדער האָפ־

טרופּ'ם אַ שפּאַסיגע פאַרשטעלונג, וועט זיך כמעט אָהן אויסנאַם אויסצייכענען מיט אַזעלכע כאַראַקטעריסטיש־פּאָעטישע אייגענשאַפטען ווי פאַנטאַזיע, געפיהל, קאַפּריזנעקייט, פרעהליכקייט, יוגענדליכע פרישקייט און שטייפקייט, אָבער די פילאָזאָפיע איז זעהר אָפט אַזוי פרימיטיוו ווי אַ קינדס. הייבערג איז כמעט דער איינציגער שרייבער וואָס אין זיינע ווערק איז פאַראַן עפּעס אַ סימן פון אַ פילאָזאָפיע, געשטיצט אויף דער וויסענשאַפט, און וואָס באַקומט כסדר אַלץ מעהר טיפקייט פון די ערפאַרונגען פון לעבען. אָפט געפינט מען בלויז שוואַכע שפּורען פון ווירקליכער אַנטוויקלונג. די יוגענדליכע ווערק פון אַזעלכע שרייבער ווי איילענשלייגער, ווינטער און אַנדערסען, זיינען פונקט אַזוי פערפעקט ווי די ווערק פון זייערע רייפע יאָרען. טיילמאַל, ווי ביי איילענשלייגער'ן, ברענגען די עלטערע יאָרען אַרויס אינ'ם טאַלאַנט אַ חשד אויף שוועך־לייביגקייט, אויף פּעטקייט. טיילמאַל, ווי ביי פּאַלודאַן־מילער'ן, ווערט דער אידעאַל אַלץ מאָגערער און מאָגערער. ווען עס קומט שוין יאָ פאָר אַן אומבייט, איז עס זעלטען אַ סימן אַז דער שרייבער האָט אַנטוויקעלט אַ נייע לעבענס־פילאָזאָפיע; ניין, נאָך דעם ווי ער געהט אַ געוויסע צייט אויף דער שמאָלער פּאָליטישער סטעזשקע, דערגרייכט ער איינעם פון צוויי גרויסע שאָסייען, אָדער דעם וועג פונ'ם בכבוד'ען מיטעל־קלאַס, אָדער דעם וועג פון אָרטאָדאָקסישער פרומקייט. דער שלאָפראָק אָדער דער גלח'שער כאַלאַט — איינס פון די צוויי קליידער פאַרנעמט אומפאַרמיידליך דעם פּלאַץ פונ'ם שפּאַנישען מאַנטעל פון דער פּאָעטישער יוגענד.

מען קען אַלזאָ אין אַלגעמיין באַהויפּטען, אַז אין די פּאַלען וואו מען קען פאַרגלייכען די דייטשישע ראָמאַנטיקער מיט די דענישע פאַרמאָגען די ערשטע אַן אָריגינעלערע לעבענס־פילאָזאָפיע און זיי זיינען גרעסער אַלס פערזענליכקייטען, וואָס זיי זאָלען ניט זיין אַלס פּאָעטען.

לאָמיר באַטראַכטען דעם געגענשטאַנד פון אַ דריטען שטאַנדפּונקט. צו די דענישע שרייבער, אַלס אַ קערפּערשאַפט, קען מען צושרייבען דאָס פאַרדינסט פון אויסמיידען די פאַנטאַסטישע, געשמאַקלאָזע אומזינס, אין וועלכע מען קען די דייטשען אָפט באַ־

שולדיגען. די דענער שטעלען זיך אָפּ אין צייט. זיי מיידען אויס דעם פּאַראַדאָקס אָדער דערפירען איהם ניט צו זיין לאָגישען שלוס. זיי באַזיצען אַ פעסטקייט אַ דאַנק אַ נאַטירליכען גוט באַלאַנסירטען מח און אַ נאַטירליך פלעגמאַטיש געמיט. זיי זיינען כמעט קיינמאָל ניט געמיין, געוואַגט, אפּיקורס׳יש, רעוואָלוציאָנער, ווילד־פאַנטאַס־טיש, לחלוטין סענטימענטאַל, לחלוטין אומרעאַל אָדער לחלוטין גשמיות׳דיג. זיי ווערען זעלטען משוגע, זיי רייסען זיך קיינמאָל ניט צו די וואָלקענס, זיי פאַלען קיינמאָל ניט אין אַן אָפּגרונט. דאָס מאַכט זיי אַזוי באַליבט ביי זייערע לאַנדסלייט. אַזאַ אומפּעלער־האַפטער געשמאַק און עלעגאַנץ וואָס צייכנען אויס הייבערג׳ס פּאָעזיע און גאַדע׳ס מוזיק; אַזאַ ענערגישע, געזונטע אָריגינאַליטעט וואָס כאַראַקטעריזירען איילענשלייגער׳ס און האַרטמאַנ׳ס בעסטע ווערק, ווען דענער תמיד אָפּשאַצען ווי דעם אויסדרוק פון אַ ריי־נער, זעלבסט־קאָנטראָלירטער קונסט. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט שטעלען מיט זיך פאָר די שטאַרק אָנגעצויגענע, אומזיניגע פערזענ־ליכקייטען, וואָס פילען אָן דאָס דייטשישע ראָמאַנטישע שפּיטאָל! אַ שווינדזיכטיגער מאָראַווישער „ברודער״ מיט׳ן שווינדזיכטיגעם ליידענשאַפט און דעם שווינדזוכטיגענם מיסטישע באַגערען — נאָ־וואַליס. אַ סאַטירישער מעלאַנכאָליקער, מיט האַלוציאַציעס און מיט אַ קרענקליכער נייגונג צו קאַטאָליציזם — טיק. אַ גאון, צו שאַפען, אָבער מיט געניאַלע נייגונגען צו רעוואָלטירען, און מיט׳ן מעכטיגען פאַרלאַנג פון דער אימפּאָטענץ זיך אונטערצואוואַרפען אַ דרויסיגער אויטאָריטעט — פרידריך שלעגעל. אַ צעלאָזענער פאַנטאַזיאָר מיט דער האַלב־פאַריקטער פאָרשטעלונג פון אַ שכור — האָפמאַן. אַ נאַרישער מיסטיקער ווי ווערנער, און אַ גאון ווי דער זעלבסטמערדער קלייסט. דערמאָנט זיך אָן האָפמאַנ׳ען און זיין תלמיד האַנס אַנדערסענ׳ען, און באַמערקט ווי קלאָר, ווי ניכטער און זעלבסט־קאָנטראָלירט עס ערשיינט אַנדערסען אין פאַרגלייך מיט זיין ערשטען לערער.

עס איז אַלזאָ זיכער, אַז די אייגענשאַפט פון האַרמאָניע גע־פינט זיך מעהר ביי די דענער. און עס איז לייכט צו פאַרשטעהן, אַז די וואָס באַטראַכטען האַרמאָניע, אפילו אַ שוואַכע, ווי די העכ־סטע אייגענשאַפט פון קונסט, וועלען אומפאַרמיידליך אוועקשטעלען

די דענישע ליטעראַטור פון די ערשטע יאָרצעהנדליג פונ׳ם איצ־זיגען יאָרהונדערט, העכער פון דער דייטשישער. אָבער די דע־נישע ליטעראַטור האָט דערגרייכט די דאָזיגע האַרמאָניע מיים־טענס דורך פאָרזיכט, דורך ניט האָבען קיין אַרטיסטישען קו־ראַזש. די דענישע פּאָעטען זיינען קיינמאָל ניט אַראָפּגעפאַלען, ווייל זיי האָבען קיינמאָל ניט געשטיגען צו אַזאַ הויך, פון וואַנען עס וואָלט געווען אַ געפאַר אַראָפּצופאַלען. זיי האָבען איבערגע־לאָזען פאַר אַנדערע אַרויפצוקלעטערן אויפ׳ן מאָנבלאַן. זיי האָ־בען זיך אָפּגעהיט פון ברעכען זייערע קעפּ, אָבער זיי האָבען קיינ־מאָל ניט אויפגעקליבען די אַלפּישע בלומען, וועלכע בליהען נאָר אין דער שווינדלענדיגער הויך און אויפ׳ן ברעג פון אָפּגרונטען. די ליטעראַרישע אייגענשאַפט, וועלכע, ווי מיר דוכט, מיר דענער האָבען קיינמאָל ניט גענוג אָפּגעשאַצט, איז געוואַגטקייט, יענע אייגענשאַפט אינ׳ם שרייבער וואָס רעגט איהם אָן אויסצודריקען זיינע אַרטיסטישע אידעאַלען, ניט קוקענדיג אויף רעזולטאַטען. די דרייסטע אַנטוויקלונג פון דעם וואָס איז טיפּיש פאַר׳ן שריי־בערם ליטעראַרישע טענדענץ שטעלט אָפּט פאַר די שעהנקייט פון זיין ווערק; אָדער, פּשוט׳ער גערעדט, ווען אַ ליטעראַרישע טענ־דענץ, ווי דער ראָמאַנטיזם, אַנטוויקעלט זיך אין דער ריכטונג פון ריינער פאַנטאַזיע, איז פאַר מיר יענער שרייבער דער אינטערע־סאַנטסטער, וועלכער וואַגט צום מעהרסטען אויפצוהייבען זיך צו דער הויך פון פאַנטאַסטישער הפקרות, ווי למשל האָפמאַן. וואָס מעהר ער איז משוגע פאַנטאַסטיש, אַלץ פיינער איז ער, פונקט ווי דער טאָפּאָל איז בעסער, וואָס העכער ער איז, און דער בוק־בוים איז בעסער, וואָס שלאַנקער און מעהר אויסגעשפּרייט ער איז. די פיינקייט ליגט אין דער געוואַגטקייט און אינ׳ם כח, מיט וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט דאָס, וואָס איז טיפּיש. דער וואָס אַנט־דעקט אַ ניי לאַנד קען, אין משך פון זיינע רייזעס, בלייבען שטע־קען אויף אַן אונטער־וואַסער פעלז. עס איז לייכט אויסצומיידען דעם פעלז און ניט אַנטדעקען דאָס לאַנד. די דענישע ראָמאַנטי־קער זיינען קיינמאָל ניט אַזוי משוגע ווי האָפמאַן, זיי זיינען אָבער אויך ניט אַזוי גייסטיג־אָנשטעקיג ווי ער. וואָס זיי געווינען אין קלאָרקייט און לעזבאַרקייט, פאַרלירען זיי אין שפּאַנענדיגען און

איבערמעכטיגען לעבען און ענערגיע. זיי אַפּעלירען צו אַ גרעסערער צאָל און אַ מעהר פאַרשידענאַרטיגען קלאַס לעזער, אָבער זיי באַצווינגען זיי ניט. די קרעפטיגערע אָריגינאַליטעט דערשרעקט דעם עולם אָבער זי באַגייסטערט די געקליבענע. אין דענישען ראָמאַנטיזם איז ניטאָ פרידריך שלעגעל׳ס געוואַגטע אוממאָראַליטעט, עס איז אָבער אויך ניטאָ אַזאַ סאָרט אָפּאָזיציאָנעלער גייסט וואָס דערגרייכט אין איהם ביז גאונות; זיין פייערלעשט זיך, און זיין דרייסטקייט פורעמט זיך אריין אין נייע און מאָדנע פאָרמען, עפּעס וואָס מיר נעמען אָן ווי אומפאַרענדערליך. די דענער ווערען אויך ניט קיין קאַטוילישע מיסטיקער. ביי אונז בליהט דער פּראָטעסטאַנטיזם אין דער פאַרגליווערטסטער פאָרם; דאָס אייגענע איז אמת בנוגע איבערנאַטירליכקייט און פּיעטיזם; אין גרונטוויגיאַניזם *) גליטשען מיר זיך אראָפּ אויף דער משופּעדיגער פלאַך, וואָס פירט צום קאַטאָליציזם. אָבער דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע פאַלען, מאַכען מיר קיינמאָל ניט דעם לעצטען טראָט; מיר ציהען זיך צוריק פון די לעצטע קאָנסעקווענצען. דער רעזולטאַט איז, אַז די דענישע רעאַקציע איז פיעל הינטערשטעליגער און מעהר פאַרדעקט ווי די דייטשישע. זי פאַרשלייערט זיך ווי יעדע זינד און האַלט זיך אָן אָן די אַלטאַרען פון דער קירך, וואָס זיינען תמיד געווען אַ טעמפּעל פאַר אַלע סאָרטען פאַרברעכער. איהר קענט די דענישע רעאַקציע ניט כאַפּען און איבערצייגען זי אויפ׳ן שטעל, אַז איהרע פּרינציפּען פירען לאָגיש צו אומטאָלעראַנץ, אינקוויזיציע און דעספּאָטיזם. קירקעגאַרד, צ. ב. ש., וואָס איז אין זיין רעליגיע אָרטאָדאָקסיש, און אין פּאָליטיק גלויבט ער אין אבסאָלוטיזם, ווערט צום סוף פון זיין לעבען אַ פאַנאַטיקער. דאָך — און דאָס איז אָן עכט־ראָמאַנטישער שטריך — זיין גאַנץ לעבען מיידט ער אויס צו ציהען פּראַקטישע שלוסען פון זיינע טעאָריעם; בלויז טיילמאָל באַמערקט מען אין איהם אַ מין געפיהל פון באַוואונדערונג פאַר דער אינקוויזיציע, אָדער אַ האַס פאַר נאַטורוויסענשאַפט.

*) ניקאָלאַי פרידריך סעווערין גרונטוויג איז געווען אַ דענישער פּאָעט (1839—1783), וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען רעליגיעזען אײנפלוס אויף די דריי סקאַנדינאַווישע פעלקער. (איבערזעצער.)

ווי אַ קאָנטראַסט, לאָמיר נעמען אַן אַנדער אַנהענגער פון אָר־טאָדאָקסיע און אַבסאָלוטיזם, זשאָזעף דע מעטער, פונקט אַזאַ ער־ליכער און אויפריכטיגער מאַמין ווי קירקעגאַרד און פונקט אַזאַ ליבהאָבער פון מענשען. דע מעטער דערפירט אַלע זיינע טעאָ־ריעס צו זייערע קלאָרע שלוסען, ניט אַנטלויפענדיג פון קיין זאַך, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערען ווי אַ דירעקטער פועל־יוצא פון זיין גלויבען. פונקט ווי קירקעגאַרד, איז ער אַ מענש מיט אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען און יוסטער קולטור, אָבער בעת קירקעגאַרד, ווען עס קומט צו פּראַקטישע אָנווענדונגען, האָט אַזוי מורא פאַר אַן „עפענטליכען סקאַנדאַל", ווי אַ פּאַרזעסען מיידעל, נעמט דע מעטער דרייסט אָן יעדע נויטיגע קאָנזעקווענץ. די באַ־רימטע שורות, לויבענדיג דעם הענקער אין'ם זעקסטען געשפּרעך פון די „פעטערבורגער אָווענטען", לאָזען מעהר גאָר ניט איבער צו פאַרלאַנגען בנוגע שפּראַך־קלאָרקייט. דער הענקער איז אַ „סו־בלים באַשעפעניש", „דער ווינקעל־שטיין פון דער געזעלשאַפט"; צוזאַמען מיט איהם „פאַרשווינדט יעדע סאָציאַלע אָרדנונג". לויט דע מעטער'ס טעאָריע דאַרף מען האָבען צוויי בחות איינצושטילען דעם רעבעלירענדיגען גייסט — דעם גייסט פון אַפּיקורסות און דעם גייסט פון ניט פאָלגען — וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פריי־געלאָזען, און די צוויי בחות זיינען דער פּאַבסט און דער הענקער. דער פּאַבסט און דער הענקער זיינען די צוויי הויפּט־שטיצען פון דער געזעלשאַפט; דער ערשטער צעשמעטערט דעם רעוואָלוציאָנערען געדאַנק מיט זיין באַפעל, דער צווייטער האַקט אָפּ דעם רעוואָלוציאָנערען קאָפּ מיט זיין האַק. עס איז אַ פאַרגע־ניגען צו לייענען אַזאַ טענה. דאָ האָבען מיר קראַפט און אַנט־שלאָסענקייט. אַן עפעקטפולען אויסדרוק פון אַ קלאָרען געדאַנק, אַן ענערגישע און אָפענע רעאַקציע. און דע מעטער איז דער זעל־ביגער אומעטום. ער איז ניט ווי די דענישע רעאַקציאָנערען, וועלכע רופען זיך ליבעראַלען, רעאַקציאָנער אין געזעלשאַפטליכע עניינים און רעליגיע, און ליבעראַל אָדער האַלב־ליבעראַל אין פּאָ־ליטיק. ער האַסט פּאָליטישע פרייהייט; ער שפּעט אָפּ (אין זיינע בריף) פון פרויען־גלייכבאַרעכטיגונג; אין אַ ספּעציעלער עסיי פאַרטיידיגט ער וואָרעם און מיט ישוב הדעת די שפּאַנישע אינ־

קאָוויזיציע; און מיט פולען אמת און פעסטער ערנסטקייט פאַר־לאַנגט ער מען זאָל ווידער אויפשטעלען די „אויטאָ דאַפע", און ער שעמט זיך ניט עס צו זאָגען ווען ער ווייס, אז ער דענקט אַזוי. קוקט זיך אויף איין אזא סאָרט מענשען, ער איז טאַלאַנטפול און אָנגעזעהן, גרויס אַלס אַ שטאַטסמאַן, גרויס אַלס אַ שרייבער, און ער איז גיכער מקריב זיין גאַנץ פאַרמעגען איידער נאָכצוגעבען דאָס מינדסטע דער רעוואָלוציע וועלכע ער פאַראַכט, אָדער נאַפּאָלעאָנ'ען, וועמען ער האַסט. ער באַוואונדערט אָפענהערציג דעם הענקער ווי דעם איינציגען אויפהאַלטער פון אָרדנונג; דער תליה גיט ער דעם וויכטיגסטען פּלאַץ אין זיין סטאַטוטען־בוך, און ער דאַט די קירך זיך צו באַנוצען מיט דער האַק און דער רוט. אַט אַזעלכער איז א מענש, וואָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט; אַ שטאַלץ, דרייסט פּנים, וואָס דריקט אויס אַ זיכערע גייסטיגע נייגונג, אַ פּנים, וואָס מען פאַרגעסט ניט. דאָס איז אַ טיפּ וואָס גיט אַ פאַרגעניגען, פּונקט ווי דער נאַטור־פאָרשער האָט פאַרגעניגען פון אַ פיינעם מוסטער פון אַ געוויסען סאָרט חיה, פון וועלכער ער האָט בלויז געהאַט געזעהן אומפאָלקאָמענע און שלעכטע ביישפּי־לען. באַטראַכטענדיג דעם ענין פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, מעגען מיר זיך האַלטען גליקליך, וואָס אין דער דענישער ליטעראַ־טור קען מען אַזעלכע פּערזענליכקייטען ניט געפינען, אָבער דאָס וואָס זיי זיינען ניטאָ גיט אַ ווייניגער פּלאַסטישען כאַראַקטער דער דענישער ליטעראַטור־געשיכטע.

עס איז גאַנץ גוט צו זאָגען, אז מיר דענער האָבען בלויז אַסי־מילירט די גוטע און געזונטע עלעמענטען פון דייטשישען ראָמאַנ־טיזם. ווען מיר זעהען מיט וואָס די דייטשישע ראָמאַנטיקער ענדיגען, פאַרשטעהען מיר, אז גלייך פון אָנהויב האָט זיך אינ'ם ראָמאַנ־טיזם פאַרבאָרגען אַ רעאַקציאָנערער פּרינציפּ, וואָס האָט פאַר זיי אָנגעצייכענט דעם גאַנג — דעם דיאַגראַם — פון זייערע קאַ־ריערעס.

פרידריך שלעגעל, דער מחבר פון לוצינדע, דער פריידענקער־באַוואונדערער פון פיכטע'ן, וועלכער אין זיין „אָפּהאַנדלונג אי־בער'ן באַגריף פון רעפּובליקאַניזם", זאָגט אז די דעמאָקראַטישע רעפּובליק מיט פרויען־גלייכבארעכטיגונג איז די איינציגע שכל־

דיגע רעגירונגס־פאָרם, געהט איבער צום קאַטאָליציזם, ווערט אַ מיסטיקער, און אַ געטרייער דינער פון דער קירך, און אין זיינע שפּעטערע שריפטען שטרעבט ער צו פאַרשטאַרקען דעם רעאַקציאָנערען אַבסאָלוטיזם. נאָוואַליס און שלייערמאַכער, וועלכע וויזען אַרויס אין זייערע ערשטע שריפטען אַ געמיש פון פּאַנטעאיזם און פּיעטיזם, פון שפּינאָזאַ און צינצענדאָרף, רוקען זיך כסדר אָפּ פון שפּינאָזאַ'ן און דערנעהנטערען זיך צו אָרטאָדאָקסיע. אין זיין שפּעטערען לעבען ציהט שלייערמאַכער צוריק די „בריעף איבער לוצינדע'ן", וועלכע ער האָט געשריבען אין אַ גייסט פון ריינסטען יוגענדליך ענטוזיאַזם. נאָוואַליס, וואָס דערקלערט אין זיינע יוגענדליכע בריף, אַז ער איז „גרייט פאַר יעדען סאָרט אויפקלערונג", און האָפט אַז ער וועט נאָך דערלעבען צו זעהן אַ „נייע באַרטאָלאָמיי"־נאַכט, *) אַן אַלגעמיינער חורבן אויף דעספּאָטיזם און תפיסות", וועלכער פאַרלאַנגט אַ רעפּובליק, און ווען מען פאַרפאָלגט פיכטע'ן צוליב אַטעאיזם, באַמערקט ער: „דער העלדישער פיכטע קעמפט ווירקליך פאַר אונז אַלעמען", — אָט דער זעלביגער נאָוואַליס ענדיגט דערמיט, וואָס ער באַטראַכט דעם קעניג אין ליכט פון אַן ערדישער השגחה, פאַרדאַמענדיג דעם פּראָטעסטאַנטיזם אַלס רעוואָלוציאָנער, פאַרטיידיגענדיג דעם ערדישען כח פון'ם פּאַבסט, און דערהויבענדיג דעם יעזואיטישען גייסט. פוקיי, דער ריטער אָהן מורא און אָהן פאָרוואורף, ווערט צום סוף אַ פּיעטיסטישער דאָן קיכאָט און האָט אַ גרויסען פאַרלאַנג זיך אומצוקערען צום פעאָדאַלען צושטאַנד. קלעמענס ברענטאַנאָ, דער פייערדיגסטער פּאָעט אין דער יוגענד, וועלכער האָט סיי אין לעבען, סיי אין דער ליטעראַטור, באַקעמפט יעדען געזעלשאַפטליכען מנהג, ווערט דער גלויביגער סעקרעטאַר פון אַ נאָנע, אַ היסטערישער וויזיאָנער; טוט גאָר ניט אין משך פון פינף יאָר, חוץ וואָס ער פילט אָן בוך נאָך בוך מיט די ווערטלעך פון אַנאַ קאַטערינאַ עמעריך. צאַכאַריאַס ווערנער איז אַ וואַריאַציע פון'ם זעלביגען ראָמאַנטישען טיפּ. ער הויבט אָן זיין קאַריערע ווי אַ פריינד פון „אויפקלערונג",

*) דאָס באַציהט זיך אויפ'ן מערדערליכען פּאָגראָם וואָס די פראַנצויזישע קאַטויליקען האָבען געמאַכט אויף די הוגענאָטען אין 1572. (איבערזעצער.)

אָבער גלייך פאַנגט זיך ביי איהם אָן אַ פּראָצעס פון מאָראַלען פאַגאַנדערפאַלען. לכתחילה הויבט ער אויף לוטער'ן, דערנאָך ווערט ער אַ רוימישער קאַטאָליק און ציהט צוריק זיין לויב־געזאַנג. צום סוף ווערט ער אַ גלח, און ווי אַ זעלכער ווייזט ער ארויס, סיי אין לעבען, סיי אין זיינע שרעקליך סענטימענטאַלע שריפטען און דרשות, אַ קאָמבינאַציע פון גראָבער ליידענשאַפט און פריסטליכען מיטגעפיהל.

און סטעפענס, דער וואָס האָט געשטורעמט דעם הימעל פון דייטשישען ראָמאַנטיזם, האָט פאַרטראָגען דאָס הייליגע פייער קיין דענעמאַרק, און ער האָט אַזוי שטאַרק צערודערט די מענשליכע מחות, אַז ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיין לאַנד. וואָס קען מען זאָגען וועגען איהם? וואָס איז ער געווען? אַן ערליכער, שוואַכער כאַראַקטער, מיט אַ מאָרך אָנגעפילט מיט אומקלאָרען ענטוזיאַזם; אַלץ איז ביי איהם געווען געפיל און נאָכגעמאַכטע פאַנטאַזיע; אָהן געדאַנקען־קלאָרקייט אָדער זין־פולער סטיליסטישער קורצקייט. עס איז בוכשטעבליך אוממעגליך צו לייענען די אַזוי־גערופענע וויסענשאַפטליכע שריפטען פון זיין שפּעטערער פּעריאָדע; מען רײַזיקירט דערטרונקען צו ווערען אין וואַסערדיגער סענטימענטאַליטעט אָדער שטאַרבען פון לאַנגווייליגקייט. יוליאַן שמיט זאָגט: „ווען ער האָט דערקלערט זיין נאַטור־פילאָזאָפיע אין זיין צעבראָכענעם דייטש פון דער פּראָפעסאָרישער קאַטעדרע, זיינען זיינע מאַטעמאַטישע שלוסען אויסגעקומען שלעכט, און זיינע עקספּערימענטען זיינען דורכגעפאַלען, אָבער ער האָט גענומען זיין פּובליקום מיט זיין ערליכקייט, מיט זיין כמעט רעליגיעזער ערנסטקייט, זיין נאַאיווען, קינדישען ענטוזיאַזם. נאַאיוויטעט איז אַן אייגענשאַפט וואָס האָט זעלטען געפעלט דעם צפון־מענשען פון יענער צייט. אין זיינע בעסטע יאָרען האָט סטעפענס, געפאַנגען פון די טעאָריעס פון דער נאַטור־פילאָזאָפיע, געפונען אַן אומשולדיג פאַרגעניגען אין אָנצייכענען די אייגענשאַפטען פון דער מענשליכער נשמה אין מינעראַלען, אין פאַרמענשליכען געאָלאָגיע און באָטאַניק. אָבער די יולי רעוואָלוציע האָט איהם פאַרדרעהט דעם קאָפּ. צעפלאַמט פון פּיעטיזם, דער עלטערער דאַמע, וועלכע איז דרייצעהן יאָר געווען דער אָביעקט פון זיין ליבע, און וואָס פאַר

איהר איז ער שוין מעהר ווי איין מאָל געהאַט אריינגעטראָטען אין קאַמף, האָט ער געענדיגט זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט אַ סעריע שוואַכע אַטאַקעס אויף די יונגע שרייבער פונ׳ם נאָך־רעוואָלוציאָנערען דייטשלאַנד.

בנוגע דעם איז ער בלויז געגאַנגען אין די טריט פון זיין רבי׳ן שעלינג׳ן. שעלינג, וועלכער — להיפוך פיכטע׳ן מיט זיין קלאָרער טעאָריע וועגען דעם „איך״ — שטעלט זיך אָפּ אויף דער מיסטעריעזער טבע פון דער נשמה, און באַזירט ניט בלויז זיין פילאָזאָפיע, נאָר אויך זיין קונסט און רעליגיע, אויף דער פערצעפּציע פונ׳ם גאון, אויף דער אַזוי־גערופענער „אינטעלעקטועלער אינטואיציע״, ווייזט ארויס, סיי אין זיין טעאָריע סיי דערין וואָס ער האָט ניט קיין מעטאָדע, די קינסטליכקייט, די הפקרות, וואָס איז די זריעת פונ׳ם ראָמאַנטיזם. שוין אין 1802, אין זיין „ברונאָ״, באַנוצט ער דעם באַדייטענדען אויסדרוק און דאָס שפּעטערדיגע שלאָג־וואָרט „קריסטליכע פילאָזאָפיע״, כאָטש ער האָט נאָך געהאַלטען, אַז בנוגע עכטען רעליגיעזען ווערט קען מען די ביבעל ניט פאַרגלייכען מיט די הייליגע ביכער פון אינדיען, — אַ טעאָריע פאַר וועלכער אפילו גערעס נעמט זיך אָן אין דער ערשטער צייט פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע. שעלינג וואָס האָט, אָנגערעגט פון טיק׳ן, פונקט ווי נאָוואַליס, נעהנטער שטודירט יעקב בעהמע׳ן און אַנדערע מיסטיקער, האָט מיסטיש אָנגעהויבען זיין פילאָזאָפיע איבער דער טעמע „די נאַטור אין גאָט״, אַן אויסדרוק וואָס מאַרטענסען האָט געשאַפען אין זיין „ספּעקולאַטיווע דאָגמאַטיק״. אָבער ווען ער האָט אביסעל שפּעטער באַקומען אַ הויכען ראַנג (פּראָפעסאָר אין מינכענער אוני־ווערזיטעט) און ער איז געוואָרען פּרעזידענט פון דער וויסענשאַפט־ליכער אַקאַדעמיע אין קאַטוילישען און קלעריקאַלען בייערן, האָט זיך די באַרימטע „אַנטפּלעקונג־פילאָזאָפיע״ גענומען פּיקען אין זיין מח. די טראַנספאָרמאַציע איז באַלד געוואָרען פולקאָמען. דער פייערדיגער ענטוזיאַסט איז געוואָרען אַ הויף־מענש, דער נביא — אַ שאַרלאַטאַן. מיט זיינע סודות, זיין אָנאָנסירען אַ וואונדערבאַרע וויסענשאַפט „וואָס מען האָט ביז איצט געהאַלטען פאַר אוממעג־ליך״, זיין אָפּזאָגען זיך צו פאַרעפענטליכען זיין תורה, צו טון עפּעס בכלל אַ חוץ מיטטיילען זי מינדליך, און דאָס אויך ניט אין איהר

פולקייט, האט געמאכט אז מען זאל איהם רופען קיין בערלין נאך העגעל'ס טויט און העלפען דער שטאטליכער רעליגיע אינ'ם „קריסטליך־גערמאנישען" פאליציי־באהערשטען פרייסען פון יענער צייט, און לערנען א שטאט פילאזאפיע פאר וועלכער דער פא־סיגסטער נאמען איז, לויט זיינע אייגענע ווערטער, קריסטאלאגיע. דעמאלט אי עס געשעהן אז דער יונגער דור, די לינקע העגעליאנער, זיינען אנגעפאלען אויף איהם, צעריסען זיין מיסטיש שפינוועב אויף טויזענטער שטיקער.

דאך איז שעלינג צו ווינציגסטען אומראציאנאל צווישען די ראמאנטישע פילאזאפען. פראנץ באדער, דער פארקערפערטער יעקב בעהמע, וואס קירקעגארד האט איהם באוואונדערט, האט שע־לינג'ן שטארק באשולדיגט אין אפיקורסות; ער ווארפט איהם פאר, אז ער האט אוועקגעשטעלט די דריי־איינינקייט אויף א לאגישער וואג־שאל, און, וואס איז נאך ערגער, אז ער האט געוואגט אפצו־לייקענען די עקזיסטענץ פון א פערזענליכען טייוועל. דאס וואס אנדערע האבען געזאגט איז אין איינקלאנג מיט דעם. שובערט שרייבט דעם „סימבאליזם פון חלומות" (איז דען דער חלום ניט געוועזן דער אידעאל פונ'ם ראמאנטיזם?), ער פארנעמט זיך גאנץ ערנסט מיט אויסטייטשען זיי, גליקליך אין זיין איבערצייגונג, אז וויט־זעהעריי און חזיונות זיינען די העכסטע קוואלען פון וויסען. דער וויזיאנער פון פרעוואָרסט, וואס שטרוים, און דאס איז זעהר באראקטעריסטיש, פאנגט אן זיין עפענטליכע קאריערע מיט ארא־רייסען זיין מאסקע, שפילט א וויכטיגע ראלע אין יענער צייט. דערנאך האבען מיר גערעס'ן, וועלכער האט אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציע, „באגייסטערט צו זינגען נצחון־לידער אויף דעם וואס רוים איז געפאלען און די „הייליגע רוימישע אימפעריע" האט זיך אויסגעלייזט", און וועלכער האט פארנומען אן אקטיוועו און בכבוד'ען פלאץ אין צעפלאמען דעם דייטשען פאטריאטישען גייסט בעת'ן קאמף אנטקעגען נאפאלעאנ'ען, — אט דער זעלביגער גערעס ווערט דער מחבר פון „דער קריסטליכער מיסטיציזם" (א בוך וואס קירקעגארד האט געלייענט מיט ציטערניש און יראה), קייקעלט זיך אינ'ם בלוט פון מארטירער, פארגלאצט די אויגען אויף דער גסיסה און עקסטאז פון די קריסטליכע הייליגע, רעכענט אויס

די פאַרשידענע שטראַלען־קרוינען, די סימנים פון טשוועקעס און וואונדען אין דער זייט, דורך וועלכע מען דערקענט זיי, און ציהט זיך אויס אין שטויב, ער, דער אַלטער יאַקאָבינער ציהט זיך אויס פאַר דער איינציג אמת'ער קאַטוילישער קירך, זינגענדיג לויב געזאַנגען צו דער „היילינער אַליאַנץ". גיט צו צו די דאָזיגע די פאָליטיקער: אדאַם מילער'ן — וועלכער, ווי גאַטשאַל האָט ריכטיג באַמערקט, זוכט אין דער פּאָליטיק נאָוואַליס'עס „בלאָע בלום", און ס'וואָלט זיך איהם זעהר וועלען צוזאַמענמישען דעם שטאַט, די וויסענשאַפט, די קירך און די בינע אין איין וואונדערליכען גאַנצען; האַלער'ן — וועלכער האָט ניט אויסגעזאָגט, אז ער האָט זיך באַקערט צום קאַטאָליציזם כדי אָנצוהאַלטען זיין אַמט, און וועלכער, אין זיין „דער אויפלעב פון די שטאַט וויסענשאַפטען" באַזירט זיין וויסענשאַפט אויף טעאָקראַטיע; לעאָ'ן (וועמען רוגע האָט ביטער קריטיקירט) — וועלכער האָט אינ'ם זעלביגען גייסט פּראָטעסטירט אַנקעגען דער מענשליכקייט פון דער צייט און איהר ווידערווילען צו פאַרגיסען דאָס בלוט פון די ראַדיקאַלען; און שטאַל'ן — וועלכער אין זיין „פילאָזאָפיע פון געזעץ" פאַרגלייכט חתונה מיט דער באַציהונג צווישען קריסטוס'ן און דער קירך, די פאַמיליע — מיט דער דריי־איינינגקייט, און דאָס ערדישע רעכט פון נאָכפאָלגערשאַפט — צום מענשענס רעכט אויף דער געטליכער ירושה. נעמענדיג דאָס אַלץ צוזאַמען פיהלט מען אזוי ווי דער ראָמאַנטיזם וואָלט זיך געענדיגט מיט אַ יום טוב פון מכשפות וואו די פילאָזאָפען שפּילען די ראָלע פון אַלטע ווייבער ארומגערינגעלט מיט אַ טומעל פון עם הארצים, ווילדע געשרייען פון מיסטיקער און אַ ליאַרעם פון פּאָליטיקער פאַדערנדיג וועלטליכען און עקלעזיאַסטישען דעספּאָטיזם, בעת טעאָלאָגיע און טעאָסאָפיע פאַלען אַרויף אויף די וויסענשאַפטען און דערשטיקען זיי מיט זייערע גלעטען.

קאַפּיטעל ב.

די פּיאָנערען פונ'ם ראָמאַנטיזם.

דאָס ראָמאַנטישע און דאָס איצטיגע דייטשלאַנד; די אָפּשטאַ־
מונג פונ'ם ראָמאַנטיזם; געטע; שילער; די רעוואָלוציע
אַנטקעגען קאָנווענציאָנאַליטעט; מאַדאַם דע סטאַל; פאַנטאַזיע
און ווירקליכקייט אין דער ליטעראַטור; קאָצעבו און געטע;
דער צווייפעל אינ'ם טאַלאַנט פון געטע'ן און שילער'ן; דער
סוביעקטיווער כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור פון יענער צייט;
פיכטע'ס סוביעקטיווע פילאָזאָפיע; דער אינטעלעקטועלער כאַ־
ראַקטער פונ'ם ראָמאַנטיזם.

יעדער איינער וואָס באַקענט זיך מיט'ן היינטיגען דייטש־
לאַנד סיי דורך מאַכען אַ רייזע אין לאַנד, סיי דורך לעזען,
און דערנאָך פאַרגלייכט ער עס מיט'ן דייטשלאַנד פונ'ם אָנהייב פון
יאָרהונדערט, ווערט ער נשתומם פונ'ם קאָנטראַסט. וואָס פאַר אַ
מהלך צווישען יענער צייט און איצט? ווער וואָלט עס געגלויבט,
אַז אָט דאָס רעאַליסטישע דייטשלאַנד איז אַמאָל געווען אַ ראָמאַנ־
טיש דייטשלאַנד!

עפענטליכע אויסדרוקען, פּריוואַטע געשפּרעכען, דאָס סאַמע
אויסזעהן פון די שטעט טראָגט איצט אַ קלאָרען סימן פון רעאַליזם.
שפּאַצירט איבער וואָסער ניט איז גאַס אין בערלין, און איהר באַגע־
גענט מענשען אין אוניפאָרמען, אָפיצירען און סאָלדאַטען, שטייף
און דעקאָרירט. די ליטעראַטור אין די פענסטער פון די ביכער־
קראָמען האָט על פּי רוב אַ פּראַקטישע טענדענץ. אפילו אויפ'ן מע־
בעל און אויף די באַפּוצעכצען פיהלט זיך דער איינפלוס פון אַ
נייעם גייסט. מען קען זיך ניט פאָרשטעלען עפּעס פּראָזאאישערס
און קריגערישערס ווי דאָס געשעפט פון אַ בערלינער סוחר פון אר־
נאַמענטאַלע אַרטיקלען. אויף די זייגערס, וואו אַמאָל האָט געקניהט
אַ געפּאַנצערטער ריטער און געקושט זיין דאַמע'ס פינגער־שפּיצען,

שטעהען איצט אולאנער און קיראסירען אין פולע אוניפאָרמען.
קאָנוס־פאָרמיגע קוילען הענגען אראָפ ווי באצירונגען אויף זייגער־
קייטעלעך און אָנגעוואָרפענע ביקסען הענגען אראָפ פון קאנדעלאב־
רען. דאָס מאָדע מעטאַל איז אייזען. די איצטיגע באשעפטיגונג
פון אָט דעם פאָלק פון פילאָזאָפען און פאָעטען איז זיכער ניט קיין
פאָעזיע שרייבעריי און פילאָזאָפירען. איצט ווייסען זעהר ווייניג
וועגען פילאָזאָפיע אפילו הויך געבילדעטע דייטשען, — איהר וועט
ניט געפינען קיין איין דייטשישען סטודענט אויף צוואנציג וואָס זאָל
האָבען געלייענט העגעל׳ן; דער אינטערעס אין פאָעזיע ווי אזעלכע
איז כמעט אָפּגעשטאָרבען. פאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען
רופען ארויס הונדערט מאָל אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט ווי קול־
טורעלע פראָבלעמען אָדער פסיכישע רעטענישען.

און דאָס איז דאָס פאָלק וואָס איז אמאָל געווען אין גאנצען
ארייגעטאָן אין ראָמאַנטישע טרוימען און ספעקולאציעס, און האָט
געזעהן זיין פראָטאָטיפ אין האמלעט׳ן! האמלעט און ביסמארק!
ביסמארק און ראָמאַנטיזם! עס איז דעם גרויסען דייטשישען
שטאטסמאן בלי ספק געלונגען אז גאנץ דייטשלאנד זאָל האלטען
מיט איהם, הויפטזעכליך דערפאר ווייל מיט זיך אליין האָט ער גע־
געבען זיין לאנד טאקע יענע אייגענשאפטען אין וועלכע עס האָט
זיך אזוי לאנג גענויטיגט. דורך איהם האָט פאָליטיק פארנומען
דעם פלאץ פון עסטעטיק. דייטשלאנד האָט זיך פאראייניגט; די
מיליטערישע מאָנארכיע האָט פארשלונגען די קליינע שטאטען און
צוזאמען מיט זיי אלע זייערע פעאָדאלע אידיליעס. פרייסען איז
געוואָרען דייטשלאנד׳ס פידמאָנט *) און האָט ארייגעבלאָזען זיין
רעגעלמעסיגען און פראַקטישען גייסט אין דער נייער אימפעריע;
און גלייכצייטיג דערמיט האָט די נאטור־וויסענשאפט אונטער־
דריקט אָדער פארביטען די פילאָזאָפיע און די אידעע פון נאציאָנא־
ליטעט האָט פארנומען דעם פלאץ פון׳ם „מענשליכקייט״־אידעאַל,
אָדער איהם מאָדיפיצירט. די באפרייאונג־מלחמה פון 1813 איז
הויפטזעכליך געווען א רעזולטאט פון ענטוזיאזם; די נצחונות פון

---

*) זעהר א רייכע און פרוכטבארע געגענד אין איטאליען. (איבער־
זעצער.)

1870 זיינען הויפּטזעכליך געווען אַ רעזולטאַט פון דער פאָרזיכטיגסטער אויסרעכענונג.

די אידעע וואָס איז דער וועג־ווייזער פונ׳ם נייעם דייטשלאַנד איז דער געדאַנק, אַז דאָס לאַנד דאַרף זיך אָרגאַניזירען אין עפּעס גאַנצעס. דער געדאַנק דרינגט דורך סיי דאָס לעבען סיי די ליטעראַטור. דער אויסדרוק ''In Reih and Glied'' — אין „איינגעשטעלטע רייהען“ — (דער נאָמען פון שפּילהאַגען׳ס אַ ראָמאַן) וואָלט געקענט זיין אַן אַלגעמיין שלאַג־וואָרט. דער נאַציאָנאַלער ציל איז צונויפזאַמלען אַלץ וואָס איז צעזייט געוואָרען, צו פאַרשפּרייטען די קולטור וואָס איז געווען דאָס פאַרמעגען פון בלויז עטליכע, צו גרינדען אַ גרויסען שטאַט, אַ גרויסע געזעלשאַפט; און מען פאָדערט אַז דער איינצעלנער זאָל מקריב זיין זיין אינדיווידואַליטעט כדי צו פאַרשטאַרקען דעם כח פונ׳ם גאַנצען, פון דער מאַסע: דער כח פון דער מאַסע! די דאָזיגע אידעע קען מען באַמערקען אין די וואונדערליכסטע ערשיינונגען פון יענער צייט. ביסמאַרק׳ס חשבונות, לאַסאַל׳ס אַגיטאַציע, מאָלטקע׳ס טאַקטיק און וואַגנער׳ס מוזיק זיינען באַזירט אויפ׳ן גלויבען אין דער דאָזיגער אידעע. אַ פאַרלאַנג צו בילדען דאָס פאָלק און עס פאַראייניגען פאַר אַ געמיינשאַפטליכען צוועק איז די הויפּט שפּרינגפעדער פון דער ליטעראַרישער אַקטיוויטעט פון די פּראָזע שרייבער פון יענער פּעריאָדע. אַ געמיינשאַפטליכער שטריך פון אַלע ווערק וואָס שפּיגעלט אָפּ צום קלאָרסטען דעם גייסט פון דער צייט, איז דאָס וואָס זיי האַלטען זיך ביים ענין, ביי דער באַהאַנדעלטער טעמע. דער איינפלוס פון דער גרויסער אידעע „דער כח פון דער מאַסע“ לאָזט זיך דאָ אויך פיהלען. אין דער נייער ליטעראַטור ווייזט זיך אַרויס די באַציהונג פונ׳ם איינצעלנעם צום שטאַט — דער קרבן פון פערזענליכען פאַרלאַנג און פון דער אָריגינאַליטעט וואָס איז געקומען פון דעם וואָס מען האָט איינגעשפּאַנט דעם „איך“ אין שטאַט־וואָגען — ווי אַ שאַרפער קאָנטראַסט פון דער ראָמאַנטישער פאַרגעטערונג פונ׳ם טאַלאַנטירטען אינדיווידואום מיט אַלע זיינע באַזונדערקייטען, און פון דער ראָמאַנטישער גלייכגילטיגקייט צו אַלץ וואָס איז פּאָליטיש און היסטאָריש. די ראָמאַנטישע ליטעראַטור איז תמיד געווען מעהר פון אַלץ אַ סאַלאָן ליטעראַטור; דער אידעאַל פון ראָמאַנטיזם

איז געווען די אינטעליגענטע געזעלשאַפט און עסטעטישע אונטער־האַלטען. (זעה די געשפּרעכען אין טיק׳ס „פאַנטאַזוס”).

ווי אַנדערש אַלץ איז געווען אין יענע פאַרגאַנגענע טעג! סיי אין לעבען, סיי אין דער ליטעראַטור איז אַלמעכטיג דער אָפּגעריי־סענער „איך” אין זיין היימלאָזער אומאָפּהענגיגקייט. דער וועג־ווייזער איז דאָ קיין זאַך ניט אַ חוץ דער פרייער, אומהיסטאָרישער „איך”. דאָס לאַנד איז צעטיילט אין אַ מאַסע קליינע שטאַטען, רעגירט פון דריי הונדערט הערשער און פופצעהן הונדערט האַלבע הערשער. אין די דאָזיגע שטאַטען הערשט דער אַזוי־גערופענער „אויפגעקלערטער” דעספּאָטיזם פון אַכצעהנטען יאָרהונדערט, מיט זיינע ענגע, פאַרגליווערטע סאָציאַלע באַדינגונגען און באַציהונגען. דער אַדעליגער איז האַר און הערשער פון זיינע קנעכט; דער פאָטער איז האַר און הערשער פון זיין פאַמיליע — אומעטום עקזיסטירט שטרענגע גערעכטיגקייט אָבער ניט קיין גלייכהייט. עס זיינען אין דער אמת׳ן ניטאָ קיין גרויסע אויפגאַבען פאַר׳ן איינצעלנעם, ממילא איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר גאונות. דאָס טעאַטער איז דער איינציגער פּלאַץ וואו די, וואָס קומען ניט ארויס פון פּרינצען, קע־נען בכלל באַגעגענען די צאָלרייכע מדרגות פון מענשליכען לעבען, און דערפון קומט די בינען־מאַניע פון דער ליטעראַטור. ניט האָ־בענדיג קיין שום געזעלשאַפטליך פעלד וואו צו ארבייטען, נעמט יעדע טעטיגקייט נויטווענדיג אָן די פאָרם פון אַ מלחמה מיט דער ווירקליכקייט אָדער אַן אַנטלויפען פון איהר. דאָס אַנטלויפען ווערט צוגעגרייט דורכ׳ן איינפלוס פון דער ווידער אַנטדעקטער אַלטער קולטור און פון ווינקעלמאַנ׳ס שריפטען; די מלחמה — דורכ׳ן איינפלוס פון די סענטימענטאַל מעלאַנכאָלישע ענגלישע שרייבער (יאָנג, סטוירן) און פון רוסאָ׳ן, וועמען מען האָט געמאַכט ווי אַן אַפּאָסטאָל פון דער נאַטור, וועלכער, ווי שילער האָט זיך אויסגע־דריקט „וואָלט זעהר וועלען מאַכען מענשען פון קריסטען.”

מיר דאַרפען אַלזאָ קודם כל איינזעהן ווי אַזוי אָט דער שטערן איז אויפגעגאַנגען, פון וואַנען עס שטאַמט אָפּ אָט דער פרייער ראָמאַנטישער „איך”, וואָס זיינע קוואַטערס זיינען געווען די גרע־סטע דייטשישע קעפּ.

לעסינג איז דער מענש וואָס האָט אוועקגעלייגט דעם פונ־

ראַמענט פונ׳ם אינטעלעקטועלען לעבען פונ׳ם מאָדערנעם דייטש־לאַנד. ער איז געווען אַ רעפאָרמער אין יעדער זאַך צו וועלכער ער האָט זיך צוגערירט, מיט אַ קלאָרען געדאַנק, שטאַרקען ווילען און אַקטיוו ניט צום מיד ווערען. וויסענדיג דורכאויס וואָס ער טוט, האָט ער אויפגעקלערט און געבילדעט דעם דייטשישען מח. ער איז געווען די פאַרקערפערונג פון פעסטער אומאָפּהענגיגקייט, און קרעפטיגער, שטענדיג אַקטיווער גרייטקייט צום קאַמף. זיין פערזענליכער אידעאַל, ווי עס זעהט זיך אַרויס אין זיין לעבען און אין זיינע שריפטען, איז געווען אַ שטאָלצע אומאָפּהענגיגקייט מיט אַ קלוגער ליבע פאַר זיינע מיטמענשען וואָס איז בייגעקומען אַלע רעליגיעזע אונטערשיידען. דערפאַר, כאָטש אין זיין צייט איז ער געשטאַנען איינזאַם, איז זיין „איך״ געוואָרען אַ קוואַל פון ליכט. ער איז געווען דער פראָמעטעאוס פון דער דייטשישער פּראָזע. זיין גרויסער אויפטו איז געווען צו באַפרייען אויף שטענדיג די דייטשישע קולטור פון די טעאָלאָגישע וויקעל־שנורען, פונקט ווי לוטער האָט זי באַפרייט פון די קאַטוילישע. זיין לעבען און זיין קריטיק זיינען געווען האַנדלונג, און פאַר איהם איז דער תמצית פון פּאָעזיע אויך געווען האַנדלונג. אַלע זיינע כאַראַקטערען זיינען פול מיט דראַמאַטישער ליידענשאַפט. להיפוך צו דער טעאָלאָגישער טעאָריע פון שכר ועונש האָט ער געהאַלטען אַז די העכסטע מאָראַל איז צו טון גערעכטיגקייט צוליב גערעכטיגקייט. און פאַר איהם איז די געשיכטע פון דער וועלט געוואָרען אַ געשיכטע פון דער ערציהונג פון מענשליכען מין. ביז אַ געוויסער מאָס באַנוצט ער דאָס וואָרט „ערציהונג״ בלויז נאָכצוגעבען זיינע לעזער, וועלכע, ער האָט גע־וואוּסט, קענען זיך ניט פאָרשטעלען וואָסער ניט איז אַנטוויקלונג אָהן אַ געטליכען דערציהער; אָבער סיי ווי טיי איז ער ניט געווען באַקאַנט מיט דער אידעע פון נאַטירליכער אַנטוויקלונג. די גע־שיכטע איז פאַר איהם אַ יחוס בריף פון דער „אויפקלערונג״. דער „איך״ איז פאַר איהם ניט די נאַטור, נאָר ריינע פּסיכיק.

אין דער אמת׳ן איז דאָס בעסטע וואָס איז געווען אין לעסינג׳ן ניט געווען סימפּאַטיש פאַר דער נייער גרופּע ראָמאַנטיקער; זיי האָבען זיך וויניגער אָנגעהערט מיט איהם ווי מיט יעדען אַנדערן גרויסען דייטשישען שרייבער, שילער אַריינגערעכענט. דאָך איז

עס פאַר זיי געווען גאַנץ נאַטירליך ניט צו וועלען אנערקענען קיין שום שייכות צווישען לעסינג'ן און יענע תלמידים זיינע (אַזעלכע מענשען ווי ניקאָלאַי, ענגעל, גאַרפע און שיץ), וועלכע זיינען געווען, פונ'ם שטאַנדפּונקט פון דער „אויפקלערונג", זייערע ביטערע שונאים און אומ'ברחמנות'דיגע פאַרפאָלגער. דאָס האָט געטאָן פרידריך שלעגעל אין אַן עסיי וואו, ליובענדיג די קראַפט און דעם פאַרנעם פון לעסינג'ס טיפקייט, שטרייכט ער אונטער אַלץ וואָס אין איהם איז ניט רעגולער, דרייסט רעוואָלוציאָנער, אומסיסטעמאַטיש, און פּאַראַדאָקסאַל; ער שטעלט זיך אָפּ אויף זיין קריגערישען גייסט און ציהט די אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ וואָס מען קען אויסטייטשען ווי ציניש. די ראָמאַנטיקער וואָלטען באַין אופן ניט געקענט אָנווייזען אויף אַן עכטען קעמפער פאַר'ן שכל אַלס זייער פאָרלויפער, ממילא האָבען זיי געזוכט צו כאַראַקטעריזירען דעם קרעפטיגען עלעמענט אין לעסינג'ס ווערק ווי בלויז דאָס געווירץ, דעם זאַלץ וואָס היט אָפּ פון קאַליע ווערען.

א פיעל גרעסער'ן חוב זיינען זיי שולדיג געווען הערדער'ן. זיי ווייזען, אז זיי שטאַמען אָפּ פון איהם סיי דורך דעם וואָס זיי האַלטען אַן די פּעריאָדע פון „שטורעם און דראַנג", סיי דורך זייער פעהיגקייט צו פאַרשטעהן און רעפּראָדוצירען די פּאָעזיע פון אַלע לענדער. מיט הערדער'ן האָט זיך דער נייער יאָרהונדערט אָנגעפאַנגען און מיט לעסינג'ן האָט זיך דער אַלטער פאַרענדיגט. פאַר הערדער'ן איז אָפּשטאַם און וואוקס וויכטיגער ווי געדאַנק אין האַנדלונג. פאַר איהם איז דער אמת'ער מענש ניט בלויז קיין דענקענדיגע און מאָראַלע בריאה, נאָר אַ טייל פון דער נאַטור. ער האָט ליב אָריגינאַליטעט און שטעלט אויף איהר מעהר ווי אויף עפּעס אַנדערש. אינטואיציע איז פאַר איהם בילכער ווי שכל און ער וואָלט באַקעמפט ענג־הערציגקייט ניט מיט שכל נאָר מיט אָריגינאַליטעט. דער אינטואיטיווער מענש איז פאַר איהם דער מענשליכסטער מענש. זיין אייגענע גאונות איז געווען אַ גאונות אַריינצונעמען. ער האָט אויסגעבריייטערט זיין „איך" ביז ער האָט אַרומגענומען יעדען סאָרט אָריגינאַליטעט, אָבער בלויז אַ דאַנק דעם געפיהל האָט ער אַרומגענומען, האָט ער אריינגעזאַפּט אין זיין נשמה אַ ים מענשליך און נאַציאָנאַל לעבען.

פון הערדער׳ן נעמען די ראָמאַנטיקער ארויס אַלץ וואָס איז צום ווערטפולסטען אין זייער ליטעראַרישער קריטיק — די אוניווערסאַלע אויפנעמליכקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין׳ם איםפולס איבערצוזעצען און דערקלערען. פון איהם קריגען זיי די ערשטע אָנרעגונג צו שטודירען וויסענשאַפטליך די איירָאָפּעאישע און אַזיאַטישע שפּראַכען. פון איהם קומט זייער ליבע פאַר אַלץ וואָס איז נאַציאָנאַל סיי אין זייער אייגענער ליטעראַטור סיי אין דער פרעמדער, זייער ליבע פאַר שפּאַנישע ראָמאַנען און שעקספּיר׳ס דראַמעס. הערדער האָט באַגריפען זאַכען אין זייער גאַנצקייט, ווי עס האָט געטאָן געטע נאָך איהם. זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַר נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטען ווערט אין געטע׳ן דעם גאון׳ס אינטואיציע פאַר דעם וואָס איז טיפּיש אין דער נאַטור, און ביי שעלינג׳ן ווערט עס דערהויבען אונטער׳ן נאָמען „אינטעלעקטועלע אינטואיציע“. די ראָמאַנטיקער׳ס טענה אַנטקעגען דער אידעע פון אַ ציל אָדער צוועק קען צוריק געפירט ווערען צו הערדער׳ן. זיין טעאָריע פון געשיכטע שליסט אויס די אידעע פון אַ צוועק; אַלץ וואָס געשעהט האָט אַ סיבה און וואַרפט זיך אונטער גזעצען, אָבער מען קען עס ניט דערקלערען דורך עפּעס וואָס האָט נאָך ניט פּאַסירט, ד. ה. דורך אַ צוועק. די ראָמאַנטיקער האָבען אַריבערגעטראָגען אָט די אידעע אין דער פּערזענליכער, אין דער פּסיכישער וועלט. פאַר זיי איז צוועקלאָזיגקייט אַן אַנדער נאָמען פאַר דער ראָמאַנטישער גאונות. דער גאון לעבט אָהן אַ באַשטימטען ציל; צוועקלאָזיגקייט איז ליידיג־געהעריי, און ליידיג־געהעריי איז דער צייכען און די פּריווילעגיע פון די אויסדערוועהלטע. אין דער דאָזיגער קאַריקאַטור־פילאָזאָפיע איז ניט פאַראַן פיעל ענליכקייט צו הערדער׳ס פילאָזאָפיע. אָבער ער איז דער, וואָס האָט באַשאַפען אַ נייעם באַגריף פון אַ גאון, דהיינו, דעם גלויבען, אַז גאונות איז אינטואיטיוו, אַז זי באַשטעהט אין דער קראַפט אויפצונעמען און באַגרייפען ניט ווענדענדיג זיך צו דער אַבסטראַקטער אידעע. אָט דער באַגריף באַקומט ביי זיי ראָמאַנטיקער די פאָרם פון שפּאָט פאַר די עקספּערימענטאַלע מעטאָדען אין דער וויסענשאַפט און אַ סכנה פאַר אויסער געוויינליכע משוגעת׳ן אין דער קונסט.

אין געטע׳ן איז אויסגעפירט געוואָרען אַלץ וואָס הערדער האָט

צוגעזאָגט. פאַר איהם איז דער מענש געוועזן ניט בלויז טעאָרעטיש די לעצטע רינג אין דער קייט פון דער נאַטור, די מענשען אין זייערע ווערק זיינען אַליין געוועזן נאַטורען; און אין זיינע וויסענשאַפט־ליכע פאָרשונגען האָט זיין גאונ׳יש אויג באַמערקט די געזעצען פון דער עוואָלוציע. זיין אייגענער „איך" איז געוועזן אַ קליינע וועלט, און אַזאַ איז געוועזן דער איינדרוק אויף די פון זיינע צייט חברים, וואָס האָבען צום בעסטען געקענט זעהן. „געטע און דאָס לעבען זיינען איינס", זאָגט ראַהעל. ער האָט אַזוי טיף אריינגע־דרונגען אין דער נאַטור, ער איז אַזוי דורך און דורך געוועזן אַ לע־בעדיגער פּראָטעסט אַנטקעגען יעדען איבערנאַטירליכען גלויבען, אַז ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט אַוועקצונעמען פונ׳ם גאַנ׳ן דעם כאַראַקטער פון שיינבאַרער אומבאַגרייפליכקייט און קע־גען־נאַטירליכקייט דערקלערענדיג (אין זיין אויטאָביאָגראַפיע (Wahrheit und Dichtung) זיין אייגענע נביאות, די טיפסטע און אוניווערסאַלסטע פון זיין צייט, ווי אַ נאַטירליכען פּראָדוקט וואָס די אומשטענדען האָבען אַנטוויקעלט, און דערמיט האָט ער געשאַ־פען אַ סאָרט ליטעראַרישע קריטיק וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען שטאַרק באַקעמפט.

פון געטע׳ן האָבען די פון אינגערן דור גענומען זייער טעאָריע פון די רעכט און וויכטיגקייט פון דער גרויסער פרייער פּער־זענליכקייט. ער האָט תמיד געלעבט זיין אייגען לעבען, און ער האָט עס געלעבט פול און פריי. ניט מאַכענדיג קיין שום אַטאַקע אויף די עקזיסטירענדיגע באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט, האָט ער אי־בערגעאַנדערשט, לויט זיינע אייגענע פאָדערונגען, די סאָציאַלע באַציהונגען אין וועלכע ער האָט זיך געפונען. ער ווערט די נשמה פונ׳ם יוגנדליכען און פריילינען ווייסאַרער קעניגליכען הויף. מיט דער דרייסטקייט פון יוגענד און גאונות ציהט ער מיט זיך אריין יעדען איינעם אין אַ שטראָם פון לעבעדיגקייט — יום טובים, סעודות, גליטש־עקספּעדיציעס, מאַסקעראַד בעלער — און איז באַ־לעבט מיט אַ ווילדער פרייד פון דער נאַטור, וואָס אָט ווערט זי „ליכטיג" אָט „פינסטער" דורך פאַרשידענע ליבעס פון אַ מעהר אָדער וויינינגער צוויפעלדיגען כאַראַקטער. זשאַן פּאָל שרייבט צו אַ פריינד, אַז בלויז מינדליך קען ער באַשרייבען דעם אויפפיר

אין ווײַמאַר. ווען מיר הערען אַז אַפילו גליטשען זיך איז געווען אַ סקאַנדאַל פאַר די זאַטע פּני פון יענער שטאָט, וואונדערן מיר זיך גאָר ניט אויף ווילאַנד'ס בייזער באַמערקונג, אַז אין זיינע אויגען האָט דער דאָזיגער קרייז געסטאַרעט זיך צו „ברוטאַליזירען די נאַטור פון חיות". אַזוי אַרום איז עס געקומען אַז די ליבליכע, ראַפינירטע קאָקעטקע, פרוי פאָן שטיין, איז געוואָרען געטע'ס מוזע אויף גאַנצע צעהן יאָהר, דער אָריגינאַל פון „לעאָנאָרע" און „איפיגעניע"; און שפּעטער האָט ער געמאַכט נאָך אַ גרעסערען סקאַנדאַל אַריינגעמענדיג אין זיין הויז קריסטיאַנע פולפּיוס (דאָס יונגע מיידעל וואָס איהר אַנוועזענהייט איז פאַר איהם געוואָרען אַ נויטיגקייט, און וועלכע, ניט קוקענדיג אויף איהרע פעלערען, האָט קיינמאָל ניט פאַרביטערט זיין לעבען און ניט געשטעלט איהם קיין שום פאָדערונגען), און געלעבט מיט איהר אַכצעהן יאָר איידער ער האָט באַקומען די סאַנקציע פון דער קירך פאַר זייער חתונה.

געטע'ס און אויך שילער'ס יוגענדליכע ווערק זיינען געווען באַגייסטערט פון דעם וואָס די דייטשען רופען „פריינגייסטעריי" אין ליידענשאַפט, פון פרייהייטס־ פאָדערונגען און רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטען. ביידע אַטעמען דעם זעלביגען גייסט, דעם גייסט פון אַרויספאָדערונג. געטע'ס „די געשוויסטער" באַהאַנדעלט אַ ברודער'ס ליידענשאַפט פאַר דער שוועסטער. דער סוף פון „סטעלאַ" אין דער ערשטער פאָרם, איז אַ באַרעכטיגונג פון ביגאַמיע; און אויך זשאַן פאול, אין זיין „זיבענקעס" באַהאַנדעלט ביגאַמיע ווי אַ פולשטענדיג דערלויבטע זאַך אין פאַל פון אַ גאון פאַר וועמען דאָס ערשטע ווייב איז געוואָרען אַ לאַסט. שילער'ס „די רויבער", מיט זיין מיטעל אַנטקעגען טיראַנען און זיין מאָטאָ פון היפּאָקראַט'ן: „דאָס וואָס מעדיצין קען ניט היילען היילט אייזען, און דאָס וואָס אייזען קען ניט היילען היילט פייער", איז אַ מלחמה דערקלערונג אַנטקעגען דער געזעלשאַפט. קאַרל מאָר איז אַן עדליכער אידעאַליסט וועלכער איז אומפאַרמיידליך פאַר'משפט צו שטאַרבען ווי אַ פאַרברעכער אין „קאַסטרירטען יאָרהונדערט". שילער'ס רויבער, זיינען ניט קיין גזלנים, נאָר רעוואָלוציאָנערען. זיי רויבען ניט,, נאָר שטראָפען. זיי האָבען זיך אָפּגעטיילט פון דער געזעלשאַפט זיך נוקם צו זיין אָן איהר פאַר'ן שלעכטס וואָס זי האָט

זיי געטאָן. שילער'ס ארויספאָדערונג ווערט אויסגעדריקט נאָך מעהר פערזענליך אין די לידער פון זיין ערשטער פעריאָדע, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אונטער'ן איינפלוס פון זיינע באציהונגען מיט פרוי פאָן קאלב, די לידער וואָס ער האָט איבערגעשריבען און אין גאנצען געענדערט אין שפּעטערדיגע אויסגאבען. אינ'ם ליד וואָס ער רופט שפּעטער „דער קאמף“ אָבער וואָס האָט פריהער געהייסען „פרייגייסטעריי דער ליידענשאפט“, שרייבט ער:

''Woher dies Zittern, dies unnennbare Entsetzen,
Wenn mich dein liebevoller Arm umschlang?
Weil dich ein Eid, den auch nur Wallungen verletzen,
In fremde Fesseln zwang?

''Weil ein Gebrauch, den die Gesetze heilig pragen,
Des Zufalls schwere Missetthat geweiht?
Nein—unerschrocken trotz ich einem Bund entgegen,
Den die errothende Natur bereut.

''O zittre nicht—Du als Sunderin geschworen,
Ein Meineid ist der Reue fromme Pflicht,
Das Herz war mein, das du vor dem altar verloren,
Mit menschenfreuden spielt der Himmel nicht.'' *)

ווי קאָמיש דער דאָזיגער נאאיווער סאָפיזם זאָל ניט קלינגען, און ווי אומזיכער עס זאָל ניט זיין די פארזיכערונג, אז דער

---

*) פאַרוואָס דאָס ציטערן, די מורא'דיגע שרעקען,
ווען מיך באַרירט דיין ליבע־פולע האַנט.
האָט דיך אַ שבועה, וואָס ס'איז ניט שווער צו ברעכען,
אין פרעמדער קראַפט געשפּאַנט?

האָט דען אַ מנהג, וואָס די געזעצען האַלטען הייליג,
געבענשט דעם צופאַל'ס שווערע זינדער־האַנט.
ניין, ניט שרעק זיך, כאָטש דאָס וואָרט איז שוין געגעבען,
וואָס די נאַטור באַדוי'רט מיט שאַנד.

אָה ציטער ניט, דיין שבועה איז אַ זינד געווען,
און אַ בעל־תשובה נעמט זיין וואָרט צוריק.
דאָס הארץ איז מיין, וואָס דו האָסט ביים אַלטאַר פארלוירען,
דער הימעל שפּילט זיך ניט מיט מענשען־גליק.

הימעל וועט זיך ניט נעמען כסדר שפּילען מיט מענשליך גליק, איז אָבער דער גייסט פון די סטראָפען גאַנץ קלאָר; און ווי העטנער באמערקט ריכטיג באַנוצט דאָן קאַרלאָס כמעט די זעלביגע ווערטער: „דאָס רעכט פון מיין ליבע איז עלטער ווי די צערעמאָניעס ביים אַלטאַר.“

דער מאָדעל פאר שילער׳ס יונגע „קעניגין עליזאבעט“ איז געווען שאַרלאָטע פאָן קאַלב. די דאָזיגע מאדאם, די ליידענשאַפט־פונ׳ם פּאָעט׳ס יוגענד, האָבען איהרע עלטערען געצוואונגען חתונה צו האָבען אנטקעגען איהר ווילען. זי און שילער האָבען זיך באַגעגענט אין 1784, און אין 1788 האָבען זיי נאָך אַלץ געטראַכט וועגען אַ שטענדיגער פאַראייניגונג פון ביידענ׳ס מזל. באַלד נאָך דעם האָט שילער זי פאַרלאָזען, זי איז געוואָרען זשאַן פּאַול׳ס וויב. (קאַראָלין שלעגעל האָט זי אין שפּאַס גערופען זשאַנעט פּאַולינע.) זשאַן פּאַול כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „זי האָט צוויי גרויסע פאַרמעגענס: גרויסע אויגען (איך האָב נאָך אַזעלכע ניט געזעהן) און אַ גרויסע נשמה.“ ער אַליין איז מודה אַז זי טאַקע האָט ער באַשריבען אין איינס פון זיינע הויפּט ווערק ווי די ריז פרוי, לינדאַ. אין „טיטאַן“ (118 ציקעל) ווערט וועגען לינדאַ׳ן דערצעלט אַז מען דאַרף זי באַהאַנדלען איידעל, ניט בלויז צוליב איהר דעליקאַטקייט, נאָר אויך צוליב איהר ווידערגעפיהל אנטקעגען חתונה האָבען, וואָס איז זעהר שטאַרק. זי קען ניט אפילו באַלייטען אַ פריינד צום אַלטאַר, וועלכען זי רופט דער עשאַפאָט פון אַ פרוי׳ס פרייהייט, דער שייטערהויפען פון דער ריינסטער, פרייסטער ליבע. דאָס בעסטע וואָס מען קען זאָגען וועגען אַלטאַר איז, זאָגט זי, אַז דאָס עפּישע העלדען־ליד פון ליבע ווערט ביי איהם טראַנספאָרמירט אין דער אידיליע פון חתונה. איהר פאַרשטענדיגער פריינד אַרבייט אומזיסט איהר צו ווייזען אַז איהר ווידערגעפיהל אנטקעגען חתונה קען קיין אַנדער סיבה ניט האָבען אַ חוץ איהר האַס פאַר גלחים; אַז חתונה האָבען באַצייכענט בלויז אייביג דויעריגע ליבע; אַז עס זיינען פּראָנען פונקט אַזוי פיעל, און אפשר נאָך מעהר, אומגליקליכע פרייע־ליבע פאַרבינדונגען ווי חתונות, א. אַז. וו.

פרוי פאָן קאַלב שרייבט צו זשאַן פּאַול׳ן: צו וואָס די נאַנ־

יצע רעדעריי וועגען פּאַרפירען? זיי זיך מרחם אויף די אָרימע באַשעפעניששען, זיך בעט דיך, און דערשרעק מעהר ניט זייערע הערצער און געוויסענס. די נאַטור איז שוין גענוג פאַרגליוועדט. איך וועל קיינמאָל ניט בייטען מיין מיינונג וועגען דעם ענין. איך פאַרשטעה ניט די דאָזיגע גוטע מדה, און וועל קיינעם צוליב איהר ניט אָנרופען „געבענשט". דאָ, אויף דער ערד, איז די רעליגיע ניט מעהר ווי די אנטוויקלונג און דער אויפהאַלט פון די כחות און פעהיגקייטען מיט וועלכע אונזער טבע איז באַשאַנקען. דער מענש דאַרף זיך ניט אונטערגעבען קיין צוואַנג, אָבער ער דאַרף אויך ניט אריינטאָן זיך אין אַ שלעכטער זעלבסט-אָפּלייקע-נונג. זאָל די דרייסטע, שטאַרקע, רייפע מענשליכע נאַטור, וואָס קען איהר קראַפט און באַנוצט זי, זיין פריי. אָבער אין אונזער צייט איז די מענשליכע נאַטור שוואַך און געמיין. אונזערע גע-זעצען זיינען אַ פּועל יוצא פון צרות און טרויעריגער נויט, זעלטען פון חכמה. ליבע דאַרף ניט האָבען קיין געזעצען."

אַ שטאַרקער מח רעדט אַרויס פון'ם דאָזיגען בריף. דער שפּרונג פון דעם צו דער אידעע פון „לוצינדע", איז ניט ווייט, אָבער דאָס אַראָפּזינקען צום וואולגאַרען אופן אויף וועלכען „לו-צינדע" איז אויסגעאַרבייט, איז גרויס. מיר פאַרשטעהען אָבער ניט ריכטיג די דאָזיגע אויסברוכען ביז מיר פאַרשטעהען די סאָ-ציאַלע באַדינגונגען וואָס האָבען זיי אַרויסגעבראַכט, און באַגריי-פען אַז זיי זיינען ניט קיין אָפּגעזונדערטע און צופעליגע טיראַדעס, נאָר אַז זיי ווערען פאַראורזאַכט פון די באַציהונגען צו דער גע-זעלשאַפט אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די מעהרסטע פּאָ-עטישע נאַטורען פון יענער צייט.

ווייטאַר איז דעמאָלט געווען די הויפּטקוואַרטיר און דער זאַמעל-פּלאַץ פון דייטשלאַנד'ס קלאַסישע שרייבער. עס איז ניט שווער צו פאַרשטעהן ווי זיי קומען זיך צו פאַרזאַמלען אין דער קליינער הויפּטשטאָדט פון אַ קליין פירשטענטום. פון דייטש-לאַנד'ס צוויי מאָנאַרכען איז יאָזעף דער צווייטער געווען צו פיעל פאַרנומען מיט זיינע באַמיהונגען פאַר רעפאָרמען; צו זשערנע צו פאַרשפּרייטען „אויפקלערונג", אַז ער זאָל נאָך קענען שענקען אויפמערקזאַמקייט דער דייטשישער פּאָעזיע. און דער וואָל-

טעריאַנישער פרידריך פון פרייסען איז געווען צו פראַנצויזיש אין זיין געשמאַק און אינטעלעקטועלע טענדענצען, אז ער זאָל זיך אויף וויפיעל ניט איז אינטערעסירען מיט דייטשישע פּאָעטען. בלויז אין די קליינע הויפען זיינען זיי געווען ווילקאָמען. שילער האָט געלעבט אין מאַנהיים, זשאַן פּאול אין גאָטא, געטע אין ווײמאַר. פּאָעזיע האָט אַ סך יאָרען ניט געהאַט קיין פעסטונג אין דייטשלאַנד, אָבער איצט איז ווײמאַר געוואָרען אַזאַ פעסטונג. אהין האָט געטע גערופען הערדער'ן; ווילאַנד איז דאָרט געווען זינט 1772. שילער האָט געקראָגען אַן אַמט אין דער דערביי־איגער יענא. ווײמאַר איז, אַלזאָ, דעמאָלט געווען דער פּלאַץ וואו מען האָט מיט דער גרעסטער זאָרגלאָזיגקייט און מיט'ן קלענ־סטען פאָראורטייל, אין טעאָריע אזוי גוט ווי אין דער פּראַקטיק, פאַרגעטערט די ליידענשאַפט ווי עפּעס פּאָעטישעס, און פאַרגלייך מיט די פראַנצאָזישע מנהגים פון דער געזעלשאַפט. „אַ דאָ האָבען מיר פרויען, רופט אויס זשאַן פּאול ווען ער קומט קיין ווײמאַר, דאָ איז אַלץ רעוואָלוציאָנערע דרייסקייט; אַז אַ פרוי איז פאַר־הייראַט באַטייט גאָר ניט.״ ווילאַנד ווערט „אַ נייער מענש״ אריינגעמענדיג זיין פריהערדיג ווייב, סאָפאָפאַן לאַ ראָכע, אין זיין הויז, און שילער פאַרבעט פרוי פאָן קאַלב איהם צו באַגלייטען קיין פּאַריז.

מיר פאַרשטעהען איצטער ווי עס קומט אַז ווען זשאַן פּאול קומט קיין ווײמאַר, און אונטער'ן איינפלוס פון פרוי פאָן קאַלב'ס פּערזענליכקייט, רופט ער אויס: „דאָס איז זיכער אמת; אין הארצען פון דער וועלט קלאַפּט אַ גרעסערע גייסטיגע רעוואָלוציע ווי אַ פּאָליטישע, און אַזעלכע וואָס קען ניט ווייניגער חרוב מאַכען.״

וואָסער רעוואָלוציע? דאָס געפיהל באַפרייט זיך פון די גע־זעלשאַפטליכע קאָנווענציעס; דאָס הארץ באַשטעהט דרייסט אויף זיין רעכט צו באַטראַכטען זיין אייגענעם קאָדעקס פון געזעצען ווי דעם נייעם מאָראַלען קאָדעקס, איבערצומאַכען אונזערע מידות אין די אינטערעסען פון מאָראַל, און טיילמאָל אין די אינטערע־סען פון אונזערע נייגונגען. דער קרייז פון ווײמאַר האָט ניט גע־האַט קיין שום פאַרלאַנג, קיין שום געדאַנק וועגען עפּעס אַ חוץ

דעם, זיי האָבען ניט געהאט אין זיינען ניט קיין פּראַקטישע און ניט קיין סאָציאַלע רעפאָרמען. עס איז א כאַראַקטעריסטיש דייטשישער שטריך, וואָס אויסערליך האָבען זיי זיך טיף פאַר־בויגען פאַר די געזעצען, פון וועלכע זיי האָבען זיך ארויסגעדרעהט אין פּריוואַטען לעבען. אין געשפּרעכען האָט געטע, אין זיינע דרייפערע יאָרען, כסדר געהאַלטען אז די פאַרהאַנענע קאָנווענ־ציעס וואָס רעגולירען די שייכות׳ן צווישען די געשלעכטער זיינען לחלוטין נויטיג אין די אינטערעסען פון דער ציוויליזאַציע; און אין זייערע ביכער האָבען שרייבער אויסגעדריקט זייערע רעוואָ־לוציאָנערע סענטימענטען, וואָס זיינען מעהר אָדער ווייניגער גע־ווען זייערע אייגענע, כדי זיי זאָלען זיי צוריקציהען ביים סוף פון׳ם בוך. דער העלד איז מודה זיין טעות, אָדער ער באַגעהט זעלבסט־מאָרד, אָדער ער ווערט באַשטראָפט פאַר טאָן צו־להכעיס דער גע־זעלשאַפט, אָדער ער רייסט אין גאַנצען אראָפּ די געזעלשאַפט (קאַרל מאָר, ווערטער, טאַסאָ, לינדאַ). דאָס איז פּונקט ווי די פּראָצעדור פון די אפּיקורסישע שרייבער פון דער מיטעלאַלטער וועלכע האָבען פאַרענדיגט זייערע ביכער מיט א באַמערקונג אז אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך דאַרף נאַטירליך אויסגעטייטשט ווע־רען אין הסכם מיט די פּרינציפּען און געבאָטען פון דער הייליגער מוטער קירך.

ווען מאַדאַם דע סטאַל, „דער ווירבעלווינט אין אונטער קליידלעך", ווי מען האָט זי גערופען, איז געקומען קיין דייטש־לאַנד, האָט מען זיי אריינגעפירט אינ׳ם ווייִמאַר׳שען קרייז פון באַגאַבטע פרויען. צווישען זיי מאַכט זי אַן איינדרוק ווי עפּעס אַ מאָדנער ווילדער פויגעל. וואָסער קאָנטראַסט עס עקזיסטירט צווישען איהרע צילען און זייערע פאַר־ליבעס! פאַר זיי איז אַלץ פּערזענליך, פאַר איהר, אין יענעם מאָמענט, איז אַלץ געזעל־שאַפטליך. זי ערשיינט אין דער עפענטליכקייט; זי דערלאַנגט שטאַרקע קלעפּ לטובת סאָציאַלע רעפאָרמען. פאַר אַזעלכע מעשים זיינען אפילו די פּראָגרעסיווסטע פון אָט די דייטשישע פרויען פון דער „אויפקלערונג"־פּעריאָדע, פון אַ צו שוואַכען מין. איהר ציל איז פּאָליטיש צו רעוואָלוציאָניזירען דאָס לעבען, זייער ציל — עס צו מאַכען פּאָעטיש. עס וואָלט אין די מחות פון

קיין איינער פון זיי ניט אריינגעקומען די אידעע צו וואַרפען נאָ־פּאָלעאָנ׳ען די הענדשקע*) וואָסער אופן זיך צו באַנוצען מיט אַ דאַמען הענדשקע, וואָס איז אַ צוזאָג אויף ליבע! זיי פאַר־שטעהען ניט די רעכט פון מענשליכקייט, נאָר די רעכט פונ׳ם הארץ. זייער קאַמף איז ניט אַנטקעגען שלעכטסקייט פון לעבען, נאָר אַנטקעגען זיין פּראָזע. דער שייכות צווישען דעם באַגאַב־טען מענשען און דער געזעלשאַפט נעמט דאָ ניט אָן די פאָרם פון אַ קאָנפליקט, ווי אין פראַנקרייך, צווישען דעם געגעבענעם מענשענ׳ס רעבעלישער אונטערשטרייכונג פון זיין פרייהייט און דער טראַדיציאָנעלער צוואַנג פון דער געזעלשאַפט, נאָר די פאָרם פון אַ קאָנפליקט צווישען דער פּאָעזיע פון די פארלאַנגען פונ׳ם איילצעלנעם און דער פּראָזע פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע קאָנווענציעס. דערפאַר ווערט אייביג גלאָריפיצירט אין דער ראָ־מאַנטישער ליטעראַטור די פעהיגקייט און קראַפט פונ׳ם פארלאַנג, פונ׳ם וואונש; אָן ענין צו ווילען באַזונדערס פרידריך שלעגעל קערט זיך תמיד אום. דאָס איז אין דער אמת׳ן די איינציגע, אין דרויסען געוועהנדטע קראַפט וואָס מענשען באַזיצען — די שוואַכקייט אליין וואָס ווערט אויפגעפּאַסט ווי אַ קראַפט.

מיר געפינען די זעלביגע באַוואונדערונג פאר׳ן „וואונש“ אין קירקעגאַרד׳ס Enten-Eller („אָדער־אָדער“). „די אורזאַך פאר וואָס אַלאדין דערפרישט אונז איז, ווייל מיר פיהלען די קינדישע געוואַגטקייט פון דער גאונות אין איהרע ווילד פאַנטאַסטישע וואונשען. וויפיעל זענען פאַראַן אין אונזער צייט וואָס וואַגען ווירקליך צו האָבען אַ וואונש?“ א. אז. וו. דאָס קינדישע, אייביג דאָס קינדישע! אָבער ווער קען זיך וואונדערען וואָס דער „וואונש“, די מוטער פון רעליגיעס, דער אויסוויינינגסטער אויסדרוק פון פּאַסיוויטעט, איז געוואָרען דאָס שלאַג־וואָרט פון די ראָמאַנ־טיקער? דער „וואונש“ איז פּאָעזיע; די געזעלשאַפט ווי זי עק־זיסטירט — פּראָזע. בלויז ווען מיר אורטיילען זיי פון אָט דעם שטאַנדפּונקט קענען מיר ריכטיג פארשטעהן אפילו די לויטער־

*) ד. ה. אַרויספאָדערען איהם אויף אַ קאַמף. מאַדאַם דע סטאַל האָט שריפטליך אַטאַקירט נאַפּאָלעאָנ׳ען. (איבערזעצער.)

סטע, די ריינסטע ווערק פון דייטשלאַנד'ס גרעסטע פּאָעטען. געטע'ס טאַסאָ, מיט'ן קאָנפליקט צווישען דעם שטאַאטסמאַן און דעם פּאָעט (ד. ה. צווישען ווירקליכקייט און פּאָעזיע), מיט דער שילדערונג פונ'ם קאָנטראַסט צווישען אָט די צוויי, וואָס דערגענצען איינס ס'אַנדערע און זיי זיינען ניט ענליך צווישען זיך „ווייל די נאַטור האָט ניט געמאַכט איין מענשען פוןביידען" — איז, ניט קוקענדיג אויף דער קריסטאַל קלאָרקייט פון סטיל און דעם סקעפּטישען לייט מאָטיוו, אַ פּראָדוקט פון פונקט דער זעלביגער אויפרודערונג וואָס שטעלט צו דער ראָמאַנטישער שול איהר גאַנצען אויפרודערנדיגען מאַטעריאַל. די טעמע פון „ווילהעלם מייסטער" איז אין דער אמת'ן די זעלביגע. אויך דאָרט ווערט פאָרגעשטעלט דאָס שטופענווייזע, פאַמעליכע שלום מאַכען און די צונויפמישונג פונ'ם געטרוימטען אידעאַל און דער ערדישער ווירקליכקייט. אָבער בלויז די גרעסטע קעפּ האָבען זיך אויפגעהויבען צו דער דאָזיגער הויך. דאָס רוב שרייבער, מיט היבשען, נאָר ווייניגער לויטערען אינטעלעקט, זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען וויטער פון דער איינזייטיגער דיסהאַרמאָניע. וואָס מעהר די פּאָעזיע איז געוואָרען באַוואוסט ביי זיך ווי אַ קראַפט, וואָס מעהר דער פּאָעט האָט באַגריפען זיין כבוד, און די ליטעראַטור איז אין זיך געוואָרען אַ קליינע וועלט, מיט איהרע אייגענע טעכנישע אינטערעסען, אַלץ מעהר האָט דער קאָנפליקט מיט דער ווירקליכקייט אָנגענומען די נידעריגערע פאָרם פון אַ קאַמף מיט'ן פיליסטערטום (זעה צ. ב. ש. אייכענדאָרפ'ס „קריג פון די פיליסטער"). די פּאָעזיע קעמפט ניט מעהר פאַר די אייביגע רעכט פון פרייהייט אנטקעגען דער טיראַניי פון דרויסיגע אומשטאַנדען; זי שטעלט זיך איין ווי פּאָעזיע אנטקעגען דער פּראָזע פון לעבען. דאָס איז דער טעווטאָנישער, דער דייטש־סקאַנדינאַווישער, דאָס הייסט, דער ענג ליטעראַרישער באַגריף פונ'ם נוץ וואָס פּאָעזיע קען ברענגען פאַר דער פרייהייט.

„מיר דאַרפען געדענקען, זאָגט קירקעגאַרד (Begrebet Ironi, 322), אַז טיק און די גאַנצע ראָמאַנטישע שול זיינען אריין, אָדער האָבען געגלויבט אַז זיי זיינען אריין, אין באַציהונגען מיט אַ פּעריאָדע בעת מענשען זיינען, אַזוי צו זאָגען, געווען פאַרגלי־

ווערטע אין פאַרענדיגטע, אומענדערבאַרע סאָציאַלע באַדינגונגען. אַלץ איז געווען אויסגעצייכענט און פולשטענדיג, אין אַ מין געט־ליכער כינעזישער פולקאָמענהייט, וואָס האָט ניט איבערגעלאָזען קיין פאַרלאַנג אומבאַפרידיגט, קיין וואונש אומאויסגעפירט. די גרויסאַרטיגע פּרינציפּען און גרונדזאַצען פון „נוצען און געוואוינ־הייט" זיינען געווען די זאַכען צו וועלכע מען האָט פרום געדינט; אַלצדינג, אַריינרעכענענדיג דאָס אַבסאָלוטע אַליין, איז געווען אַבסאָלוט; מענער האָבען זיך אָפּגעהאַלטען פון פּאָליגאַמיע; זיי האָבען געטראָגען שפּיציגע קאַפּעלושען; קיין זאַך איז ניט געווען אָהן אַ באַדייטונג. יעדער מענש האָט געפיהלט, מיט'ן גענויען גראַד כבוד וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין לאַגע, וואָס ער האָט געשאַפען, געפיהלט די גענויע וויכטיגקייט, פאַר זיך אַליין און פאַר אַלע זיינע אומאויפהערליכע באַמיהונגען. אין יענער צייט איז ניט געווען קיין לייכטזיניגע גלייכגילטיגקייט צו פונקטאַציע. אַלע אַזעלכע זינד האָבען אומזיסט פּרובירט אַריינ־דרינגען. אַלץ איז געגאַנגען זיין שטילען, געוויינליכען וועג; אַפילו דער וואָס האָט זיך געשדכנ'ט האָט זיך רוהיג אָפּגעגעבען מיט זיין עסק; ער האָט געוואוסט אַז זיין שליחות איז גנזעליך, אַז ער געהט מאַכען אַ זעהר ערנסטען שריט. אַלץ איז געגאַנ־גען ווי אַ זייגער. מענשען זיינען געוואָרען ענטוזיאַסטיש איבער דער שעהנקייט פון דער נאַטור אין אַ זומערדיגען טאָג; דער גע־דאַנק פון זייערע זינד אין די גרויסע תענית טעג האָט זיי אוי־בערגעוועלטיגט; זיי האָבען זיך פאַרליבט ווען זיי זיינען אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָר; זיי זיינען געגאַנגען שלאָפען צעהן אַ זייגער. זיי האָבען חתונה געהאַט און האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט הייזליכע און בירגערליכע פליכטען. זיי האָבען אויפגעצויגען פאַמיליעס. אינ'ם פרילינג פון זייער לעבען האָט מען אין די הויכע פענסטער באַמערקט זייערע ערענהאַפטע און ערפאָלג־רייכע באַמיהונגען. זיי האָבען געלעבט אינטים מיט'ן גלח, אונ־טער וועמעס אויפזיכט זיי האָבען געטאָן די גרויסמוטיגע מעשים וועלכע, זיי האָבען געוואוסט, אַז ער וועט אויסרעכענען מיט אַ קול וואָס וועט ציטערען מיט שטאַרקען געפיהל ווען עס וועט קומ־

מען דער טאָג ווען ער וועט דאַרפען מאַכען דעם הספד. זיי זיינען געווען פריינד אין עכטען זין פון וואָרט,

ein wirklicher freund, wie man wirklicher Kanzleirat war.''

איך קען ניט איינזעהן עפּעס טיפּישעס אין דער דאָזיגער באַשרייבונג. אַ חוץ דעם וואָס מיר טראָגען קיילעבדיגע קאַפּעלושען אַנשטאַט שפּיציגע, וואָלט מען יעדעס וואָרט געקענט אַנווענדען אויף דער היינטיגער צייט. אין דער פריהערדיגע באַשרייבונג איז ניטאָ קיין ספּעציעלער סימן פון אַזאַ אדער אַן אַנדער צייט. ניין; די באַזונדערע כאַראַקטעריסטיק פון יענער פּעריאָדע איז דעם באַגאַבטען שרייבער'ס, דעם ראָמאַנטיקער'ס באַגריף וועגען דעם פיליסטערטום. אין מיין קריטיק איבער יאָהאַן לודוויג הייבערג'ס ערשטען ראָמאַנטישען פּאַרזוך, האָב איך געשריבען: „זיי (די ראָמאַנטיקער) האָבען געקוקט אויפ'ן פיליסטערטום פון פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט ווי עפּעס פאַרענדיגטעס, פון אינטעלעקטועלען — ווי ענגהערציגקייט; ניט, ווי מיר, פון אַ מאָראַלען שטאַנדפּונקט, ווי אַ העסליכקייט. ווי אַ קאָנטראַסט צום פיליסטערטום האָבען זיי אַוועקגעשטעלט זייער אייגענע אומענדליכע בענקשאַפט... זיי זיינען צוגעגאַנגען צום פיליסטערס פּראָזע מיט זייער אייגענער יוגענדליכער פּאָעזיע; מיר געהען צו צו זיין העסליכקייט מיט אונזער שטאַרקען ווילען.” (Samlede Shrifter, I, 467) אַלזאָ, אין אַלגעמיין גענומען, זיינען זיי מיט זייערע געדאַנקען און בענקשאַפטען אַנטלאָפען פון דער געזעלשאַפט און פון דער ווירקליכקייט, כאָטש דאָ און דאָרט, ווי שוין אָנגעוויזען, האָבען זיי זיך געסטאַרעט, אויב ניט געווי צו פאַרווירקליכען זייערע אידעען אין לעבען, איז לכל הפּחות אָנצוצייכענען אַ מעגליכע לייזונג פון דער פראַגע ווי אַזוי צו טראַנספאָרמירען די ווירקליכקייט, ווי אַ גאַנצע, אין פּאָעזיע.

זיי האָבען ניט געוויזען קיין פונק פון פּאַרדרוס אָדער איניציאַטיווע ווי מיר געפינען עס ביים פראַנצויזישען ראָמאַנטיקער (צ. ב. ש. זשאָרזש זאַנד); זיי אַמוזירען זיך בלויז אויסאַרבייטענדיג רעוואָלוציאָנערע, אָדער, לכל הפּחות, מאָדנע פאַנטאַזיעס. דאָס, וואָס געטע האָט דערגרייכט, דהיינו, די קראַפט אַי־

בערצואנדערשען די סביבה לויט זיינע פערזענליכע פאָדערונגען, איז פאַר'ן יונגערען דור געווען דער אויסגאַנג־פּונקט. אין דער באַציהונג האָבען זיי אין זייער יוגענד געזעהן די וועלט פון גע־טע'ס שטאַנדפּונקט. די מאָס פרייהייט וואָס ער האָט פאַר זיך געוואונען און די באַדינגונגען וואָס זיינען נויטיג געווען פאַר דער פולער אנטוויקלונג פון זיינע פעהיגקייטען אין כחות, האָבען זיי געמאכט פאַר דער דורכשניטליכער, אָדער ריכטיגער, פאַר דער מינימום פאָדערונג פון יעדען טאלאנטפולען מענשען, ווי קליין זיין טאַלאַנט זאָל ניט זיין. פון די פאָדערונגען פון זיין נאַטור האָבען זיי געמאַכט אן אוניווערסאַלען כלל, זיי האָבען איגנאָרירט די זעלבסט־פאַרגעסענקייט וואָס ער האָט מיט אנשטרענגונג פּראַקטיצירט, און די קרבנות וואָס ער האָט געגעבען, און זיי האָ־בען ניט נאָר פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון דער ליידענשאַפט אָהן באַדינגונגען, נאָר מיט דערעסענעם לייכטזין און פעדאַנטישער צעלאָזענקייט האָבען זיי געפּרעדיגט די גלייכבארעכטיגונג פון דער גשמיות. און אַן אַנדער איינפלוס — לחלוטין אנדערש פון געטע'ס מעכטיגען זעלבסט־אויסדרוק — האָט זיך אויך געלאָזט פיהלען, דהיינו, דער איינפלוס פון בערלין. צו געטע'ס פרייער, אומבאגרענעצטער מענשליכקייט האָט מען אין בערלין צוגעגע־בען א צומישונג פון א שפּאָטישען, אנטי־קריסטליכען גייסט, וואָס איז ארויסגעדרונגען פון פרידריך דעם גרויסען'ס הויף, און די צעלאָזענקייט וואָס האָט עקזיסטירט אין הויף פון זיין נאָכ־פאָלגער.

אָבערביידע, געטע און שילער, האָבען אויסגעטראָטען דעם וועג פאַר'ן ראָמאַנטיזם ניט בלויז אין דער פּאָזיטיווער זייט, דורך דעם וואָס זיי האָבען פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון דער ליידענ־שאַפט, נאָר אויך אין דער נעגאַטיווער זייט, דורך זייער באַ־וואוסטזיניגער אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג צו זייער אייגענער צייט, וואָס זיי האָבען אָנגעפאַנגען אויף זייערע עלטערע יאָרען. אין אן אנדער פאָרם באַמערקט זיך שוין אין זיי דעם ראָמאַנטיקער'ס ווידערווילען צו דער ווירקליכקייט. איך וועל ברענגען צוויי ביי־שפּילען, וואָס ווייזען ווי געטע, דער גרעסטער שאַפענדיגער קאָפּ פון זיין צייט, איז געווען וואונדערליך ווייט פון דער פּאָליטישער

ווירקליכקייט; זיי באַווייזען גלייכצייטיג ווי טיף עס איז גע־ווען זיין אינטערעס אין דער וויסענשאַפט. שרייבענדיג וועגען דעם דייטשישען צוג אַנטקעגען פראַנקרייך בעת דער פראַנצווי־זישער רעוואָלוציע, אַ צוג אין וועלכען ער האָט זיך באַטייליגט, דערמאָנט ער אַז די גרעסטע צייט האָט ער אַוועקגעגעבען באַ־אָבאַכטענדיג „פאַרשידענע ערשיינונגען פון קאָליר און פערזענ־ליכער העלדישקייט". און נאָך דער יענא שלאַכט שרייבט קנע־בעל: „געטע איז די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען מיט אָפּטיק. אונטער זיין השגחה שטודירען מיר אָסטעאָלאָגיע. די צייט איז זעהר פאַסיג פאַר אַזאַ שטודיום, ווייל אַלע פעלדער זיינען באַ־דעקט מיט די נויטיגע מאַטעריאַלען". די קערפּער פון זיינע גע־פאַלענע מיטבירגער האָבען איהם ניט באַגייסטערט צו זינגען אָדעס; ער האָט זיי צעשניטען און שטודירט זייערע ביינער.

אַזעלכע מאָמענטען גיבען אונז אַ שטיקעל בילד פון דעם ווי געטע, אַלס דיכטער, האָט געקוקט פון אויבען אַראָפּ אויף די געשעהענישען פון זיין צייט. אָבער מיר דאַרפען ניט פאַרזעהן די גוטע זייט פון דעם וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאַגט צו שרייבען פּאַטריאָטישע מלחמה לידער אין דער צייט פון'ם קאַמף מיט נאַפּאָלעאָנ'ען. „וואָלט עס מיר געפּאַסט צו זיצען אין מיין שטוב און שרייבען מלחמה לידער? אין דער נאַכט־וואַך, ווען מען האָט געקענט הערען ווי עס הירזשען די פערד פון'ש שונא'ם פאָר־פּאָסטען, דעמאָלט וואָלט איך עס אפשר געקענט טאָן. אָבער דאָס איז ניט געווען מיין לעבען, און ניט מיין זאַך; עס איז געווען טעאָדאָר קערנער'ס. דערפאַר קליידען איהם זעהר פיין זיינע מלחמה לידער. איך האָב ניט קיין קריגערישע נאַטור, און ניט קיין קריגערישען געשמאַק, און מלחמה לידער וואָלטען געווען אַ מאַסקע, וואָס וואָלט מיר לחלוטין ניט געפּאַסט. איך בין קיינ־מאָל ניט געווען געקינסטעלט אין מיין פּאָעזיע." געטע, ווי זיין תלמיד הייבערג, האָט זיך אין דאָזיגען פאַל אָפּגעהאַלטען אַ דאַנק דעם שטאַרקען געפיהל אַז איהם ווילט זיך בלויז שרייבען וועגען דעם וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט; אָבער ער דערצעהלט אונז אויך אַז ער באַטראַכט טעמעס פון אַ היסטאָרישען כאַראַק־טער ווי „די געפערליכסטע און אומדאַנקבאַרסטע".

זיין אידעאַל, און דער אידעאַל פון דער גאַנצער פּעריאָדע, איז פּראָסט פשוט מענשליכקייט — דאָס פּריוואַטע לעבען פון א מענשען איז אַלץ. די גוואַלטיגע קאָנפליקטען פון אבצעהנטען יאָרהונדערט און די „אויפקלערונג" פּעריאָדע זיינען אַלע, אין הסכם מיט'ן מענשליכען אידעאַליזם פון יענער צייט, פאַראַן אין דער לעבענס־געשיכטע, אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון'ם איינצעלנעם. אָבער דער קולט פון מענשליכקייט איז כולל ניט בלויז דאָס ניט אינטערעסירען זיך מיט געשיכטע, נאָר דאָס אַל־געמיינע ניט אינטערעסירען זיך מיט דער זאַך צוליב דער זאַך אַליין. אין איינעם פון זיינע בריף צו געטע'ן שרייבט שילער, אַז פון'ם פּאָעט און פון'ם אַרטיסט דאַרף מען פאָדערען צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז ער זאָל זיך אויפהויבען איבער דער ווירק־ליכקייט, און צווייטענס, אַז ער זאָל זיך האַלטען אין די גרעניצען פון'ם מאַטעריעלען, פון'ם נאַטירליכען. ער דערקלערט זיין גע־דאַנק אַזוי: דער אַרטיסט וואָס לעבט אין אַן אומגינסטיגער, פּאַרמלאָזער סביבה, און איגנאָרירט ממילא די סביבה אין זיין קונסט, ריזיקירט אין גאַנצען צו פאַרלאָזען דאָס באַרירבאַרע, צו ווערען אַבסטראַקט, אָדער, אויב זיין נשמה איז ניט פון'ם פּראָס־טען סאָרט, פאַנטאַסטיש. אויב אָבער ער האַלט זיך ביי דער ווירקליכער וועלט, איז ער עלול צו ווערען צו רעאַל, און, אויב ער האָט א שוואַכע פאָרשטעלונגס־קראַפט, צו קאָפּירען שקלאַפיש און וואולגאַר. די דאָזיגע ווערטער צייכענען אָן א מין גרענעץ וואָס צעטיילט די דייטשע ליטעראַטור פון יענער צייט. פון איין זייט האָבען מיר די אומנאַציאָנאַלע קונסט־פּאָעזיע פון געטע'ן און שילער'ן, וועלכע האַלט אָן אין די פאַנטאַזיעס פון די ראָמאַנטי־קער, און פון דער אַנדערער זייט די גאָלע סענסאַציאָנעלע אָדער אונטערהאַלטונג ליטעראַטור פון'ם מאָמענט, וועלכע איז באַזירט אויף דער ווירקליכקייט, אָבער אויף א פיליסטערשער ווירקליכ־קייט, די ליטעראַטור פון וועלכער די בעסטע באַקאַנטע ביישפּיעלען זיינען לאַפאָנטען'ס סענטימענטאַלע קליינבירגערליכע ראָמאַנסען און די פּאָפּולערע, פּראָזאַישע פאַמיליען דראַמעס פון שרעדער'ן, איפלאַנד'ן און קאָצעבו'ן. עס איז געווען אַן אומגליק פאַר דער דייטשישער ליטעראַטור וואָס אַזאַ צעטיילונג איז פאָרגעקומען.

אָבער כאָטש דער ברוך צווישען דער בעסערער ליטעראַטור און דער ווירקליכקייט האָט זיך צום ערשטען געוויזען אין א שרעקליכער פאָרם אין די שריפטען פון די ראָמאַנטיקער, דאַרפען מיר אָבער ניט פאַרגעסען אז דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבען א סך פריי־הער. קאָצעבו איז געווען די לינקע זייט פון געטע'ן און שי־לער'ן נאָך איידער ער האָט זיך געפונען אין אזא פּאָזיציע בנוגע די ראָמאַנטיקער. א שטאַרקען איינדרוק פון דעם באַקומען מיר פונ'ם פאָלגענדען אַנעקדאָט. *)

אַמאָל, אין די ערשטע פרילינג־טעג פון 1802, איז דאָס קליינע שטעטעל ווייטאַר געגאַנגען אויף רעדלעך דורך א געשע־העניש, וואָס איז געווען אויף די ליפּען פון אַלע קלאַסען. עס איז שוין פון לאַנג געווען קלאָר, אז מען גרייט זיך צו עפּעס א ספּע־ציעלען יום־טוב. עס איז געווען באַקאַנט, אז א זעהר באַרימטער און זעהר בכבוד'ער מענש, פּרעזידענט פאָן קאָצעבו, האָט זיך פּריוואַט געווענדעט צום בירגערמייסטער נאָך א דערלויבעניש צו באַנוצען דעם ניי־דעקאָרירטען זאַל פון שטעטעל. די אויסגע־צייכענטסטע דאַמען פון שטעטעל האָבען א חודש צייט גאָר ניט געהאַט געטאָן א חוץ וואָס זיי האָבען באַשטעלט און אָנגעמאָסטען סאַלאָן־קליידער. פריילין פאָן אימהאָליץ האָט געהאַט באַצאָלט פופציג גולדען פאַר איהר קלייד. פאַרוואונדער'טע אויגען האָבען באַמערקט א שניצער און א גאָלדשמיד טראָגען א וואונדערבאַרען קיווער און א פאָן איבער דער גאַס אין מיטען העלען טאָג. צו וואָס קען מען באַדאַרפען אַזעלכע זאַכען? האָבען דען געדאַרפט זיין פאָרשטעלונגען אין שטעטעלשען זאַל? עס איז געווען באַ־וואוסט, אז מען האָט באַשטעלט א געוואַלטיגען גלאָק־פורעם, גע־מאַכט פון טאָועל. צו וואָס האָט מען דאָס באַדאַרפט? דער סוד איז באַלד אַרויסגעקומען. אַשטיקעל צייט פאַר דעם, איז קאָ־צעבו — וועלכער איז געווען באַרימט איבער גאַנץ אייראָפּאַ ווי דער מחבר פון „מענשענהאַס און חרטה" — צוריקגעקומען אין זיין געבורט־שטעטעל, באַלאָדען מיט רוסישע רובעלס און מען

*Goethe: *Tag-und Yahreshefte,* **1802; G. Waitz,** ***Caroline*** **II,** ***Goethe-Yahrbuch*** **VI, 59 etc.**

האָט איהם געגעבען א הויכען ראַנג צו ווערען א דריטער אין דער געטע און שילער׳ס אַליאַנץ. עס איז איהם געלונגען אריינצוקור־מען אין הויף, און דערנאָך האָט ער געזוכט אריינצוקומען אין געטע׳ס קרייז, וואָס איז אויך געווען א הויף, און זעהר אַן אָפּגע־זונדערטער הויף. די פּריוואטע גרופּע פריינד, פאר וועלכע געטע האָט געשריבען זיינע אומשטערבליכע געזעלשאַפט־לידער, האָט זיך פארזאַמעלט איין מאָל א וואָך אין זיין הויז. קאָצעבו האָט פאַרגעלייגט, אז עטליכע פון די דאַמען־מיטגלידער זאָלען איהם אויסקלייבען, אָבער געטע האָט געמאַכט א הוספה צו די כללים פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט אויסגעשלאָסען דעם אומגעבעטע־נעם, און האָט ניט דערלאָזט, אז ער זאָל אפילו ווען ניט ווען אריינ־קומען ווי א גאַסט. קאָצעבו האָט באַשלאָסען זיך נוקם צו זיין דורך דעם, וואָס ער האָט פארערט שילער׳ן אויף אַן אופן, וואָס, ווי ער האָט געהאָפט, וועט שטארק אויפרעגען געטע׳ן. געטע האָט דעמאָלט געהאַט אונטערדריקט עטליכע אטאַקעס, וואָס קאָ־צעבו האָט געמאַכט אויף די ברידער שלעגעל אין זיין פיעסע „די קליינשטעטעלדיגע״, וואָס איז געווען איינס פון די רעפּערטואר־פיעסען אין ווייַמאר טעאטער. אַלזאָ, כדי צו שעדיגען דאָס טעאַ־טער, האָט קאָצעבו באַשלאָסען צו געבען א גרויסע פאָרשטעלונג אינ׳ם שטעטעלשען זאַל לכבוד שילער׳ן. מען האָט געדארפט שפּיעלען סצענעס פון אַלע זיינע דראַמעס, און ענדליך האָט מען געדארפט דעקלאַמירען „דער גלאָק״ אין דער באַגלייטונג פון לע־בעדיגע בילדער. צום סוף פון דער פּאָעמע האָט קאָצעבו, אָנגע־טאָן ווי דער גלאָק־גיסער, געדאַרפט צעשמעטערען דעם טאָוועלנעם פורעם מיט א קלאַפּ פון זיין האַמער, און עס האָט זיך געזאָלט אויפדעקען שילער׳ס א ביוסט. אָבער די קאָצעבו געזעלשאַפט האָט געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל־הבית, ד. ה., אָהן גע־טע׳ן. אין גאַנץ ווייַמאר איז געווען בלויז איין ביוסט פון שי־לער׳ן, דער וואָס איז געווען אין דער ביבליאָטעק. ווען מען האָט דעם לעצטען טאָג געשיקט א שליח צו באָרגען דעם ביוסט, האָט מען געענטפערט, אז זינט מענשען געדענקען, האָט מען א גיפּסען בילד, וואָס מען באָרגט אויף א יום טוב, נאָך קיינמאָל ניט אָפּגע־בראַכט אינ׳ם זעלבינגען צושטאַנד„ אין וועלכען מען האָט עס אוועק־

געשיקט, און אַז ניט־ווילענדיג מוז מען אָפּזאָגען צו באַרגען דעם ביוסט. און מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען די געפלעפטקייט און דעם צאָרן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווען זיי האָבען געהערט, אַז בעת די סטאָליער זיינען געקומען צום זאַל מיט זייערע ברעטער, לייסטען און שטאַנגען, האָבען זיי געפונען פאַרמאַכטע טירען און האָבען געקראָגען אינפאָרמאַציע פונ׳ם בירגערמייסטער און פונ׳ם שטאָדט־ראַט, אַז אַזוי ווי מען האָט נאָר וואָס געפאַרבט און דעקאָרירט דעם זאַל, קענען זיי ניט דערלויבען אַז מען זאָל איהם באַנוצען פאַר אַזאַ „צעלאָזענער" פאַרוויילונג.

דאָס איז בלויז אן אומוויכטיגער פראָווינציעלער שטעטעלשער סקאַנדאַל, אָבער דאָס, וואָס איז באמת וואונדערבאַר, וואָס שטעלט פאָר דעם קערן פון דער מעשה, איז דאָס, וואָס די גאַנצע געזעלשאַפט פון אויסגעצייכענטע דאַמען, וואָס האָבען ביז דעמאָלט הויך געהאַלטען געטע׳ס רום (גרעפין הענריעטא פאָן עגלאָפשטיין; די שעהנע ערנהאַפטע דאַמע און דיכטערין אמאַליע פאָן אימהאָף, וועמען געטע האָט שפּעטער־צו פאַרגעטערט, וועלכע האָט פאַרשווענדט פופציג גולדען, א. אַז. וו., א. וו.) האָבען זיך באַליידיגט און האָבען פאַרביטען זיין געזעלשאַפט אויף קאָצעבו׳ס. אפילו די גרעפין איינזידעל, וואָס געטע האָט זי תמיד באַזונדערס פאַרערט, איז אריבער צום שונא. דאָס באַווייזט ווי שוואַך עס איז געווען דער אמת׳ער צובונד צו העכערער קולטור אפילו צווישען די העכסטע אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפטליכע קרייזען, און ווי מעכטיג עס איז געווען דער ליטעראַט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט׳ן ווירקליכען לעבען און האָט געזוכט פאַרערער אין זיין סביבה.

עס איז אָהן ספק געווען אַ צייט ווען געטע און שילער אליין זיינען געווען רעאַליסטען. פאַר ביידען, אין זייער ערשטער שטופע פון אומרוהיגען דראַנג, איז די ווירקליכקייט געווען אַ נויטווענדיגקייט. ביידע האָבען פרייגעלאָזען די נאַטור און די געפיהלען אין זייערע ערשטע שאַפונגען, געטע אין „געץ" און „ווערטער", שילער אין די „רויבער". אָבער נאָך דעם ווי „געץ" האָט געשאַפען די מאָדע פון ריטערליכע ראָמאַנסען און וואַלד־גזלנ׳ישקייט, „ווערטער" — פון זעלבסטמאָרד, סיי אין אמת׳ן לעבען סיי אין דער לי־

טעראַטור, „די רויבער“ — פון אַזעלכע ווערק ווי „אַבעלינאָ דער גרויסער באַנדיט“, האָבען זיך די גרויסע שרייבער צוריקגעצויגען פון דער ארענע ווען זיי האָבען געזעהן, אַז די לעזער־וועלט קען ניט אונטערשיידען צווישען די אָריגינאַלען און די אימיטאַציעס. זייער אינטערעס אין׳ם תוך האָט זיך פארלוירען אין זייער אינטערעס אין דער פאָרם: שטודירענדיג דאָס פאַרצייטיגע זיינען זיי געבראַכט געוואָרען אַלץ מעהר אונטערצושטרייכען די ארטיסטישע פאָלקאָ־מענהייט. עס איז ניט געווען זייער מזל צו געפינען אַ פּובליקום וואָס זאָל זיי פאַרשטעהן, נאָך וויניגער אַ פאָלק וואָס זאָל זיי צו־שטעלען סיוזשעטען, שטעלען זיי פאָדערונגען, געבען זיי באַשטעל־לונגען, אַזוי צו זאָגען. דאָס דייטשישע פאָלק איז געווען צו אומ־אנטוויקעלט. ווען געטע, אין וויימאַר, האָט געטאָן וואָס ער האָט געקענט צו העלפען שילער׳ן, האָט ער אויסגעפונען אַז שילער, צו־ליב זיין אומרוהיג לעבען אין מאַנהיים, צוליב דעם וואָס ער איז גע־ווען באַקאַנט ווי אַ פּאָליטישער אנטרונענער, און ספּעציעל צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין גראָשען ביי דער נשמה, האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ שרייבער מיט דער אומגליקליכסטער פאַרגאַנגענהייט. בעת׳ן עפּיגראַמען קאַמף פון 1797, האָט מען ביידען, געטע׳ן און שילער׳ן, גלייך באַהאַנדעלט ווי פּאָעטען מיט אַ צווייפעלדיגען טאַלאַנט. איינער פון די פּאַמפלעטען אנטקעגען זיי איז געווידמעט „די צוויי פושער פון ווייִמאַר און יענאַ“. נאַ־פּאָלעאָן האָט אויסגעדריקט זיין אנערקענונג צו געטע׳ן, זיין פאַר־לאַנג איהם צו זעהן און צו רעדען מיט איהם, אין׳ם אויסרוף: „אָט איז אַ מענש!“ וואָס האָט פיעל געהאָלפען פעסטצושטעלען גע־טע׳ס רעפּוטאַציע אין דייטשלאַנד. אַ פּרייסישער שטאַב אָפיציר, וועמען מען האָט אַרום יענער צייט איינגעקוואַרטירט אין דיכטער׳ס הויז, האָט קיינמאָל ניט געהאַט געהערט זיין נאָמען. זיין אַרויסגע־בער האָט זיך ביטער באַקלאָגט איבער דער קליינער פאָדערונג פאַר דער געזאַמעלטער אויסגאַבע פון זיינע ווערק. די ווערק פון זיין שוואָגער, פולפּיוס (דער מחבר פון „רינאַלדאָ רינאַלדיני“), האָבען זיך פיעל בעסער פאַרקויפט. „טאַסאָ“ און „איפיגעניאַ“ האָבען ניט געקענט קאָנקורירען מיט אַזעלכע אייראָפּעאישע באַרימטע ווערק ווי קאָצעבו׳ס „מענשענהאַס און חרטה“. געטע אַליין דערציילט

אונז, אַז מען האָט זיי פאַרגעשטעלט אין ווייַמאַר איין מאָל יעדע דריי אָדער פיר יאָר. עס איז גענוג קלאָר, אַז די נאַרישקייט פונ'ם עולם האָט אַראָפּגעפירט די גרויסע דיכטער פונ'ם פּאָפּולערען וועג צו רום; אָבער עס איז פּונקט אַזוי קלאָר אַז דער נייער קלאַסיציזם, פון וועלכען זיי האָבען אַזוי שטאַרק געהאַלטען איז געווען אַ שטענדיג וואַקסענדיגע סיבה פון זייער אומפּאָפּולאַריטעט. בלויז צוויי ווערק געטע'ס האָבען געהאַט אַ זיכערען ערפאָלג, „ווערטער" און „הערמאַן דאָראָטעאַ".

וואָס האָבען די צוויי גרויסע דיכטער געטאָן נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך אויסגעדרעהט מיט'ן רוקען צו זייער ארומיגקייט? געטע האָט געמאַכט די געשיכטע פון זיין אייגענער אָנגעשטרענגטער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פאַר דער טעמע פון אַ פּלאַסטיש פּאָעטישער באַהאַנדלונג, אָבער איינזעהענדיג, אַז עס איז אוממעגליך, אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער מאָדערנער מענשהייט, צו דערגרייכען די שעהנע איינפאַכקייט פון די אַלטע גריכען, האָט ער גענומען רייניגען זיינע ווערק פונ'ם פּערזענליכען; ער האָט געשאַפען סימבאָלישע לידער און אַלעגאָריעס, געשריבען „די נאַטירליכע טאָכטער", וואו די העלדען רופען זיך פשוט לויט זייערע אַמטען, „קעניג", „גייסטליכער", א. אז. וו. און די ניי־קלאַסישע שטודיען „אַכילעס", „פּאַנדאָראַ", "פּאַלעאָפּראָן און נעאָטערפּע", „עפּימענידעס" און די צווייטע טייל פון „פאַוסט". ער האָט אָנגעהויבען צו באַנוצען גריכישע מיטאָלאָגיע אָט ווי מען האָט עס געטאָן אין דער פראַנצויזישער קלאַסישער ליטעראַטור, דהיינו, ווי אַן אַלגעמיין פאַרשטאַנענע מעטאַפאָרישע שפּראַך. ער באַהאַנדעלט ניט מעהר דעם אינדיווויד ווי אַ טיפּ, ווי אין דער ערשטער טייל פון „פאַוסט", נאָר שאַפט טיפּען וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר אינדיווידען. זיין אייגענע „איפיגעניאַ" איז איצט געוועזען פאַר איהם צו מאָדערן. די אַריינגעטונקייט אין דער אַלעגאָריע איז געוואָרען אַלץ בולט'ער, און דאָס האָט טאָרוואַלדזענ'ען אין זיין קונסט צו ווייט אַוועקגעפירט פון לעבען. אין זיין קונסט קריטיק איז געטע מיט עקשנות באַשטאַנען דערויף אַז דאָס וויכטיגסטע איז ניט טרייקייט צו דער נאַטור נאָר טרייקייט צו דער קונסט. פאַר איהם איז געוועזען בילכער אַ אידעאַלע איינאַרטיגקייט (ווי מען געפינט עס,

למשל, אין זיינע צייכענונגען וואָס זיינען פאַרבליבען אין זיין הויז אין פראַנקפורט) איידער א מיאוס׳ער נאָר קרעפטיגער נאַטוראַליזם. אַלס טעאַטער דירעקטאָר האָט ער געהאַנדעלט לויט׳ן זעלביגען פּרינ־ציפּ. פּראַכט און שטאָלץ זיינען פאַר איהם געווען אַלץ. ער האָט אונטערשטיצט דעם קאָנווענציאָנעלען טראַגישען סטיל פון קאַלדע־ראָנ׳ען און אַלפיערי׳ן, ראַסינ׳ען און וואָלטער׳ן. זיינע אַקטיאָרען זיינען געווען געאיבט, לויט דער מאַניער פון די גריכען, צו שטעהן ווי לעבעדיגע סטאַטועז; מען האָט זיי ניט דערלויבט צו שטעהן מיט׳ן פּראָפיל אָדער מיט׳ן רוקען צום פּובליקום. אין געוויסע טעג, צו להכעיס די מנהגים פון דער מאָדערנער מימישער קונסט, האָבען זיי געטראָגען מאַסקעס. ניט קוקענדיג אויף דער עפענטליכער אָפּאָ־זיציע האָט ער געשטעלט א. פּ. שלעגעל׳ס „איאָן" אויף דער ביהנע — א פּיעסע וואָס מען האָט ארויסגעגעבען ווי אַן אָריגינעלע, אָבער אין דער אמת׳ן אַן אומנאַטירליכע צופּאַסונג צו יעוורִיפּיד׳ן, אָנגע־וואונקען דורך „איפיגעניא". נאָך מעהר, ער איז ווירקליך באַ־שטאַנען דערויף, בלויז כדי צו איבען די אַקטיאָרען אין דעקלאַמי־רען פערזען, אַז מען זאָל שטעלען פרידריך שלעגעל׳ס „אַלאַרקאָס", א דורכאויס נישטיגע זאַך, וואָס א טאַלאַנטלאָז חדר אינגעל וואָלט געקענט אָנשרייבען, און עס איז געווען זיכער אַז מען וועט עס ארונטערפייפען פון דער ביהנע.*) אזא ווייטען מהלך איז ער גע־גאַנגען ביסלעכוויז מקריב זייענדיג אַלץ פאַר דער אויסערליכער אַרטיסטישער פאָרם.

עס איז אַלזאָ לייכט צו זעהן ווי אזוי גטע׳ס איינזייטיגקייט האָט צוגעגרייט דעם וועג פאַר די ראָמאַנטיקער; עס איז ניט אזוי לייכט צו ווייזען, אַז דאָס זעלביגע איז אויך אמת בנוגע שילער׳ן. שילער׳ס דראַמעס קוקען אויס ווי נביאות איבער ווירקליכע געשע־הענישען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע לעבט אויף אין „די רוי־

---

*) „אויער מיינונג וועגען „אַלאַקראָס" איז מיינע; דאָך דענק איך מיר דאַרפען וואָגען מיט אַלץ; אויסערליכער ערפאָלג אָדער ניט־ערפאָלג שפּילט קיין שום ראָליע ניט. אונזער געווינס ליגט, דוכט מיר, הויפּטזעכליך דערין, וואָס מיר געוויינען אונזערע אַקטיאָרען איבערצו׳חזר׳ן, און זיך אַליין — צו הערען אָט דעם זעהר פּינקטליכען מעטער". — געטע.

בער" (אַ פּיעסע וואָס האָט געגעבען „מאָנסיע זשיל" דעם טיטעל
פון ערען־בירגער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק) און, ווי גאָט־
שאַל באַמערקט „דער אכצעהנטער ברומער*) ווערט פאָראויס־
געזעהן אין „פיעסקאָ", די שעהנע שפּראַך פון די זשעראַנדיסטען —
אין „פּאָזאַ", דער צעזאַרישער סאָלדאַטען גייסט — אין „וואַלענ־
שטיין", און די „באַפרייאונג מלחמות" — אין „די יונג פרוי פון
אָרלעאַנס" און אין „ווילהעלם טעל". " אָבער אין דער אמת'ן גיט
זיך שילער אונטער דעם איינפלוס פון זיין סיוזשעט, אָהן אַ היג־
טער געדאַנק און אַ העכערען צוועק, בלויז אין זיינע ערשטע דראַ־
מעס. אין זיינע שפּעטע פּיעסען פיהלט דער קאָמפּעטענטער קרי־
טיקער גלייך ווי ווייט דער געדאַנק וועגען דער פאָרם האָט באַ־
איינפלוסט דאָס אויסקלייבען די טעמע. הענריך איבסען האָט
אַמאָל געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם רעדענדיג וועגען
דער „יונגפרוי פון אָרלעאַנס". ער האָט געהאַלטען, אַז אין יענער
דראַמע איז ניטאָ קיין „איבערלעבונג", אַז זי איז ניט קיין רע־
זולטאַט פון טיפען פּערזענליכען איינדרוק, נאָר אַז זי איז אַ קאָמ־
פּאָזיציע. און העטנער האָט געוויזען, אַז אַזאַ איז די באַציהונג
פונ'ם שרייבער צו זיין ווערק אין אַלע זיינע שפּעטערע פּיעסען.
פונ'ם יאָר 1798 און ווייטער האָט שילער'ס באַוואונדערונג פאַר
דער גריכישער טראַגעדיע איהם געפירט צו זוכען אַ סיוזשעט וואו
די גריכישע אידעע וועגען שיקזאַל האָט געהערשט. די אידעע פון
נעמעזיס**) פאַרנעמט דעם אויבען־אָן אין „דער רינג פון פּאָלי־
קראַטעס", „דער טויכער" און „וואַלענשטיין". „מאַריאַ סטואַרט"
איז געפורעמט לויט סאָפאָקל'ס „עדיפּוס רעקס", און ער קלייבט
אויס דעם ספּעציעלען היסטאָרישען עפּיזאָד כדי צו האָבען אַ טעמע
וואו דער טראַגישער סוף, דער באַשטימטער יום הדין, איז באַ־
וואוסט, אַזוי אַז די דראַמע אַנטוויקעלט ביסלעכווייז בלויז דאָס,
וואָס איז אומפאַרמיידליך גלייך פון אָנהייב. די טעמע פון די יונג־

---

*) ברומער — דער צווייטער חודש פונ'ם יאָר אינ'ם פראַנצוי־
זישען רעוואָלוציאָנערען קאַלענדאַר. דעם אכצעהנטען ברומער האָט
זיך אָנגעהויבען נאַפּאָלעאָנ'ס הערשאַפט. (איבערזעצער.)

**) די אידעע אַז דער גוטער ווערט באַלוינט און דער שלעכטער—
באַשטראָפט. (איבערזעצער.)

פרוי פון אָרלעאַנס", וואָס זעהט אויס אַזוי ראָמאַנטיש, ווערט אויס־
געקליבען דערפאַר ווייל שילער האָט געוואָלט באַהאַנדלען אַן עפּי־
זאָד וואו, אויפ'ן פאַרצייטיגען דרך, אַ דירעקטע געטליכע שליחות
דערגרייכט די מענשליכע נשמה, וואו די געטליכקייט איז אַ מאַטע־
ריעלער און דירעקטער פאַרמיטלער, און דאָך קען דאָס מענשליכע
באַשעפעניש, וואָס איז דער אָרגאַן פון דער געטליכקייט, צעבראָכען
ווערען — אויף אַן עכטען גריכישען אופן — אַ דאַנק זיין מענשלי־
כער שוואַכקייט.

עס איז בלויז געווען אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער
אומרעאַליסטישער טענדענץ וואָס שילער, כאָטש ער איז לחלוטין
ניט געווען מוזיקאַליש, האָט דערהויבען די אָפּערע אויפ'ן חשבון
פון דער דראַמע, און געהאַלטען אַז דער גריכישער כאָר דערוועקט
מעהר יראת הכבוד ווי דער מאָדערנערער טראַגישער דיאַלאָג. אין
„די כלה פון מעסינאַ" שאַפט ער אַליין אַ „שיקזאַל" טראַגעדיע, וואָס
איז אין תוך גענומען אַ ווערק אין דער מאַניער פון סאָפאָקל. אפילו
אין „ווילהעלם טעל" איז זיין שטאַנדפּונקט ניט קיין מאָדערנער;
פאַרקערט, ער איז אין יעדער איינצעלהייט ריין העלעניש. ער
פאַסט ניט אויף דעם סיוזשעט דראַמאַטיש, נאָר עפּיש. דער איינ־
צעלנער ווערט ניט אָנגעצייכענט מיט קיין ספּעציעלער כאַראַקטע־
ריסטיק. בלויז אַ צופאַל הייבט אויף טעל'ן איבער דער מאַסע און
מאַכט איהם פאַר אַ פיגור פון דער באַוועגונג. ער איז, ווי געטע
זאָגט, „אַ מין דעמאָס". ממילא שטעלט די דאָזיגע פּיעסע ניט
פאָר קיין קאָנפליקט צווישען צוויי גרויסע, אומפאַראייניבאַרע היס־
טאָרישע אידעען; די מענשען פון „ריטלי" זיינען ניט מיט'ן האַר־
צען צוגעבונדען צו דער פרייהייט. ניט די אידעע פון פרייהייט,
ניט די ליבע צום לאַנד רופט אַרויס די איבערקערעניש, פּריוואַטע
אידעען און פּריוואַטע אינטערעסען, די פאַרגעוואַלטיגונג פון פאַ־
מיליען רעכט און רעכט אויף אייגענטום זיינען דאָ דער הויפּט מאָ־
טיוו פון דער האַנדלונג, ריכטיגער, פון די געשעהענישען, זיי פאַר־
נעמען דעם פּלאַץ פון פּערזענליכע און דינאַסטישע אַמביציעס אין
אַנדערע דראַמעס. מען ווייזט אונז קלאָר אָן אַז די פּויערים שטרע־
בען ניט צו באַקומען נייע פרייהייטען, נאָר אויפצוהאַלטען אַלטע,
גע'ירשנ'טע מנהגים. בנוגע אָט דעם פּונקט קען איך דעם לעזער

אַנווייזען אויף לאַסאַל׳ן, וועלכער אַנטוויקעלט דעם זעלביגען בליק, מיט זיין געוויינליכער גענִיאַליטעט, אין דער אינטערעסאַנטער הקדמה צו זיין דראַמע „פראַנץ פון זיקינגען“.

אַזוי אַרום זעהען מיר אַז אפילו שילער, דער פּאָליטישסטער און היסטאָרישסטער פון די דייטשישע פּאָעטען, בעת ער איז, דוכט זיך, שטאַרק פאַראינטערעסירט אין געשיכטע און פּאָליטיק, האַנדעלט ער אָבער בלויז אויף אַ באַגרעניצטער מאָס מיט דער ווירקליכקייט; און דערפאַר קען מען עס באַטראַכטען ווי באַוויזען, אַז די כאַראַקטער־שטריכען פון דער גאַנצער ליטעראַטור פון יע־נער צייט זיינען געווען אַ ווידערווילען אַנטקעגען דער היסטאָרי־שער און אַיצטיגער ווירקליכקייט, מיט אַנדערע ווערטער — סוב־יעקטיוויזם און אידעאַליזם.

אָבער דער גייסט פון הערדער׳ן, געטע׳ן און שילער׳ן איז בלויז איין טרייב־כח פונ׳ם ראָמאַנטיזם. דער אַנדערער איז פיכ־טע׳ס פילאָזאָפיע. די פיכטע׳שע טעאָריע וועגען דעם „איך“ האָט נעגעבען דער ראָמאַנטישער אינדיווידואַליטעט איהר כאַראַקטער און קראַפט. די אַקסיאָמען: אַלץ וואָס עס איז פאַראַן איז פאַר אונז; אַלץ וואָס עס איז פאַר אונז, קען זיין בלויז דורך אונז; אַלץ וואָס עס איז פאַראַן, סיי דאָס נאַטירליכע סיי דאָס איבערנאַטיר־ליכע, עקזיסטירט דורך דער „אַקטיוויטעט פונ׳ם איך“, — דאָס אַלץ האָט באַקומען אַ נייעם פירוש ווען מען האָט עס אַריבערגע־טראָגען פון דער מעטאַפיזישער אין דער פּסיכאָלאָגישער וועלט. די גאַנצע ווירקליכקייט ליגט אינ׳ם „איך“ אַליין, ממילא פאָדערט דער אַבסאָלוטער „איך“ אַז דער ניט־„איך“, וואָס ווערט פון איהם אָוועקגעשטעלט, זאָל האַרמאָנירען מיט איהם, און ער אַליין איז פשוט די אומענדליכע שטרעבונג אַריבערצוטרעטען זיינע אייגענע גרעניצען. אָט דער שלום פון דער „וויסענשאַפט־לערע“ האָט צערודערט דעם יונגען דור. אונטער דעם אַבסאָלוטען „איך“ האָבען זיי פאַרשטאַנען — אין דער אמת׳ן, ווי פיכטע אַליין, כאָטש אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן — ניט קיין געטליך וועזען, נאָר די דענקענ־דיגע מענשליכע בריאה. און אָט די נייע, פאַר׳שכור׳נדיגע אידעע פון דער אַבסאָלוטער פרייהייט און קראַפט און זעלבסט־גענוגקייט פונ׳ם „איך“, וועלכער, מיט דער אייגענוויליגקייט פון אַן אויטאָ־

קראַטישען מאָנאַרך, צווינגט די גאַנצע וועלט זיך פאַר איהם צו רע־דוצירען ביז נול, איז ענטוזיאַסטיש פּראָקלאַמירט געוואָרען פון אַ נאַריש־אייגענווילינער, איראָנישער און פאַנטאַסטישער גרופּע יונגע גאונים, האַלבע גאונים און פערטעל גאונים. די „שטורם און דראַנג" פּעריאָדע — ווען די פרייהייט מיט וועלכער מענשען האָבען זיך גערימט איז געווען די „אויפקלערונג" פרייהייט פון אַכ־צעהנטען יאָרהונדערט — איז ווידער ערשינען אין אַ מעהר ראַ־פינירטער און אידעאַליסטישער פאָרם; און די פרייהייט מיט וועל־כער מען האָט זיך איצט בארימט איז געווען די הפקרות פון נייג־צעהנטען יאָרהונדערט.

פיכטע'ס טעאָריע פונ'ם „איך" וואָס שטעלט אוועק, וואָס שאַפט אַ וועלט, האָט ניט געשטימט מיט'ן „מענשליכען שכל הישר". דאָס איז געווען איינס פון איהרע הויפּט רעקאָמענדאַציעס אין די אויגען פון די ראָמאַנטיקער. די „וויסענשאַפט־לערע" איז געווען וויסענשאַפטליך אַ פּאַראַדאָקס, אָבער פאַר זיי איז דער פּאַ־ראַדאָקס געווען דאָס שמאַלץ פונ'ם געדאַנק. נאָך מעהר, די פונ־דאַמענטאַלע אידעע פון דער טעאָריע איז פּונקט אַזוי געווען ראַ־דיקאַל ווי פּאַראַדאָקסאַל. זי האָט זיך אַנטוויקעלט אונטער'ן איינ־דרוק פונ'ם פּאַרזוך וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט גע־מאַכט צו איבעראַנדערשען דאָס גאַנצע טראַדיציאָנעלע סיסטעם אין אַ שכל'דיגען סיסטעם. די אויטאָקראַטיע פונ'ם „איך" איז געווען פיכטע'ס באַגריף פון דער וועלט אָרדנונג, און דערפאַר האָ־בען די ראָמאַנטיקער געגלויבט אַז אין דער דאָזיגער טעאָריע פונ'ם „איך" ליגט פאַר זיי אַ הייב־שטאַנג מיט וועלכער זיי וואָלטען גע־קענט אויפהייבען די אַלטע וועלט און ארויסנעמען זי פון איהרע זאַוויעסעס.

די ראָמאַנטישע פאַרגעטערונג פון דער פאָרשטעלונגס־קראַפט האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען אין פיכטע'ן. ער האָט דער־קלערט די וועלט ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אומבאַוואוסטזיניגען אַקט, וואָס איז דאָך באַגרייפליך פאַר'ן דענקער, פון אַ פרייען „איך", וועלכער איז דאָך גלייכצייטיג באַגרעניצט. אָט דער אַקט, האַלט ער, קוועלט אַרויס פון דער שאַפענדיגער פאָרשטעלונגס־קראַפט. דורך איהר ווערט פאַר אונז צום ערשטען די וועלט, וועלכע מיר באַ־

נעמען מיט די חושים, א ווירקליכע וועלט. אלזאָ, די גאַנצע טע־טיגקייט פון דער מענשליכער פסיכיק, לויט פיכטע׳ן, קוועלט ארויס פון דער שאַפענדיגער פאַנטאַזיע; דאָס איז דער אינסטינקט וועל־כען ער באַטראַכט פאַר׳ן צענטראַלען כח פונ׳ם אַקטיווען „איך". דער פאַרגלייך מיט דער פאַנטאַזיע וואָס איז אַזוי מעכטיג אין דער קונסט, איז קלאָר. אָבער פיכטע׳ן איז ניט געלונגען צו באַמערקען אַז די פאַנטאַזיע איז באַין אופן ניט קיין שאַפענדיגע, זי איז בלויז א קראַפט וואָס פאַראַנדערשט, שטעלט איבער, וואָרים זי פאַרנעמט זיך בלויז מיט דער פאָרם פון באַגריפענע זאַכען, ניט מיט זייער אינהאַלט.

פיכטע זאָגט, אַז ער „דאַרף ניט קיין „זאַכען", און ער באַנוצט זיך ניט מיט זיי, ווייל זיי שטערען זיין זעלבסט־אָפּהענגיגקייט, זיין אומאָפּהענגיגקייט פון אַלץ וואָס איז אין דרויסען פון זיין איך". דער דאָזיגער געדאַנק איז ענג פאַרבונדען מיט פרידריך שלעגעל׳ס באַמערקונג, „אַז אַן אמת׳ער פילאָזאָפישער מענש דאַרף זיך קענען רעגולירען ווען ער וויל נאָר לויט׳ן פילאָזאָפישען אָדער פילאָלאָגי־שען, קריטישען אָדער פּאָעטישען, היסטאָרישען אָדער רעטאָרישען, אַלטען אָדער מאָדערנעם טאָן, פונקט ווי מען רעגולירט אַן אינסטרו־מענט, און דאָס דאַרף ער קענען טאָן צו יעדער צייט, און אויף יע־דער טאָן־מדרגה".

לויט דער ראָמאַנטישער טעאָריע קענען זיך די אַרטיסטישע אַלמעכטיגקייט פונ׳ם „איך" און די אייגענוויליגקייט פונ׳ם פּאָעט ניט אונטערוואַרפען קיין שום געזעצען. אין אָט דער אידעע ליגט די זריעה פון דער באַוואוסטער ראָמאַנטישער איראָניע אין דער קונסט, דאָס באַהאַנדלען יעדע זאַך סיי מיט שפּאַס סיי מיט ערנסט, די אייביגע זעלבסט־פּאַראָדיע, די שפּיל וואָס באַאומרוהיגט ארויס־רופענדיג און פאַרטרייבענדיג אילוזיע נאָך אילוזיע, וואָס צעשטערט די גאַנצע דירעקטקייט בנוגע דעם עפעקט אין א סך ליבלינג ווערק פון די ראָמאַנטיקער.

דעם ראָמאַנטיקער׳ס טעאָריע פון קונסט און לעבען עקזיס־טירט אַלזאָ א דאַנק א געמיש פון פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, א דורכ־פלעכטונג פונ׳ם דיכטער׳ס טרוימען און דעם סטודענט׳ס טעאָ־ריעס; זי איז א ווערק פון ריין אינטעלעקטועלע כחות, און עס איז ניטאָ קיין שום שייכות צווישען אָט די כחות און דעם ווירק־

ליבען לעבען. דערפון שטאַמט דער צו שטאַרק אינטעלעקטועלער כאַראַקטער פונ׳ם ראָמאַנטיזם. דערפון שטאַמען די אַלע איבער־חזר׳ונגען, דאָס גאַנצע אויפהייבען זיך צו העכערע כחות אין אַט דער פּאָעזיע איבער פּאָעזיע און דעם פילאָזאָפירען איבער פילאָזאָ־פיע. דערפון שטאַמט וואָס ער לעבט און באַוועגט זיך אין אַ העכערער וועלט, אין אַן אַנדערער נאַטור. דאָס דערקלערט אויך דעם גאַנצען סימבאָליזם און אַלעגאָריע אין די דאָזיגע האַלב פּאָעטישע, האַלב פילאָזאָפישע ווערק. עס איז ערשינען אַ ליטעראַטור וואָס האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיע, און האָט ענדליך זיך פאַראייניגט מיט דער רעליגיע, און וועלכע האָט געהאַט צו פאַר־דאַנקען איהר עקזיסטענץ אַ לעבען פון געפיהל פיעל מעהר איידער פון אינטעלעקטועלער פּראָדוקטיוויטעט. ממילא קענען מיר פאַר־שטעהן ווי אַזוי אַ. וו. שלעגעל אליין זאָגט: „עס איז אָפט געווען גיכער אַ שוואַכער אָנוויז אויף דער לופטיגער מעלאָדיע פון די געפיהלען איידער אַן אויסדרוק פון די געפיהלען אליין אין זייער גאַנצער קראַפט און פולקייט.“ דער שרייבער האָט ניט געוואָלט מיטטיילען דעם לעזער די זאַך אליין, נאָר אַן אָנוויז אויף דער זאַך. די פיגורען פונ׳ם ראָמאַנטיזם דערזעהען מיר ניט אין העלען זון־ליכט, נאָר אין בין השמשות, אָדער אין מיסטעריעז ציטערדיגען לבנה־ליכט אויף אַ ווייטען האָריזאָנט אָדער אין חלומות. פון דעם שטאַמט אויך וואָס די ראָמאַנטיקער מאַכען דינער און דימינוטיוו די טערמינען וואָס דריקען אויס דאָס, וואָס מען נעמט אויף מיט די חושים (Blitzeln, Aeugeln, Hinschatten), און אויך וואָס זיי בייטען איבער די טערמינען פאַר די איינדרוקען פון פאַרשי־דענע חושים, וואָס צעמישט און פאַרטונקעלט די בילדליכקייט. אין „צעברינא“ שרייבט טיק וועגען בלומען:

> “Die Farbe Klingt; die Form ertont, jetwede
> Hat nach der Form und Farbe Zung und Rede.
> — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
> Sich Farbe, Duft, Gesang Geschwister nennen.”*

*) „עס קלינגט די פאַרב; די פאָרם קלינגט אָפּ און יעדע
האָט לויט איהר פאָרם און פאַרב איהר צונג און שפּראַך.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
געזאַנג און פאַרב און דופט זיך איין פאַמיליע רופען.“

דער עיקר אין אָט דער ליטעראַטור איז ניט מעהר די ליידענשאַפט פון דער „שטורם און דראַנג" פעריאָדע, נאָר די פרייע שפּיל פון דער פאַנטאַזיע, א טעטיגקייט פון דער פאַנטאַזיע וואָס איז באַגרעניצט פון די געזעצען פונ'ם שכל און ניט פונ'ם שייכות צווישען געפיהל און ווירקליכקייט. די העכערע, פּאָעטישע אידעען־סעקווענצען, וועלכע מען האָט איצט אריינגעבראַכט דערקלערען קריג די געזעצען פון געדאַנק און שפּאָטען פון זיי ווי פון פיליסטערישע זאַכען. זייער פּלאַץ ווערט פאַרנומען פון קאַפּריזען, איינרעדענישען, און משוגעת'ן. די פאַנטאַזיע באַשליסט אוועקצוּוואַרפען די ווירקליכקייט, אָבער די פאַרהאַסטע ווירקליכקייט האָט איהר נקמה אין דער אומבאַגרינדעטקייט אָדער בלוט־אָרימקייט פון דער פאַנטאַזיע. די פאַנטאַזיע פאָדערט ארויס דעם שכל, אָבער אין דער ארויספאָדערונג ליגט אַן אומגעלומפּערטע סתירה; עס איז א באוואוסטזיניגע און פאָראויס־געפּלאַנטע זאַך — דער שכל דאַרף ארויסטרייבען דעם שכל. זעלטען האָט א פּאָעטישע שול עקזיסטירט אונטער אַזאַ דרוק פון א שטענדיג באוואוסטזיין פון איהר אייגענעם כאַראַקטער ווי אין דאָזיגען פאַל. א באוואוסטזיניגע כונה איז דער שטעמפּעל פון איהרע ווערק.

די אינטעלעקטועלע ירושה וואָס איז אָנגעקומען די ראָמאַנטיקער איז געווען אָהן א שיעור גרויס. זייער שול איז ערשינען דעמאָלט ווען די ליטעראַטור איז געשטאַנען אויף איהר העכסטער הויך אין דייטשלאַנד. דאָס דערקלערט די פריהע רייפקייט פון איהרע מיטגלידער. זייער וועג איז שוין געווען אויסגעטראָטען פאַר זיי. אין זייער יוגענד האָבען זיי אריינגענומען אין זיך אַן אומגעהייערן סכום ליטעראַרישע ידיעות און אַרטיסטישע טעכניק, אויף אַזאַ אופן האָבען זיי אָנגעהויבען מיט אַן אינטעלעקטועלען קאַפּיטאַל וואָס קיין אַנדער יונגער דור אין דייטשלאַנד האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט. זייערע ערשטע געדאַנקען האָבען זיי אויסגעדריקט אין דער שפּראַך פון געטע'ן, שילער'ן און שעקספּיר'ן, און אָנהייבענדיג אויף אַזאַ אופן זיינען זיי אָנגעגאַנגען באַשאַפענדיג, וואָס געטע האָט גערופען „די פּעריאָדע פון געצוואונגענע טאַלאַנטען". אויפ'ן פּלאַץ פון שטודירען דעם אמת'ן מענשליכען כאַראַקטער און דורכפירען באַשטימטע אַרטיסטישע אידעען, האָ־

בען זיי אוועקגעשטעלט די חוצפה׳דיגקייט פון דער צערודערטער פאנטאזיע. דאס געמיינזאמע אין אלע די זעהר פארשידענע שטרעבונגען און ווערק פון די ראמאנטיקער — אין וואקענראדער׳ס „קלויסטער־ברודער“ מיט זיין גייסטיגען ענטוזיאזם פאר קונסט און אידעאלער שעהנקייט, אין „לוצינדע“ מיט איהר גשמיות׳דיגער פארגעטערונג פון׳ם גוף, אין טיק׳ס מעלאנכאלישע ראמאנען און מעשה׳לעך, וואו דער קאפריזנער שיקזאל לאכט אפ פון׳ם מענשען, און אין טיק׳ס דראמעס און האפמאנ׳ס מעשיות, וואו יעדע פארם פארשווינדט אין איהר פלאץ פארנעמען די משוגעת׳ן און אראבעסקען פון דער קאפריזנער פאנטאזיע — דאס געמיינזאמע אין אט די אלע ווערק איז די הפקר׳דיגע זעלבסט־פעסטשטעלונג אדער די פעסטשטעלונג פונ׳ם אבסאלוטיזם פונ׳ם איינצעלנעם, וואס איז א רעזולטאט פון דער מלחמה מיט דער ענג־הארציגער פראזע, פון דער דרינגענדער פאדערונג אויף פאעזיע און פרייהייט.

די אבסאלוטע אומאפהענגיגקייט פונ׳ם „איך“ זונדערט אפ פון דעסטוועגען האבען די דאזיגע מענשען שנעל געשאפען א שול, און נאך איהר באלדיגער אויפלייזונג האבען זיך פארמירט אין עטליכע אינטערעסאנטע גרופעס. דאס דארף מען צושרייבען זייער אנטשלאסענקייט זיך צו פאראייניגען כדי צו דערגרייכען דעם נצחון, צו פארזיכערען די וועלט־הערשאפט פון דער לעבענספילאזאפיע, וועלכע די גרויסע דייטשישע מוחות האבען ארויסגעבראכט. זיי האבען געוואלט אריינברענגען אין לעבען די דאזיגע פילאזאפיע פון די גאונים, אויסצודריקען זי אין דער קריטיק, אין פאעזיע, אין קונסט טעאריעס, אין רעליגיעזען מוסר, אין דער לייזונג פון סאציאלע און אפילו פאליטישע פראבלעמען; און זייער ערשטער שריט אין דער ריכטונג איז געווען א ווילדע ליטערארישע מלחמה. טיילווייז האט זיי געטריבען די נויטיגקייט, וואס די גרויסע און שטארקע נאטורען האבען געפיהלט, אריינצוברענגען איין ווילען און איין גייסט אין דער גאנצער חברה קריגסלייט, און טיילווייז — די נייגונג פון טאלאנטפולע מענשען — וואס זייערע טאלאנטען האט מען אטאקירט און באשטריטען — אנטקעגען צו קומען די איבערוועלטיגענדע צאל פון זייערע געגנער מיט א קלייגער, נאר א העכערער קריגס־מאכט. דאס וואס ביי זיי האט געפעלט

אַ שטאַט אָרגאַניזאַציע — וואָס איז געווען די ערשטע באַדינגונג פון דער אומאָפּהענגיגקייט, וועלכע האָט זיי אָפּגעזונדערט — האָט אויך פאַראורזאַכט וואָס די בעסטע מענשען זייערע האָבען געשאַפען אַ שול אָדער אַ פּאַרטיי. דאָס באַוואוסטזיין אַז זיי געהערען צו אַ פאָלק אָהן דער איינינגקייט פון אַ נאַציע,*) און אָהן אַ קאָלעקטיווער קראַפט, האָט באַשאַפען די שטרעבונג דורכצודרינגען די הויפּט גייסטער פון דער אינטעלעקטועלער אַריסטאָקראַטיע מיט אַ נייעם פאַראייניגונג־פּרינציפּ.

*) דאָ רעדט זיך וועגען דער צייט פאַר'ן יאָהר 1871, ד. ה., איידער די באַזונדערע שטאַטען פון דייטשלאַנד האָבען זיך געהאַט פאַראייניגט. (איבערזעצער.)

קאפיטעל 2.

העלדערלין.

זיין לעבען, משוגעת און טויט; באוואונדערער פון אלטען גריכענלאנד; זיינע פאליטישע איבערצייגונגען; היפעריאן און דיאטימא; זיין האלב־מאדערנער פאנטעאיזם; העלדערלין אלס אנזאגער פון׳ם ראמאנטיזם.

א חוץ דער גרופע וועלכע רעפרעזענטירט דעם איבערגאנג פון געטע׳ם און שילער׳ם העלעניזם צום ראמאנטיזם, שטעהט אן איינזאמע פיגור, די פיגור פון העלדערלינ׳ען, איינער פון די ריינסטע און ראפינירטסטע מוחות פון זיין צייט. כאטש ער האט געלעבט אין זייער צייט, איז ער געווען א פיאנער פון די דייטשישע ראמאנטיקער, אויף אן ענליכען אופן ווי אנדריי שייניעה, אן אנדער העלעניסט, איז געווען דער פיאנער פון פראנצויזישען ראמאנטיזם. ער האט זיך געלערנט צוזאמען מיט׳ן שפעטערדיגען פילאזאף פון דער ראמאנטישער שול, שעלינג׳ן, און מיט העגעל׳ן, דעם גרויסען דענקער, וועלכער איז געקומען נאך די ראמאנטיקער, און ער איז געווען זייערביידענס פריינד, אבער ער האט זיך ניט באקענט מיט קיין איינעם פון די אמת׳ע ראמאנטיקער ביז משוגעת האט א סוף געמאכט צו זיין אינטעלעקטועלער אקטיוויטעט.

העלדערלין איז געבוירען געווארען אין 1770 און איז משוגע געווארען אין 1802. עס קומט אויס אז, כאטש ער האט דערנאך געלעבט נאך פערציג יאר, איז אבער זיין לעבען ווי א שרייבער געווען בלויז א ביסעל לענגער פון הארדענבערג׳ס אדער וואקענראדער׳ס.

די שנאה צום העלעניזם, וואס די שפעטערדיגע דורות באטראכטען ווי איינס פון די הויפט שטריכען פון דער ראמאנטישער באוועגונג, האט זיך ניט געפונען צווישען זיינע אריגינעלע עלעמענטען. פארקערט, מיט׳ן אויסנאם פון טיק׳ן, וועלכער האט זיכער

ניט געשעצט דעם העלענישען גייסט, זיינען אַלע ערשטע ראָמאַנ־טיקער, און ספּעציעל די ברידער שלעגעל, שלייערמאכער און שעלינג, געווען ענטוזיאַסטישע באַוואונדערער פון אַלטען גריכענלאַנד. זיי האָבען געשטרעבט זיך פאַנאַנדער־צו־קלייבען אין יעדען מענשליכען געפיהל, און טאַקע ביי די גריכען האָבען זיי געפונען די אַלזייטיגע מענשליכקייט. זיי האָבען געגאַרט צו צעברעכען די קינסטליכע געזעלשאַפטליכע צוימען פון זייער צייט און אַנטלויפען צו דער נאַטור, און לכתחילה האָבען זיי געפונען די נאַטור נאָר ביי די גריכען. פאַר זיי איז דאָס עכטע מענשליכע געווען דאָס עכטע גריכישע. פרידריך שלעגעל, צ. ב. ש. טרעט אריין אין זיין קאַריערע מיט דער האָפענונג צו זיין פאַר דער ליטעראַטור אַלץ וואָס ווינקעלמאַן איז געווען פאַר דער קונסט. אין זיין עסיי „וועגען דיאָטימאַ׳ן" און „וועגען דעם שטודיום פון דער גריכישער פּאָעזיע" פּראָקלאַמירט ער די העכערקייט פון דער גריכישער קולטור און גריכישער פּאָעזיע איבער אַלע אַנדערע. מען זעהט שוין דאָרט אַ סימן פון׳ם שפּעטערדיגען שלעגעל אינ׳ם פאַרזוך צו באַקעמפען די פאַלשע באַשיידענקייט פון דער מאָדערנער צייט און צו באַווייזען, אַז שעהנקייט איז ניט אָפּהענגיג אָן מאָראַלע געזעצען וועלכע האָבען לחלוטין ניט צו טאָן מיט קונסט. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש זיין פעסטשטעלונג, אַז אַריסטאָטעל׳ען האָט געפעלט דער חוש פאַר דער גריכישער נאַטור פּאָעזיע.

אָן ענליכער, נאָר מעהר דויעריגער ענטוזיאַזם פאַר׳ן אַלטען גריכענלאַנד איז געווען דער סאַמע תמצית פון העלדערלינ׳ס נשמה; און דער דאָזיגער ענטוזיאַזם האָט זיך ניט אויסגעדריקט אין אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, נאָר האָט אָנגענומען אַ לירישע פאָרם, אין פּראָזע און אויך אין פערזען. אַפילו אַלס דראַמען־שרייבער און ראָמאַניסט, איז העלדערלין געווען דער באַגאַבטער לירישער פּאָעט, דאָס און גאָרניט מעהר. היים האָט ריכטיג באַמערקט וועגען זיינע ראָמאַנען: „אַ פרייד אינ׳ם אידעאַלען, דער דורכפאַל פונ׳ם אידעאַלען, און אַ טרויער איבער׳ן דורכפאַל, דאָס איז די טעמע וואָס די „בריף פון היפּעריאָנ׳ען" אַנטוויקלען מיט אַ קראַפט וואָס ווערט קיינמאָל ניט שוואַכער און מיט אַ פייער וואָס פלאַקערט אַלעמאָל... דאָס אומפאַריכטבאַרע איז געווען די אורזאַך פון

זיינע ליידען". און ווי באַלד דאָס אידעאַלע איז פאַר איהם געווען פאַרקערפּערט אין גריכישען לעבען, אזוי ווי עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אין חלום, איז זיין גאַנצע ליטעראַרישע ארבייט געווען איין פאַרבענקטער וועה־געשריי איבער דער פאַרלאָרענער העלאס. קיין זאַך האָט ניט געקענט זיין ווייניגער גריכיש און מעהר ראָמאַנטיש ווי זיין בענקשאַפט; זי איז פונקט אזוי גוזמא'דיג אין כאַראַקטער ווי שאַקשטאַפּעלט'ס ענטוזיאַזם פאַר דער אַלטער סקאַנדינאַוויען און וואַקענראָדער'ס איבערגעבענהייט צום דייטשישען אַלטערטום. העלדערלינ'ס לאַנדשאַפטען זיינען פונקט אזוי ניט גריכיש ווי זיינע מאָדערנע גריכען אין „היפּעריאָן", וועלכע זיינען ערליכע דייטשישע ענטוזיאַסטען, שטאַרק באַאיינפלוסט פון שילער'ן. מיר קענען ניט צווייפלען, אז ער האָט זיך געקענט. אָבער די חברה איינזאַמע, אויסדערוועהלטע גייסטער פון דייטשלאַנד האָט איהם אויסגעקוקט שרעקליך. כאָטש ער ווייזט זיך ארויס אין זיינע לידער צו זיין א הייסער פּאַטריאָט, און כאָטש ער באַזינגט דעם כישוף פון ראָמאַנטישען היידעלבערג אין אַנטיקע סטראָפען, דאָך איז פאַר איהם דייטשלאַנד און גריכענלאַנד א רעפּרעזענטאַציע פון באַרבאַריזם און קולטור. וועגען זיין אייגענער שייכות צו די גריכען שרייבט ער צו זיין ברודער: „ניט קוקענדיג אויף מיין גוטען ווילען מוז איך אויך בלויז שלעפּען זיך, אין אַלעם וואָס איך טו און דענק, אויף ז'עם וועג פון די דאָזיגע אייגענאַרטיגע באַשעפענישען; און אָפט בין איך נאָך נאַרישער און אומגעלומפּערטער אין טאַט און וואָרט, ווייל פונקט ווי די גענז שטעה איך א פלאַך־פיסיגער אינ'ם וואַסער פון דער מאָדערנקייט, שטרעבענדיג מאַכטלאָז צו פליגלען מיין שוואונג ארויפ־צו־צו צום גריכישען הימעל."
און ביים סוף פון „היפּעריאָן" זאָגט ער וועגען די דייטשען: „זיי זיינען געווען באַרבאַרען שוין פון פאַרגעסענע צייטען, און אינדוסטריע, וויסענשאַפט, אפילו רעליגיע אליין, האָט זיי געמאַכט נאָך מעהר באַרבאַריש, אומפעהיג פאַר יעדען געטליכען געפיהל, צו טיף פאַרדאָרבען צו געניסען דאָס גליק וואָס די גראַציעס געבען אונז. צוליב זייער פאַרשוועגדערישקייט און זייער קליינליכקייט קען זיי קיין געזונטער מענשליכער מח ניט אונטערשטיצען, זיי זיינען טויט און אָפּגעזונדערט ווי א שטיקעל פון א צעבראָכענער וואַ־

זע". וועגען דייטשישע פּאָעטען און אַרטיסטען שרייבט ער, אַז זיי שטעלען פֿאַר אַ טרויעריגען ספּעקטאַקעל: „זיי לעבען אין דער וועלט ווי פֿרעמדע אין זייער אייגען הויז... זיי וואַקסען אויף פֿול מיט ליבע און לעבען און האָפֿענונג, און אין צוואַנציג יאָר אַרום זעהט מען זיי אַרומוואַנדערען ווי שאָטענס, שטיל און קאַלט."

דערפֿאַר איז העלדערלין מלא שמחה פֿון די פֿראַנצויזישע נצחונות, פֿון די „גיגאַנטישע שפּרייזען פֿון דער רעפּובליק". ער לאַכט פֿון די אַלע „קליינליכע שווינדלערייען פֿון דער פּאָליטישער און קירכליכער ווירטעמבערג און דייטשלאַנד און אייראָפּע", שפּעט אָפּ פֿונ'ם „ענג־האַרציגען פּראָווינציאַליזם" פֿון די דייטשען, און באַקלאָגט זייער ווייטקייט פֿון געמיינזאַמען רעספּעקט און געמיינ־זאַמען אייגענטום. „איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלען קיין פֿאָלק, רופֿט ער אויס, וואָס איז מעהר צעריסען אויף שטיקער, ווי עס זיי־נען די דייטשען. איהר זעהט בעל מלאכות, אָבער ניט קיין מענ־שען; פֿילאָזאָפֿען, אָבער ניט קיין מענשען; גלחים, אָבער ניט קיין מענשען; דינער און הארען, יונגע און אַלטע, אָבער ניט קיין מענ־שען".

די אויפֿפֿאַסונג פֿונ'ם שטאַט, וועלכע מיר געפֿינען אין „היי־פּעריאָן" איז אויך גאַנץ האַרמאָניש מיט'ן גייסט פֿון דער צייט, און גאַנץ אומ־העלעניש. „דער שטאַט וואָגט ניט צו פֿאָדערען דאָס וואָס ער קען ניט נעמען מיט געוואַלט. אָבער דאָס וואָס ליבע און שכל געבען קען מען מיט געוואַלט ניט נעמען. ער מוז אָוועקנעמען זיינע הענט פֿון דעם, אויב ניט וועלען מיר נעמען זיינע געזעצען און זיי צונאַגלען צום שאַנד קלאָץ! רבונו של עולם! די וואָס מאַכען דעם שטאַט פֿאַר אַ שול פֿון מאָראַל ווייסען ניט וואָסער פֿאַרברעך זיי באַגעהען. דער שטאַט איז שטענדיג געוואָרען אַ גיהנום ווען דער מענש האָט זיך געפֿלייסט איהם צו מאַכען פֿאַר אַ גן עדן."

אין גאַנצען ניט־גריכיש, לחלוטין ראָמאַנטיש, איז די ליבע וועלכע היפּעריאָן טראָגט פֿאַר זיין דיאָטימאַ'ן. עס איז דאָס זעל־ביגע טיפֿע און טראַגישע געפֿיהל וואָס האָט העלדערלינ'ען, דעם אָרימען לערער, צוגעבונדען צו דער מוטער פֿון זיינע תלמידים, פֿרוי זוזעטע גאָנטאַרד, און פֿאַר'חתמ'עט זיין גורל. קיין גריך

האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דער פרוי וועלכע ער האָט געליבט, מיט דער רעליגיעזער פאַרגעטערונג וועלכע העלדערלין דריקט אויס פאַר זיין „שעהנער גריכין״. „טייערער פריינד, פאַראַן אַ באַשעפעניש אין דער דאָזיגער וועלט אין וועמען מיין גייסט קען און וועט זיך אָפּרוהען אָהן אַ שיעור יאָרהונדערטע און דעמאָלט נאָך אַלץ פיהלען ווי יונג אונזער יעדער געדאַנק און פאַרשטאַנד איז פנים אל פנים מיט דער נאַטור.״ און פונקט דער זעלביגער ראָמאַנטישער, פעטראַרכישער טאָן קלינגט אָפּ ווען היפּעריאָן רעדט וועגן זיין דיאָטימאַ'ן. דיאָטימאַ איז „די איינציגע זאַך וואָס היפּעריאָנ'ס נשמה פאַרלאַנגט, די פולקאָמענהייט, וואָס מיר שטעלען זיך פאָר, אַז זי עקזיסטירט אויף יענער זייט פון די שטערען.״ זי איז די שעהנקייט אַליין, די פאַרקערפּערונג פון'ם אידעאַל. ליבע איז פאַר איהם אַ רעליגיע, און זיין רעליגיע איז ליבע פאַר שעהנקייט. שעהנקייט איז דער העכסטער, דער אַבסאָלוטער אידעאַל; זי געהערט, ווי אַ באַגריף, אין דער וועלט פון'ם שכל, און ווי אַ סימבאָל — אין דער וועלט פונ'ם דמיון. פון זיין עסטעטישען שטאַנדפּונקט זעהט העלדערלין ניט די גרעניץ ליניע, וועלכע קאָנט ציהט צווישען דער מלוכה פונ'ם שכל און דער מלוכה פונ'ם דמיון. זיין טעאָריע, אַ מין פּאָעטיש - פילאָזאָפישער עקסטאַז, איז ראָמאַנטיש נאָך פאַר די טעג פונ'ם ראָמאַנטיזם, ווייל זי האָט עפּעס בשותפות סיי מיט שילער'ס העלעניזם, סיי מיט שעלינג'ס טראַנסצענדענטאַלען אידעאַליזם.

די זריעה פונ'ם ראָמאַנטיזם קען מען אויך דערגרונטעווען אינ'ם שיין פונ'ם קריסטליכען געפיהל וואָס באַפאַרבט זיין האַלבמאָדערנעם פאַנטעאיזם. לכתחילה האָט ער געוואָלט ווערען אַ גייסטליכער, און האָט פיעל געליטען פון דער גרויזאַמער דיסציפּלין פונ'ם מאָנאַסטיר, וואו ער האָט געלערנט. אָבער ניט קוקענדיג אויף די אַלע סימנים פון פרומע נייגונגען, וואָס מיר געפינען אין זיינע בריף, איז ער געווען אַ הייד אין זיינע לידער. ער האָט פיינד גלחים, און ער האָט זיך תמיד אַנטקעגען געשטעלט דעם וואונש פון זיין פאַמיליע צו ווערען אַ גלח. אין זיין „עמפּעדאָקלעס״ געפינען מיר דעם פאָלגענדען באַדייטענדען ענטפער וואָס דער העלד גיט דעם גייסטליכען הערמאָקראַטעס: —

''Du weist es ja, ich hab es dir bedeutet,
Ich kenne dich und deine schlimme Zunft.
Und lange wars ein Rathsel mir, wie euch
In ihrem Runde duldet die Natur.
Ach, als ich noch ein Knabe war, da mied
Euch allverderber schon mein frommes Herz,
Das unbestechbar, innig liebend hing
An Sonn und Aether und den Boten allen
Der grossen ferngeahndeten Natur,
Denn wohl hab ichs gefuhlt in meiner Furcht,
Dass ihr des Herzens freie Gotterliebe
Bereden mochtet zu gemeinem Dienst,
Und dass ichs treiben sollte so, wie ihr.
Hinweg! ich kann vor mir den Mann nicht sehn,
Der Gottliches wie ein Gewerbe treibt,
Sein Angesicht ist falsch und kalt und todt,
Wie seine Gotter sind.''

אין העלדערלינ'ען איז קיין סימן ניטאָ פון דער אויגען גלאַצערישער פרומקייט, וועלכע אַנדערע ראָמאַנטיקער האָבען אַנט־וויקעלט, און וועלכע זיינען, קודם כל, געווען פיעל אַנטשלאָסע־

---

*) „דו ווייסט עס דאָך, איך האָב עס דיר געזאָגט שוין,
איך קען דיין מיאוס'ע חברה פונקט ווי דיך
און לאַנג איז מיר אַ רעטעניש געווען
ווי ס'קען די וועלט פאַרטראָגען אייך אין זיך.
ווען כ'בין נאָך קליין געווען האָט שוין פון אייך,
פאַרדאָרבענע, געוויכט מיין ערליך האַרץ,
וואָס האָט געטריי און טיף געליבט די זון,
די ריינע לופט און אַלע אָנזאָגער
פון דער נאַטור, דער קוים באַגריפענער.
איך האָב עס טיף געפיהלט דאָך אין מיין שרעק:
די פרייע געטער ליבע פונ'ם האַרץ
וואָלט איהר געוואָלט זאָל זיין געמיין און שלעכט
און אויך אַז איך זאָל פירען זיך ווי איהר.
אַוועק, איך קען ניט אָנקוקען דעם מענש,
וואָס האָט זיין גאָט פאַר זיין געשעפט געמאַכט.
זיין אָנבליק איז דאָך פאַלש, און קאַלט, און טויט,
ווי ס'איז זיין גאָט.“

נערע פריידענקער ווי ער. דאָך איז העלעניזם ניט היידניש לויט געטע׳ס און שילער׳ס מוסטער. עס ליגט דערין א פייער וואָס איז ענליך צו דער קריסטליכער דבקות; זיינע פּאָעטישע תפלות צו דער זון, דער ערד און דער לופט, זיינען תפלות פון א גלויבי־גען; און ווען ער פאַרנעמט זיך מיט א ריין היידנישער טעמע, ווי אין „עמפּעדאָקלעס״, איז דער גייסט פון דער באַהאַנדלונג אזא, אז מיר פיהלען (פּונקט ווי מיר פיהלען שפּעטער אין קלייסט׳ס „אמפיטריאָן״) די קריסטליכע לעגענדע הינטער דעם געצענדינער. עמפּעדאָקלעס׳עס פּאָזיציע בנוגע די פּרושים פון זיין צייט און לאַנד איז פּונקט ווי יעזוס׳עס בנוגע די פּרושים פון יהודה. עמפּעדאָקלעס, פּונקט ווי יעזוס, איז דער גרויסער נביא, און סיי דאָס וואָס ער איז פרייוויליג מקריב זיין לעבען סיי דאָס וואָס מען דינט צו איהם, וועקען אויף געפיהלען, וועלכע האָבען א ווייטע ענליכקייט צו די געפיהלען פונ׳ם איבערגעגעבענעם קריסט.

אין העלדערלינ׳ען געפינען מיר די שטריכען, לייכט און צאַרט אזוי ווי א גייסט וואָלט זיי געצייכענט, פון די סימבאָלען און געפיהלען, וועלכע די ראָמאַנטישע שול אנטוויקעלט, איז מגזם, שאַרזשירט, אָדער מעקט זיי פּשוט אויס.

קאפיטעל 3.

א. וו. שלעגעל.

קאַראָלינע שלעגעל; א. וו. שלעגעל'ס פאָטער און זיין ברודער פרידריך; זיין לערער בירגער; הערדער אלס איבערזעצער פון שעקספיר'ן; שילער'ס איינפלוס אויף שלעגעל'ען; געטע'ס איינפלוס; א. וו. שלעגעל'ס עקספערימענטען אין איבערזעצען פאָעזיע; זיינע געוואלטיגע אָנשטרענגונגען איבערצוזעצען שעקספיר'ן; זיין ענדליכער ערפאָלג.

אין 1797 האָט אויגוסט ווילהעלם שלעגעל, דעמאָלט א יונגערמאן פון דרייסיג, ארויסגעגעבען דעם ערשטען באַנד פון זיין איבערזעצונג פון שעקספיר'ן. מען האָט געפונען רויהע פלע־נער פון עטליכע פון די דראַמעס אין דער דאָזיגער אויסגאַבע, און אָט די אָפּגעבלאַקירטע, פארשטויבטע מאַנוסקריפּטען גיבען אונז ניט בלויז א מעגליכקייט נאָכצופאָלגען דעם אָפּגעהיטענעם טאַלאַנטפולען איבערזעצער אין זיין זעלבסט־ארויפגעצוואונגענער ארבייט, נאָר, ווען מען לייענט זיי פאָרזיכטיג, לאָזען זיי דירעקט אריינדרינגען אין זיין און אין זיין ווייב'ס גייסטיג לעבען, און פאַקטיש אינ'ם אינטעלעקטועלען לעבען פון דער גאַנצער פעריאָדע *)

אפילו איינצעלהייטען וואָס קוקען אויס ניט וויכטיג האָבען א ווערט. די מאַנוסקריפּטען זיינען ניט שטענדיג אין א. וו. שלעג־געל'ס האַנדשריפט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ארבייטען אויף „ראָמעאָ און דזשוליעט” אין ווינטער פון 1795־96; אין 1796 האָט ער חתונה געהאַט מיט קאַראָלינע ביימער; און מיר האָבען א פאָלשטענדיגע קאָפּיע פון'ם ערשטען רויהען פלאַן פון דער דראַמע

---

* M. Bernays: Zur Entschtehungsgeschichte des Schlegelschen Shakespeare.

אין קאראָלינע'ס האַנדשריפט, מיט אויסבעסערונגען אין שלעגעל'ס האַנדשריפט. אין סעפּטעמבער 1797, ווי איהרע בריף באַווייזען, האָט זי קאָפּירט As You Like It פון א כמעט אומלעזבארען מאַנוסקריפּט. און זי איז געווען מעהר ווי בלויז א קאָפּירערין. זי האָט מיטגעארבייט מיט שלעגלען אין זיין עסיי וועגען „ראָמעאָ און דזשוליעט" וואָס פארנעמט א פּלאץ גלייך נאָך געטע'ס נאָכפּאָר־שונגען איבער „האמלעט'ן" אין „ווילהעלם מייסטער", אלס דאָס בעסטע וואָס די שעקספּיר קריטיק האָט געגעבען אין דייטשלאנד ביז יענער צייט. מיר דערקענען זי דאָ און דאָרט אין א געוויסען אויס־ברוך פון פרויען געפיהלען, אָדער אין א גרעסערער סטיל־פרייהייט איידער מיר טרעפען ביי שלעגלען. זי האָט פארשטאנען בעסער פון איהרע צייט־חברים דעם אמת'ן ווערט פון אן ארבייטער וואָס איהר צוועק איז געווען אריינצובריינגען שעקספּיר'ן, אין זיין ריינער פול־קייט, אין דער דייטשישער ליטעראַטור. אָבער איהר אינטערעס אינ'ם שרייבער האָט ניט אָנגעהאלטען מעהר ווי דאָס ערשטע יאָהר פון איהר פארהייראַט לעבען, ווי עס ווייזען די מאַנוסקריפּטען. לכתחילה זעהט מען על פּי רוב איהר האַנדשריפט, און כאָטש מען זעהט זי שוין ווייניגער צוזאמען מיט איהר מאַנ'ס האַנדשריפט אין די דראַמעס מיט וועלכע ער האָט זיך פארנומען אין די יאָרען פון 1797 און 98, זעהט מען אָבער נאָך אָן איהר הילף. די לעצטע שפּורען פון איהר פעדער געפינען מיר אין „שיילאָק" וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין פריהלינג 1798. אין אָקטאָבער פון דעם יאָהר איז שעלינג אריין אינ'ם קרייז פון די ראָמאַנטיקער פון יענא. פון דעמאָלט אָן זעהט מען מעהר ניט קאראָלינע'ס האַנדשריפט.

צוויי פון די דערמאָנטע מאַנוסקריפּטען גיבען אונז א באַ־שטימטען באַגריף פון'ם פּראָגרעס פון שלעגעל'ס אינטעלעק־טועלער אנטוויקלונג. דאָס זיינען צוויי פארשידענע טעקסטען פון „מיד־סאָמער נייטס דריעם".

פאַר שלעגעל'ס צייט האָט קיין מענש, ניט אין דייטשלאנד און ניט ערגעץ אנדערש, געפּרובירט איבערצוזעצען שעקספּיר'ן שורה נאָך שורה. די צוויי שוואַכע פּראָזע איבערזעצונגען פון ווילאנד'ן און עשענבורג'ן, זיינען אין דער אמת'ן געווען אַלץ

וואָס עס האָט עקזיסטירט. ווען ער איז געווען א סטודענט אין געטינגען האָט שלעגעל געמאַכט דעם ערשטען פארזוך צו רעפּראָדוצירען אין דייטשישע פערזען טיילען פון „מידסאָמער נייטס דריעם". פון קינדוויז אויף איז ער געווען „א ניט מידווערענדיגער פערזען מאכער". עס איז קלאָר אז זיין טאַלאַנט איז געווען א גע'ירש'ענטער. מיט א האַלבען יאָרהונדערט צוריק זיינען ערשינען ער און זיין ברודער, צוויי ברידער שלעגעל האָבען זיך געשאַפען א נאָמען אין דער ליטעראַטור — יאָהאַן עליאַס, וועלכער האָט געלעבט פיל יאָרען אין קאָפּענהאַגען, איז געווען האַלבערג'ס א פריינד און, אין אַלץ וואָס האָט א שייכות צו דער בינע איז ער געווען א פאַרלויפער פון לעסינג'ען. און יאָהאַן אַדאָלף, דער פאָטער פון אויגוסט ווילהעלמ'ען און פרידריכ'ען, וועלכער, כאָטש ניט זעהר אריגינעל, האָט פארמאָגט א זיכערען לינגוויניסטישען און פּלאַסטישען טאַלאַנט.

אויגוסט ווילהעלם, ווען ער איז געווען א יונגער סטודענט, האָט זיך שוין אויסגעצייכענט מיט זיין איינדרוקספעלקייט אלס סטיליסט אין זיין עקשנות אלס שרייבער, ער האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַקענען מיט בירגער'ן, וועלכער האָט געפירט אַן איינזאם און אומגליקליך לעבען אַלס פּראָפעסאָר פון געטינגענ'ער אוניווערזיטעט. אויף בירגער'ס באַרימטקייט אלס פּאָעט האָט מען זיך ניט אומגעקוקט אין א פּלאַץ וואו בלויז געלערנטקייט האָט געהאַט א ווערט. נאָך מעהר, זיין געזעלשאַפטליכע לאַגע האָט געליטען פון דעם וואָס מען האָט אויסגעפונען וועגען זיינע באַציהונגען צו זיין ווייב'ס שוועסטער. מיט די געפיהלען פון א פארשיקטען האָט ער געגעבען א ווארימען ברוך הבא זיין יונגען תלמיד וועלכער האָט געהאַט א קאָרעקטערען געשמאַק און בעסער איינגעשטעלטע ידיעות יוי ער אליין. אין אַט דער צייט האָט מען בירגער'ן נאָך אַלץ געהאַלטען פאר דייטשלאַנד'ס בעסטען לירישען פּאָעט און פּאָלקסמעסטען פערזען-שרייבער. שלעגעל איז געוואָרען זיין תלמיד און אויסגעלערענט זיין גאנצע שפּראַכליכע און מעטרישע טעכניק, זיינע מעטאָדען ארויסצובריענגען ארטיסטישע עפעקטען דורך פארזיכטיג אויסקלייבען און אראַנזשירען ווערטער און ווי אַזוי צו באַנוצען ריטעם און מעטער.

מיט זיין נאַטירליכער פעהיגקייט צו אימיטירען, האָט ער אָנגענומען אַלע יענע כאַראַקטער־שטריכען פון בירגער׳ן, וועלכע האָבען בכלל איינגעשטימט מיט זיין גאַנץ פאַרשידענעם טעמפּעראַמענט. זיין פּאָעמע „אַריאַדנע״ האָט אַזוי גוט געקענט זיין בירגער׳ס. בירגער איז ספּעציעל געווען ערפאָלגרייך אינ׳ם סאָנעט, א פּאָעטישע פאָרם וואָס איז אין יענער צייט געוואָרען פּאָפּולער אין דייטשלאַנד. דער תלמיד האָט אַזוי גענוי נאָכגעפאָלגט דעם רבי׳ן, אַז פיעל יאָרען שפּעטער, ווען מען האָט ארויסגעגעבען א פולשטענדיגע אויסגאַבע פון שלעגעל׳ס ווערק, האָבען זיך צופעליג ארייננגעכאַפּט אַהין צוויי פון בירגער׳ס סאָנעטען.

דער רבי האָט אָפּגעגעבען כבוד זיין וואונדערבאר צוזאָגענדיגען תלמיד אין א פיינעם סאָנעט, וואָס הויבט זיך אָן:

„יונגער אָדלער, קעניגליכער פליה׳ר,
וועסט די שוואַרצסטע וואָלקענעס צעפליקען
און דעם וועג צום זונען־גאָט דערבליקען,
אַנדערש איז דאָך פאַלש זיין וואָרט אין מיר.״

און ענדיגט זיך מיט די חנ׳עוודיג באַשיידענע שורות:

„דיך צו קרוינען פאַר דעם זון־גאָטס כהן
איז מיין אייג׳נער קראַנץ צו קליין אין ווערט,
דיר איז אָבער בעסערס נאָך באַשערט.״

שלעגעל האָט אָפּגעענטפערט מיט א קריטיק אויף בירגער׳ס קאַלט און פּרעכטיג ווערק (דאָס האָהע ליד פאָן דער איינציגען) וואָס ער לויבט ווי א גרויסאַרטיגע עפּישע זאַך. צוזאַמען מיט בירגער׳ן האָט ער איצט אָנגעפאַנגען איבערצוזעצען „מידסאָמער נייט׳ס דריעם״ און ער האָט געטאָן די מייסטע ארבייט, בירגער האָט בלויז איבערגעקוקט. ער האָט זיך נאָך אַלץ אין גאַנצען געפונען אונטער זיין רבינ׳ס איינפלוס. די מאַנוסקריפּטען באַווייזען אַז ער האָט אַלעמאָל אָנגענומען בירגער׳ס אויסבעסערונגען און האָט זיך אונטערגעגעבען זיינע נייגונגען בנוגע קלינגענדיגקייט און קרעפטיגקייט. אַלס איבערזעצער האָט זיך בירגער ניט געסטאַרעט צו רעפּראָדוצירען שעקספּיר׳ס אייגענאַרטיגקייטען

אַזוי נאָהענט ווי מעגליך; ער האָט בלויז אַרויסגעוויזען זיינע אייגענע אייגענאַרטיגקייטען. דורך דעם וואָס ער האָט זעהר שטאַרק אונטערגעשטראָכען אַלע גראָבע, אויסגעלאַסענע רעדעס אין די שורות אין וועלכע פאַרפירטע ליידענשאַפטען ווערען ווילד. ער האָט שאַרפער געמאַכט און מגזם געווען אַלע וואָס אַפּעלירט צו זיינע נייגונגען אין באַצוג צו אַ גראָבען וויץ, און צעשטערט דעם צויבער פון די לייכטע און צאַרטע שורות. דער יונגער שלעגעל, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק און נאַטירליך ליב געהאַט אידעאַלקייט, האָט אין דעם אויך געזוכט צו געהן אין זיין רבי'נס וועג, און דער פּועל יוצא איז גע־ווען, אַז ער איז ניט זעלטען געווען גראָב און אומגעלומפּערט וואו ער האָט געוואָלט זיין נאַטירליך און קרעפטיג.

אַ בעסערער פירער וואָלט געווען הערדער, וועלכער האָט אַ סך פריהער, אין די פראַגמענטען פון שעקספּיר'ס דראַמעס אין זיין „שטימען פון די פעלקער", געוויזען אַ ביישפּיעל פון אַ ריכ־טיגער מעטאָדע איבערצוזעצען פון ענגליש אין דייטש. וואָלט שעלינג געלערנט פון הערדער'ן ווי אַזוי איבערצוזעצען שעקספּיר'ן, וואָלט ער קיינמאָל ניט געביטען פינף־פוסיגע יאַמבעס אויף אַלעק־סאַנדרינישע פערזען, און ער וואָלט אויך ניט געענדערט דעם מעטער פון די נימפען לידער. קיינער האָט ניט בעסער באַגריפען די ניט ריכטיגקייט פון ווילאַנד'ס איבערזעצונגען ווי הערדער, און איצט האָט זיך דער גייסט, מיט וועלכען הערדער האָט געוואָלט פאַר־דייטשען שעקספּיר'ן, אַראָפּגעלאָזען אויף שלעגלען, וועלכער, ניט קוקענדיג אויף די פעלערען פון זיינע ערשטע פאַרזוכען, האָט שנעל איבערגעשטיגען הערדער'ן אַליין.

עס האָט איהם ניט גענומען לאַנג אַראָפּצושאָקלען פון זיך בירגער'ס איינפלוס. פאַר בירגער'ן איז די העכסטע פונקציע פון דער קונסט געווען צו זיין נאַציאָנאַל און פּאָפּולער. אין 1781 האָט שלעגעל — ער איז שוין דעמאָלט ניט געווען אין בירגער'ס מקומות, נאָר אַ לערער אין אַמסטערדאַם — געשאָנקען פיעל אויפ־מערקזאַמקייט אויף שילער'ס ווערק. זיינע פּאָעטישע ווערק זיינען פון דעמאָלט אָן געווען מעהר לויט'ן סטיל פון אָט דעם מייסטער. ער האָט געשריבען אַ גינסטיגע קריטיק אויף „די קינסטלער", און

איבערלייענענדיג שילער׳ס עסטעטישע שריפטען איז ער געבראַכט געוואָרען צו א העכערער אויפפאַסונג פון קונסט. זיין מעטרישער סטיל האָט גענומען אַרויסווייזען מעהר חשיבות. אָבער שילער איז געווען כמעט אַזוי אומפעהיג ווי בירגער צו אַנטוויקלען אין שלעגלען אַן אמת׳ן און פולען חוש פאַר שעקספיר׳ן, — שילער, וועלכער אין זיין איבערזעצונג פון „מאַקבעט״ האָט געמאַכט פון די מכשפות גריכישע פוריעס*) און דעם שווייצערס גראָבען לוס־טיגען מאַנאָלאָג האָט ער געביטען אויף א מוסר ליד. אויב בירגער׳ס רעאַליזם איז געווען איין געפאַר, איז שילער׳ס באָמבאַסטיק געווען אַן אַנדערע.

אָבער אין דערזעלביגער צייט ווען שילער האָט אויפגעקלערט שלעגלען בנוגע דער גרויסער באַדייטונג פון דער קונסט, האָבען די נייִ־ערשינענע געזאַמעלטע ווערק פון געטע׳ן, וועמען ער האָט ערשט איצט אָנגעהויבען אָפּצושאַצען, אָנגערעגט זיינע נאַטירליכע נייגונגען צו שטודירען, אויסטייטשען און מאַכען פּאָעטישע איבערזעצונגען. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט מען די דאָזיגע ערשטע אויסגאַבע פון געטע׳ס געזאַמעלטע ווערק זעהר שוואַך אויפגענומען. די היופּט אורזאַך דערפון איז געווען וואָס די לעזער, לחלוטין ניט פאַרשטעהענדיג דעם דיכטער׳ס גייסטיגע אַנטוויקלונג, האָבען זיך געריכט אויף נייע ווערק אויפ׳ן אופן פון „ווערטער״ און „געץ״. אָבער פאַר שלעגעל׳ס קריטישען אינטעלעקט האָט זיך אַנטפּלעקט געטע׳ס פּיעלזייטיגקייט. ער האָט פאַרשטאַנען און געשעצט דעם דיכטער׳ס פעהיגקייט צו פאַרגעסען זיך אויף א מאָמענט, זיך איינגאַנצען אונטערצואוואַרפען אונטער׳ן איינפלוס פון זיין טעמע וואָס — בנוגע געטע׳ן — האָט קיינמאָל ניט געשאַפען קיין אייגענווילליג אויסגעקליבענע פאָרמען, נאָר אַזעלכע וואָס די טעמע האָט דורכאויס געפאָדערט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער אליין, ווי אַן איבערזעצער פון פּאָעזיע, מוז דורכמאַכען אַזא סאָרט זעלבסט־אָפּלייקענונג און אַנטוויקלען אַן ענליכע פעהיגקייט פון אינטעלעקטועלער ווידער־באַשאַפונג. צוויי זאַכען

*) די דריי גריכישע געטינס וואָס זייער עובדא איז געווען צו באַשטראָפען מענשען פאַר באַגאַנגענע זינד. — איבערזעצער.

האָבען זיך געפּאָדערט פון'ם איבערזעצער, אַ ווייבליכע אויפנעמ־
פעהיגקייט פאַר די צאַרטסטע כאַראַקטער־שטריכען פון'ם אויס־
לענדישען אָריגינאַל, און אַ מענליכער כח ווידער צו באַשאַפען,
טראָגענדיג אינ'ם הארצען דעם איינדרוק פונ'ם גאַנצען. און די
דאָזיגע פאָדערונגען האָבען זיך געפונען אין געטע'ן; וואָרום
פיעלפאַכקייט איז געוועזן זיין נאַטור, „אָהן אַ שיעור" — זיין נאָ־
מען, און לייכט ענדערבאַר — זיין גייסט.

עס זיינען געבליבען די טעכנישע, שפּראַכליכע שוועריגקיי־
טען בייצוקומען, און דאָ, מעהר ווי אין אַלץ, איז געטע געוועזן אַן
עפּאָכע שאַפענדיגער מאָדעל. ער האָט איבערגעפורעמט די דייטשע
שפּראַך. דורכגעהענדיג דורך זיינע הענט האָט זי אַזוי פיעל גע־
וואונען בנוגע ביינזאַמקייט און פאַרנעם, האָט באַקומען אַזאַ'ן
אוצר מיט אויסדרוקען הן אין גרויסאַרטיגקייט הן אין גראַציע פון
סטיל, אַז זי איז געוואָרען פאַר שלעגלען טאַקע יענער גוט־אָנגע־
שטעלטער אינסטרומענט, אין וועלכען ער האָט זיך גענויטיגט.
בעת ער איז געווען אונטער בירגער'ס איינפלוס, האָט ער געקוקט
אויף טעכנישער פולקאָמענהייט ווי אַ ריין אויסערליכע אייגענ־
שאַפט וואָס מען קען דערגרייכען דורך אומאויפהערליכען פיילען.
איצט האָט ער אָבער פאַרשטאַנען אַז אַ פולקאָמע טעכניק שטאַמט
פון אינוויינינג, אַז אין דער אמת'ן פאַראורזאַכט די אַלגעמיינע
פסיכישע טבע די איינהייטליכקייט פון סטיל. און ער האָט אָנ־
געהויבען איינצוזעהן אַז זיין לעבענס־אויבדאַ איז אַ טאָפּעלטע,
דהיינו, אריינצוברענגען די מייסטערווערק פון פרעמדע ראַסען אין
דער דייטשישער שפּראַך און קריטיש אויסצוטייטשען פאַר זיין פאָלק
די בעסטע ליטעראַרישע ווערק סיי פון דייטשלאַנד סיי פון אַנ־
דערע לענדער.

איצט האָט שלעגעל אויך באַקומען אַ נייעם באַגריף פון
פיכטע'ן, דעם פריינד און מיטאַרבייטער, וועמען די ראָמאַנטיקער
האָבען אַזוי שנעל געוואונען פאַר זייער זאַך. ער האָט באַגריפען
אַז פיכטע'ס טעאָריע וועגען דעם „איך" באַזיצט, אין זעהר אַן
אַבסטראַקטער פאָרם, די אידעע מכח דער אומבאַגרענצטער פע־
היגקייט פון דעם מענשליכען גייסט זיך צו געפינען אין אַלץ און
צו געפינען אַלץ אין זיך. אַרום אָט דעם מעכטיגען פונדאַמענטאַ-

לען געדאנק פיכטע'ס האָט אויגוסט ווילהעלמ'ס בייגזאַמער גייסט זיך אַרומגעוויקעלט.

אַרום דער צייט איז ער געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט כסדר אָנגעהאַלטען מיט זיין אינ־גערן ברודער. אויגוסט ווילהעלם האָט פרידריכ'ן אַריינגעצויגען אינ'ם שטראָם פון דער נייער ליטעראַרישער באַוועגונג, און זיין קעמפּפער גייסט האָט איהם געמאַכט פאַר'ן געוואַגטסטען פּאַרטייי־דיגער פון די נייע פּרינציפּען אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געפיהלט זיכער אין זייער אמת. די ברידער האָבען געהאַט גאַנץ פאַר־שיידענע כאַראַקטערען. דער עלטערער, ניט קוקענדיג אויף דער דרייסטקייט פון זיינע ליטעראַרישע אָנשויאונגען, האָט פאַרמאָגט אַ בעסער רעגולירטען מח. ביי איהם האָט זיך פריה אַנטוויקעלט אַ חוש פאַר פאָרם און שעהנקייט. זיין הויפּט מתנה איז געווען אַ פעהיגקייט צו שאַפען שפּראַך. ער איז געבוירען געוואָרען מיט די אייגענשאַפטען פון פּינקטליכקייט, געשיקטקייט און אַ חוש פאַר פּראָפּאָרציע. ער האָט אַרויסגעוויזען מילדקייט אין וויסענ־שאַפטליכע און אַרטיסטישע ויכוחים, אַ חוץ ווען מען האָט איהם דערצאָרענט. ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג האָט ער שוין געוואוסט וואָס ער וויל און צו וואָס ער איז פעהיג; און זיין אַנט־שלאָסענקייט און אויסדויער האָבען איהם געמאַכט פאַר אַן ער־פאָלגרייכען פּיאָנער פון די אידעען און פּרינציפּען וועמעס וואָרט־פירער ער האָט זיך אונטערגענומען צו זיין. ער איז געוואָרען דער גרינדער פון דער ראָמאַנטישער שול, אַן אַרבייט פאַר וועלכער ער האָט זיך זעהר געפּאַסט, אָט דער מענש וועמען זיין ברודער האָט אין שפּאַס גערופען „דער געטליכער מלמד" אָדער „דער מלמד פונ'ם אוניווערז."

פרידריך שלעגעל איז געווען דער אומרוהיגערער גייסט, דער עכטער סעקטע גרינדער. ער אַליין דערצעהלט אונז אין איינעם פון זיינע בריף, אַז עס איז געווען זיין אייביגער פאַרלאַנג „ניט בלויז צו דרשנ'ען און האַלטען ויכוחים ווי לוטער, נאָר אויך, ווי מאַכמעד, צו אונטערטעניגען די גייסטיגע קעניגרייכען פון דער ערד מיט דער פלאַמיגער שווערד פונ'ם וואָרט". איהם האָט ניט געפעלט קיין איניציאַטיווע, און ער האָט געהאַט איבער־געענוג

פּלענער וועלכע זיינען געווען אזוי קאָלאָסאַל, אז עס האָט נע־הערשט אַ שרייענדיגע אומגלייכהייט צווישען זיי און זיין פּע־היגקייט זיי אויסצופירען. זייענדיג שטענדיג אין אַ וואַקלענדיגען צושטאַנד, אָהן פעסטקייט אָדער פונדאַמענטאַלער איבערצייגונג, זעהר פראַגמענטאַריש, נאָר רייך סיי אין אידעען וואָס זאָגען עפּעס סיי אין אזעלכע וואָס פלעפען אייך, און אין מאָדנע איינרעדעני־שען, האָט איהם תמיד געריצט דער פאַרלאַנג איינצושטילען זיי־נע געגנער מיט אַ מיסטעריעזער טערמינאָלאָגיע, און איז גרייט געווען אריינצופאַלען אין באַנאַליטעטען און אין אַ טייך פון אומ־זיניגע ווערטער. וואָס נאָוואַליס האָט צו איהם אמאָל געשריבען איז געווען ריכטיגער ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט. „דער קע־ניג פון טולע,*) טייערער שלעגעל, איז געווען אייער אור־פאָטער; איהר האָט אַ שייכות מיט חורבן". אַלס קריטיקער איז ער געווען מעהר אימפּולסיוו און וויינינער אומפּאַרטייאיש ווי אויגוסט וויל־העלם; אַלס דיכטער איז ער בלויז איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין זיין לעבען געווען נאַטירליך, און אין זיין „אַלאַקראָס" איז ער אַראָפּ אין אַן אָפּגרונד פון לעכערליכקייט וואוהין זיין ברודער, מיט זיין קאָרעקטערן געשמאַק, וואָלט קיינמאָל ניט געקענט אריינ־פאַלען. דער עלטערער ברודער האָט אריינגעפירט דעם איגנערן אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע; דער איגנערער האָט איצט געטריבען דעם עלטערן פאָראויס, און אין דאָזיגען פּראָצעס האָט ער אַ סוף געמאַכט — דורך זיין ניט צוגעלאָזענקייט — צום על־טערנ'ס פריינדליכע באַציהונגען מיט שילער'ן, און ענדליך צו דער ווערטפולער און לאַנגער פריינדשאַפט וואָס איז געווען צווי־שען איהם און געטע'ן.

אויגוסט ווילהעלם האָט איצט אויף אַ ווייל אָוועקגעלייגט זיין איבערזעצונג פון שעקספּיר'ן און געשאָנקען זיין אויפמערק־זאַמקייט די דרום פּאָעטען. ער האָט עקספּערימענטירט אין אַלע ריכטונגען, איבערזעצט פראַגמענטען פון האָמער'ן, פון די גריכישע עלעגישע, לירישע, דראַמאַטישע און אידילישע פּאָעטען, פון כמעט

*) זעהר אַ ווייט און מיסטעריעז לאַנד, ממילא, הייסט עס, דער ווייטסטער פונקט צו דערגרייכען. — איבערזעצער.

אַלע לאַטייניִשע פּאָעטען און פיעל פון די איטאַליענישע, שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע. שפּעטער צו האָט ער אפילו איבערגעזעצט אינדישע פּאָעזיע, זיין צוועק איז געווען צו מאַכען פון דער דייטשישער שפּראַך אַ פּאַנטעאָן פון אַלץ וואָס איז געטליך אין יעדען לשון. צום לענגסטען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דאַנטע'ן, כאָטש ער איז ניט געווען גענוג מייסטער פון פאָרם איבערצוגעבען די „טערצאַ רימאַ"; ער האָט בלויז געגראַמט צוויי שורות פון יעדען דרייגראַם, אַזוי אַרום האָט ער געביטען דעם כאַראַקטער פון'ם פערז און באַזייטיגט דאָס דורכפלעכטען זיך פון די סטראָפען.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו „האַמלעט" און „ראָמעאָ און דזשוליעט", געשיקט פראַגמענטען פון זיינע איבערזעצונגען צו פרידריכ'ן, וועלכער האָט זיי געוויזען קאַראָלינען. איהר אורטייל איז אין אַלגעמיין געווען אַ גינסטיגער. אָבער איהר איז ניט געפעלען געוואָרען דער סטיל, ווייל ער איז געווען צו פאַרעלטערט; דאָס האָט זי צוגעשריבען דערצו, וואָס ווילהעלם האָט לעצטענס געהאַט איבערגעזעצט דאַנטע'ן, און זיין אויער איז צוגעווינט געוואָרען צו פאַרעלטערטע ווערטער און אויסדרוקען. עס איז אַ פאַקט, אַז אַביסעל פריהער האָט ער געהאַט דערפיהלט די נויטיגקייט צו זיין געוואָרענט אַנטקעגען דער פיינער געשליפענקייט וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין צוועק נאָך דעם ווי ער האָט אויפגעגעבען בירגער'ס סטיל. איצט איז ער אריין אין אַנדערן עקסטרעם, ער איז געוואָרען אלטפרענקיש, רויה און האַרט.

אין 1797 האָט שלעגעל געשיקט די ערשטע מוסטערן פון „ראָמעאָ און דזשוליעט" צו שילער'ן. מען האָט זיי געדרוקט אין „די האָרען", און אין דער זעלביגער שריפט איז אויך איצטער ערשינען זיין עסיי

"Etwas uber William Shakespeare bei Gelegenheit Wilhelm Meisters."

אין „ווילהעלם מייסטער" האָט געטע דערקלערט אַז די שטרעבונג צו פאַרשטעהן שעקספּיר'ן איז אַ וויכטיגער עלעמענט אין דער דייטשישער קולטור. אין די געשפּרעכען איבער האַמלעט'ן, וועלכע געפינען זיך אין „ווילהעלם מייסטער", ווייזט געטע צוריק די

נאַרישע טעאָריע אַז דער גרויסער דראַמען־שרייבער איז געווען אַן אומגעבילדעטער נאַטירליכער גאון, באַרויבט פון אַרטיסטישען באַוואוסטזיין. וואָלט דאָס געווען אמת, וואָלט ניט געווען אַזוי געוואָלטיג וויכטיג אַז מען זאָל פּינקטליך רעפּראָדוצירען זיין סטיל אין אַ דייטשישער איבערזעצונג. אָבער פאַר אַזאַ גרויסען אַרטיסט ווי דער שעקספּיר, וועלכער ווערט פאַרגעשטעלט אין „ווילהעלם מייסטער", איז עס געווען קלאָר אַז די האַרמאָניע צווישען סיו־זשעט און פאָרם טאָר ניט פאַנאַנדערגעריסען ווערען. און דאָך האָט געטע אַליין געגעבען זיין ציטאַטע פון „האַמלעט" אין דער אַלטער פּראָזע איבערזעצונג, ניט פיהלענדיג די אומפּאַסיגקייט דערפון; אפילו ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אומצעטיילבאַר פאָרם און אינהאַלט זיינען פאַרבונדען.

שלעגעל פּראָגרעסירט פּאַמעלעך און שווער. זיין אויפפאַסונג ליידט נאָך אַלץ פון׳ם טעות, וואָס קען זיך גאָרניט פאַרשטעלען אַז מען קען זיך אָפּזאָגען פון אַלעקסאַנדרינישע פערזען; אין „ראָמעאָ און דזשוליעט" האַלט ער זיך אָן דער פינף פוסיגער יאַמבע נאָר „ווי ווייט מעגליך". די סצענע צווישען ראָמעאָ׳ן און דעם מאָנאָך לאָרענס גיט ער איבער אין אַלעקסאַנדרינישע פער־זען, אַנטשולדיגענדיג זיך מיט דער באַמערקונג, אַז דער דאָזיגער מעטער איז ווייניגער שעדליך אין רעדעס וואָס זיינען באַצירט מיט גרונדזאַצען און שילדערונגען איידער דער מעטער אינ׳ם ווירק־ליכען דיאַלאָג פון דער דראַמע. דער רעזולטאַט איז דער אָנוואָר פון ראָמעאָ׳ס לירישען פייער.

ער פיהלט דאָס אַליין, און מיט פייערדיגער התמדה און אַנטשלאָסענעם ענטוזיאַזם נעמט ער זיך ווידער צו דער אַרבייט, וואַרפט אַוועק די אַלעקסאַנדרינישע פערזען און צווינגט זיך, ניט קוקענדיג אויף דער פיעל־ווערטערדיגקייט פון דער דייטשישער שפּראַך, צו זאָגען אין צעהן אָדער עלף סטראָפען, וואָס ער האָט פריהער געזאָגט אין צוועלף אָדער דרייצעהן. אַ לאַנגע צייט דוכט זיך איהם אַז עס איז אונמעגליך איבערצוזעצען יעדע שורה מיט בלויז איין שורה. די איבערזעצונג וואַקסט אין זיינע הענט פונקט ווי אין בירגער׳ס. פערצעהן ענגלישע שורות ווערען אין דייטש נייגצעהן אָדער צוואַנציג. עס דוכט זיך איהם אַז עס איז אוממעג־

ליך זיך צו באַגעהן מיט וויינינגער; ביז ער דערפיהלט דאָס אמת'ע ליכט, און זעהט, פון'ם סאַמע פונדאַמענט ווי אַזוי שעקספּיר בויט אויף דעם געמאַך פון זיין קונסט. איצט וואַרפט ער אַוועק אַלץ וואָס איז צופיעל און איבעריג, וואָס געפינט זיך ניט ביי שעקספּיר'ן. ער גיט איבער יעדע שורה מיט איין שורה. ער שעלט און באַקלאַגט די פיעל־ווערטערדיגקייט און אומפּינקטליכ־קייט פון דייטש. די גרענעצען פון זיין שפּראַך, דער דרעה פון די אויסדרוקען איז אַזוי אַנדערש ווי אין דער ענגלישער שפּראַך; ער קען ניט רעפּראָדוצירען שעקספּיר'ס סטיל; איהם געלינגט בלויז ארויסצוברענגען אַ שטאַמלען, אַ פּאַריענקען זיך, אָהן אָפּ־קלאַנג אָדער פייער, — אָבער ער צווינגט זיך, ער צווינגט די שפּראַך, און ברענגט ארויס זיין איבערזעצונג.

עס ליגט ניט קיין גרויסע גוזמא אין שערער'ס ווערטער: "שלעגעל'ס שעקספּיר פאַרנעמט אַ פּלאַץ לעבען די ווערק, וועלכע די וועלט האָט באַקומען פון געטע'ן און שילער'ן אין דער צייט ווען זיי האָבען געאַרבייט צוזאַמען; פאַראַן דאָ דער אומפאַרמייד־ליכער שטח צווישען רעפּראָדוקטיווער און פּראָדוקטיווער קונסט, אָבער עס איז אויך דאָ די נאָהענטקייט צווישען דעם פּולקאָמענעם און דעם פּולקאָמענעם."

דערשלאָגענדיג זיך צו דער מדרגה פון אַ פאָלשטענדיגען מייסטער פון סטיל, האָט שלעגעל איצט גענומען שניידען די פּרוכ־טען פון זיין אַרבייט. ער, דער מייסטער, האָט געעפענט זיין האַנט, און צווישען די יאָרען 1797 און 1801 זיינען פון איהר אַריינגעפאַלען אין דער שויס פון דייטשישען פאָלק זעכצעהן דראַ־מעס פון שעקספּיר'ן, וועלכע, ניט קוקענדיג אויף אַ שוואַכקייט אָדער געצוואונגענקייט אין סטיל וואו ניט וואו, וואָלטען, אין זייער נייער פאָרם, געקענט זיין די ווערק פון אַ דייטשישען פּאָעט פון שעקספּיר'ס מדרגה.

לאָמיר באַטראַכטען וואָס דאָס באַטייט אין דער אמת'ן. עס באַטייט ניט קיין סך וויינינגער, ווי דאָס אז שעקספּיר, פּונקט אַזוי ווי שילער און געטע האָט דערזעהן דאָס ליכט אין דייטשלאַנד אין דער מיט פון לעצטען יאָרהונדערט. ער איז געבוירען געוואָרען אין ענגלאַנד אין 1564; ער איז נאָכאַמאָל געבוירען געוואָרען, אין

זיין דייטשישען איבערזעצער, אין 1767. „ראָמעאָ און דזשוליעט" איז ארויס אין לאָנדאָן אין 1597; עס איז ווידער ערשינען אין בערלין ווי א נייע ווערק אין 1797.

ווען שעקספּיר איז אַזוי ערנאָך אויפגעשטאַנען תחית המתים אין דייטשלאנד, האָט ער געווירקט מיט זיין פולער קראַפט אויף די לעזער, וועלכע זיינען אין עטליכע הינזיכטען געוועזן פעהיגער איהם צו פארשטעהן ווי זיינע ערשטע לעזער, כאָטש זיי זיינען גייסטיג געוועזן ווייטער פון איהם און כאָטש זייער לעבען איז ניט געוועזן דאָס לעבען פון זיין צייט. ער האָט איצט אָנגעהויבען שפּייזען מיליאָנען, וועלכע האָבען ניט פאַרשטאַנען קיין ענגליש, מיט זיין גייסטיג ברויט. ערשט איצט האָבען דאָס צענטראַלע און צפון'דיגע אייראָפּא איהם אַנטדעקט, ערשט איצט איז די גאַנצע גערמאַניש-גאָטישע וועלט אריין אין זיין לעזער-קרייז.

אָבער מיר האָבען אויך געזעהן ווי עס איז אָנגעקומען צו שאַפען אַ ליטעראַריש ווערק פון אַזאַ מדרגה, וואָס איז, דוכט זיך, אָהן פּרעטענזיעס. אין די רויהע פלעגער און מאַנוסקריפּטען קענען מיר לייענען אַ גרויסע טייל פון דער אינטעלעקטועלער געשיכטע פון אַ גאַנצען דור. איידער אַזאַ ווערק האָט געקענט געבוירען ווערען האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניגער ווי אַז לעסינג'ס קריטיק און ווילאַנד'ס און עשענבורג'ס פּראָבעס זאָלען צוגרייטען דעם באָדען, און אַז אַ גאון ווי הערדער זאָל קאָנצענטרירען אין זיך די גאַנצע אויפנעם-פעהיגקייט און ערפינדערישקייט אין השערות וואָס געהערען דעם דייטשישען מח, און זאָל מיט דער באַפעלערישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם, צווינגען דעם יונגען געטע צו ווערען זיין תלמיד. אָבער געטע האָט אין דער פּראָזע פון „געץ" בלויז נאָכגעמאַכט אַ שעקספּיר אין פּראָזע. עס האָט געדאַרפט געבוירען ווערען אַ מענש מיט'ן אייגענאַרטיגען טאַלאַנט פון א. וו. שלעגעל, און ער, מיט זיין גע'ירשע'טער שפּראַכ-ליכער און סטיליסטישער פעהיגקייט האָט געדאַרפט אוועקגעשטעלט ווערען אין אַ לאַגע ער זאָל זיך דערשלאָגען די גרעסטע טעכנישע פולקאָמענהייט פון יענער צייט. דערנאָך האָט ער געדאַרפט זיך באַפרייען פון דער נייגונג צו גראָבקייט וואָס איז געקומען פון בירגער'ס איינפלוס, דורך שילער'ס הויכער אויפפאַ-

סונג פון קונסט, און אין דער זעלביגער צייט זיך ארויסצודרעהען פון שילער׳ס נייגונג צו באַמבאַסטיק און ווידערווילען אנטקעגען אומגעצאַמטער פרעהליכקייט, ער האָט געדאַרפט צו באַקומען אַ קלאָרען באַגריף פון געטע׳ן, צו ווערען אַ מין שותף צו דער שפּראַך וואָס געטע האָט אַנטוויקעלט, און קריגען אַן איבערצייגונג, אפילו נאָך קלאָרער פון געטע׳ן, וועגען דער תוך־אידעע פון האַרמאָניע צווישען טעמע און סטיל אין שעקספּיר׳ן. עס איז אויך נויטיג געווען, אַז די וואַרעמקייט פון אַן ענליכען טאַלאַנט זאָל איהם אָנרעגען און אַז די שאַרפע קריטיק פון אַ פרוי זאָל איהם העלפען. הונדערטער קוואַלען האָבען געדאַרפט פליסען איינער אין אַנדערן, הונדערטער אומשטאַנדען — זיך צוזאַמענטרעפען, מענשען זאָלען זיך איינער מיט׳ן אַנדערן באַקענען, מוחות זאָלען זיך באַגעגענען און זיך איינער דעם אַנדערן באַפרוכטען, איידער מען האָט געקענט געבען דער וועלט דאָס דאָזיגע ווערק, אין זיין באַשיידענער פּול־קאָמענהייט. אַ קלייניגקייט, אַן איבערזעצונג פון אַ פּאָעט, וועל־כער איז שוין געווען טויט צוויי הונדערט יאָר; זי האָט אָבער גענעבען דעם טייערסטען גייסטיגען שפּייז פאַר מיליאָנען און אויסגעאיבט אַ טיפען און דויעריגען איינפלוס אויף דער דייטשישער פּאָעזיע.

קאפיטעל 4.

טיק און זשאַן פּאַול

טיק'ס לעבען; זיין ערשט ווערק „וויליאַם לאָוועל"; דער אייג־
פלוס פונ'ם פראנצויזישען מאטעריאַליזם; דער „איך" אַלס דער
מאַסשטאַב פון אַלץ; די הפקרות פון יענער צייט; זשאַן פּאַול
דער קעמפּער פאר פריוהייט; „טיטאַן" און ראָקיראַל; די
ווירקליכקייט אַלס פאַנטאַזיע.

א באַזאָרגט געמיט, וואָס איז געניינגט אַרויסצורופען האַלי־
צינאַציעס; אַן איינגעבוירענע מעלאַנכאָליע, צייטענווייז אויף
דער גרענעץ פון משוגעת; אַ קלאָרער, ניכטערער שכל, וואָס איז
תמיד נוטה צו שטיצען די טענות פונ'ם פאַרשטאַנד; און אַ זעהר
אומגעוויינליכע פעהיגקייט אַרויסצוברענגען עמאָציאָנעלע שטי־
מונגען און לעבען אין זיי, — אַט דאָס זיינען די הויפּט כאַראַק־
טער שטריכען פון לודוויק טיק. ער איז געווען דער פּראָדוק־
טיוופטער שרייבער פון דער ראָמאַנטישער שול, און, נאָך דעם ווי
זי איז צעפאַלען געוואָרען, האָט ער געשריבען אַ רייהע אויסגע־
צייכענטע ראָמאַנען, שילדערענדיג די פאַרגאַנגענע און איצטיגע
צייט פיעל רעאַליסטישער ווי די ראָמאַנטישע שרייבער פלעגען
עס טאָן.

ער איז געבוירען געוואָרען אין בערלין אין 1773. זיין פאָ־
טער איז געווען אַ שטריק־מאַכער. ווען ער איז נאָך געווען אַ שול־
אינגעל, איז ער שוין געווען טיף בעאיינפלוסט פון אַזעלכע קלאַ־
סישע שרייבער ווי געטע, שעקספּיר און האָלבערג. עס האָט זיך
איהם פריה איינגעגעבען צו אימיטירען סיי שעקספּיר'ס שדים־
לידער סיי אָסיאַנ'ס מעלאָדישען טרויער. אָבער אין איין פּעריאָדע
פון זיין יוגענד האָט ער, ווי אַ שוואַכער מענש, זיך געלאָזט אויס־
נוצען פון עלטערע ליטעראַטען, וואָס דורך זייער צורעדעניש
האָט ער געשאַפען אַ סך אומפאַרזיכטיג געשריבענע, אומגעזונטע

ליטעראַטור. כאָטש מען האָט באַגרענעצט דעם גייסט און די טענדענץ פון זיינע שריפטען, דאָך זיינען זיינע כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען באַמערקבאַר אפילו אין די דאָזיגע ווערטלאָזע ערשטע ווערק. לויט'ן אָנווייז פון זיין לערער, ראַמבאַך, האָט ער געשריבען, אָדער איבערגעמאַכט לויט'ן גייסט פון דער „אויפ־קלערונג" פעריאָדע, סענטימענטאַלע מעשיות פון נאָבעלע גאַסען־רויבער, און אויסגעטראַכט גרויזאַמע עפּיזאָדען אויפ'ן שטייגער פון דער טויט־סצענע פון פראַנץ מאָר. אָבער דאָ און דאָרט, דורך עפּעס אַן איראָנישען וואונק, באַמערקען מיר אַן אָפּשיין פון זיינע אייגענע פּראָגרעסיווערע אידעען.

אָביסעל שפּעטער געפינען מיר דעם קומענדיגען ראָמאַנטי־קער שרייבען פריציייטיגע מעשיות פאַר די אַלמאַנאַכען, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבען ניקאָליי, יענער אַלטער פלאַם־פּייער פון דער „אויפקלערונג" פעריאָדע — מעשיות וואו אָבערגלויבען ווערט אויסגעלאַכט, און וואו בלויז זעהר זעלטען באַמערקען מיר אַ סימן פון איראָניע, ווי למשל בעת ער קלייבט אויס אַ תמ'עוואַטען זקן אויסצודריקען פאַראַכטונג פאַר „דער נאַרישער מיטעלאַלטער" און „שעקספּיר'ס גייסטער". טיק האָט בלי ספק געשריבען די דאָזיגע זאַכען דער עיקר דערפאַר ווייל ער האָט פאַרקויפט זיין פעדער; ניט קוקענדיג אָבער דערויף ווייזען זיי אַרויס די מידקייט פונ'ם פאַרצווייפעלטען, וועלכער איז אַזוי אויסגעשעפּט פון זיין לאַנגען ראַנגלען זיך מיט כל'ע מינים פראַגען און ספקות, אַז ער קען, אָהן באַדייטענדען ווידערווילען, האַלטען מיט יענע וועלכע אונטער־שאַצען דעם גאון און זינגען שבחים צום שכל הישר'דיגען, קליינ־בירגערליכען גאָלדענעם מיטען.

זיין ניט געזעצטער פּסיכישער צושטאַנד ווייזט זיך אַרויס ניט ווייניגער קלאָר אין זיינע ראַציאָנאַלע דערציילונגען ווי אין זיין סופּערנאַטוראַליזם, אין דער תאווה'דיגער גרויזאַמקייט, און דעם קאַלטען ציניזם פון די ראָמאַנען און דראַמעס, וואָס זיינען גע־שריבען געוואָרען אין אָנהויב פון די ניינציגער יאָרען, ווען ער גיט אונז, דוכט זיך, מעהר פון זיין אייגענער נשמה.

טיק'ס ערשט ווערק, וואָס האָט בכלל אַ ווערט, איז „וויי־ליאַם לאָוועל". די ערשטע טייל פון אָט דעם ראָמאַן וואָס ער

האָט געשריבען אין דער עלטער פון צוואַנציג, איז ערשינען אין 1795. דאָרטען, רעדענדיג וועגען קונסט, האָט ער שוין וואו ניט וואו באריהרט די סטרונע אויף וועלכער די ראָמאַנטישע שול האָט שפּעטער געשפּיעלט.

וויליאַם לאָוועל פאָרט קיין פּאַריז (וואָס טיק האָט נאָך אין יענער צייט ניט געהאַט געזעהן) און, נאַטירליך, אלץ וואָס ער האָט דאָרט געזעהן איז איהם געוועזן עקעלדיג. „די שטאָדט איז אַ מיאוסע, צעוואָרפענע קופּע שטיינער. מען דערפיהלט זיך ווי אין אַ גרויסער תפיסה... מענשען פּלאַפּלען און רעדען אַ גאַנצען טאָג, ניט זאָגענדיג אפילו איין איינציג מאָל וואָס זיי דענקען... איך פלעג אמאָל געהן אין טעאַטער, פּשוט דערפאר ווייל כ'האָב ניט געהאַט וואו אהינצוטאָן די צייט. די טראַגעדיעס באַשטעהען פון עפּיגראַמען, אָהן האַנדלונג אָדער ליידענשאַפט, און טיראַדעס וואָס מאַכען דעם זעלבינען איינדרוק ווי די ווערטער וואָס קומען ארויס פון די מיילער פון די פיגורען אין אַלטע צייכנונגען... וואָס אומ־נאַטירליכער אַן אַקטיאָר איז, אלץ העכער שאַצט מען איהם אָפּ. אין דער גרויסער וועלטבארימטער פּאַריזער אָפּערע בין איך אַנט־שלאָפען געוואָרען". אָט דאָס זיינען די איינדרוקען וועלכע לאָוועל (אַן ענגלענדער) האָט באַקומען פון פּאַריז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז קיין זאַך ניט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון דער הערשענדיגער דייטשישער פאראַכטונג פאר'ן פראַנצויזישען כאַראַקטער און דער פראַנצויזישער קונסט, וואָס איז אין דעם פאַל געוועזן טאָפּעלט אומגערעכט, ווייל עס איז פּשוט געוועזן מעכאַניש אויסגעלערנט פון ביכער. אָבער אין „טעאַטער פראַנסעז" רייסט זיך פון לאָוועל'ן ארויס: „אָ, סאָפאָקלעס! אָ, שעקספּיר!" און ער באַמערקט כאַראַקטעריסטיש: „איך האָס די מענשען, וועלכע מיט זייער קליינער נאָכגעמאַכטער זון (ד. ה. דעם שכל) באַלייכטען אלע בין השמשות'דיגע ווינקלען און פאַרטרייבען די צויבערדיגע שאָטען געשפּענסטער וועלכע האָבען געלעבט אזוי זי־כער אונטער דער בלעטער חופּה. עס איז אָהן ספק פאַראַן אַ טאָג־ליכטיגקייט אין אונזער צייט, אָבער דאָס אָווענט־ליכט און דאָס מאָרגען ליכט פון'ם ראָמאַן זיינען געוועזן שענער ווי דאָס דאָזיגע גרויע ליכט פון אַ פאַרוואָלקענטען הימעל".

א חוץ עטליכע אַזעלכע שטריכען, דוכט זיך אַז אָט דאָס ווערק צייכענט זיך אין פלוג ניט אויס מיט קיין איינס פון די באַזונדער־קייטען וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו פארבינדען מיט דער ראָ־מאַנטישער שאַפונג. אָבער אין דער אמת'ן איז ניטאָ אַזאַ בוך וואָס זאָל שאַרפער אויפדעקען דעם פונדאַמענט אויף וועלכען עס שטיצט זיך די ראָמאַנטישע באַוועגונג. די הויפּט אידעע און די פאָרם פון „ווילִיאַם לאָוועל" (עס איז געשריבען אין בריף) זיינען ביידע גענומען פונ'ם פראַנצויזישען ראָמאַן „לע פּעהזאַן פּערוועֶרטי" פון'ם מאַטעריאַליסטישען שרייבער רעטיף דע לאַ ברעטאָן. דער פאַקט אַז מיר קענען צוריקפירען דעם אָפּשטאַם פון א ראָמאַנ־טיש ווערק דירעקט צום פראַנצויזישען מאַטעריאַליזם איז ניט אָהן א באַדייטונג. פון'ם דאָזיגען מאַטעריאַליזם נעמען טאַקע די ראָ־מאַנטיקער זייער אומעטיגען פּעסימיזם. „לאָוועל" איז א ווערק וואָס איז איצט זעהר נודנע צו לייענען. דער סטיל עסט זיך צו מיט זיין צעשוואומענקייט, די כאַראַקטערען זיינען עפּעס אַזוי ווי פארלוירען אין נעפּעל. א טייל פון די דאָזיגע פיגורען, למשל, דער געטרייער אַלטער דינער, זיינען שוואַכע אימיטאַציעס נאָך ריטשאַרדסאָנ'ען; עס איז ניטאָ קיין בולט'ער שטריך און קיין דראַמאַטישע סיטואַציע אין גאַנצען ווערק. זיינע פּאַרדינסטען — וועלכע זיינען דייטש פּונקט ווי זיינע פעלערן — ליגען אין זיין פּסיכאָלאָגיע. דער העלד איז א בחור וועלכער ווערט פּאַמעלאַך און זיכער דערפירט צו דעם, אַז ער פאַרוואַרפט, אויף וויפיעל עס האַנדעלט זיך וועגען איהם אליין, יעדע אויטאָריטעט, איגנאָרירט יעדען איינעם פון די טראַדיציאָנעלע, אָנגענומענע כללים אין לע־בען, ביז ענדליך פירט ער א לעבען ניט בלויז פון אַן אָפענעם עגאָאיסט, נאָר פון א פארברעכער.

עס איז א טעות ווען מען וואונדערט זיך וואָס אַזאַ יונגער מענש ווי טיק האָט געקענט מאָלען אַזאַ בריאה. איז דען ניט טאַקע אין יענע יונגע יאָרען — בעת דאָס גייסטיגע אויג פון דער יוגענד גיט נאָך קיין מעגליכקייט ניט צו זעהן די וועלט — דער יונגערמאַן תמיד באַשעפטיגט מיט אַלע מאָדנע זאַכען וואָס ער דערזעהט קוקענדיג אין אייגענעם האַרצען? איז ער דען ניט דעמאָלט געצוואונגען זיך פּאַנאַנדערצוקלייבען אין זיך, צו באַ־

טראַכטען זיין אייגענעם צושטאַנד, צו קוקען שטענדיג אויף זיך אינ'ם שפּיגעל וואָס זיין אייגען באַוואוסטזיין שטעלט פאַר איהם אוועק? פאַר מענשען פון א געוויסען געמיט־צושטאַנד איז ניטאָ קיין מעהר זעלבסט־קריטישער עלטער ווי צוואַנציג אָדער אַרום יענער צייט. פאַר אַזאַ מענשען איז נאָך פאַראַן אַזוי פיעל לעבען פאַראויס, אַזוי פיעל צייט אין וועלכע צו טאָן זיין ארבייט! דער־מאָלט גיט מען אָפּ די טעג אויף לערנען זיך צו באַקענען מיט'ן אינסטרומענט אויף וועלכען מען וועט שפּילען די איבעריגע צייט פון לעבען, אויף אָנשטעלען איהם, אָדער אויף אויסגעפינען ווי אַזוי ער איז שוין אָנגעשטעלט. עס איז די צייט נאָך ווייט ווען דער רייפער מענש וועט זיך נעמען פאַר אָט דעם אינסטרומענט, ד. ה. זיך אַליין, און באַנוצען איהם — ווי א פידעל אָדער ווי א שמיד־האַמער — לויט די פאָדערונגען פון דער לאַגע. און אויב די אַרומיגע באַדינגונגען גיבען ניט קיין ארבייט און ניט קיין חיונה, און דער „איך" איז מחויב צו לעבען פון זיך אַליין, וועט דער אומפאַרמיידליכער פועל יוצא זיין אַז די פּערזענליכקייט וועט ווערען אויסגעשעפּט און צעשטערט.

דאָס באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע פאַר'ן שרייבער, פאַר דער טענדענץ און פאַר דער פעריאָדע, איז די סענטימענטאַלע צעפלאָסענקייט צו וועלכער ער ברענגט אַזאַ זעלבסט־באַאָבאַכטונג. דער איינצעלנער וויל טאַקע מיט זיין גאַנצער ערנסטקייט מאַכען זיין צופעליגען „איך" — וועלכער האָט צעשטערט אַלץ וואָס די אָנגענומענע מנהגים פאַרלאַנגען אַז מענשע זאָלען רעספּעקטירען — פאַר'ן מאָסשטאַב פון אַלץ, פאַר'ן קוואַל פון אַלע געזעצען. דאָ האָבען מיר אַן אומצווייפעלדיגע איבערקרימונג פון פיכטע'ס פונ־דאַמענטאַלער אידעע. לייענט די פאָלגענדע פערזען פון „לאַוועל" און די נאָכפאָלגענדע געדאַנקען:

Willkommen erhabenster Gedanke.
Der hoch zum Gotte mich erhebt.

Die Wesen sind weil sie dachten,
In truber Ferne liegt die Welt,
Es fallt in ihre dunkeln schachten

Ein Schimmer, den wir mit uns brachten.
Warum sie nicht in wilde Trummer fallt?
Wir sind das Schicksal, das sie aufrecht halt

Den bangen Ketten froh entronnen
Geh' ich nun kuhn durchs Leben hin,
Den harten pflichten abgewonnen,
Von feigen thoren nun ersonnen.
Die Tugend ist nur weil ich selber bin,
Ein Wiederschein in meinem innern Sin.

Was Kummern mich Gestalten, deren matten
Lichtglanz ich selbst hervorgebracht?
Mag Tugend sich in Laster gatten!
Sie sind nur Dunst und Nebelschatten,
Das Licht aus mir fallt in die finstere Nacht.
Die Tugend ist nur, weil ich sie gedacht. (*

---

*) ווילקאָמען דו, דערהויבענער געדאַנק,
וואָס הויבט מיך הויך אַרויף צו גאָט.
זאַכען עקזיסטירען ווייל מיר האָבען וועגען זיי געטראַכט.
די וועלט ליגט אין דער גרויער ווייטקייט,
עס פאַלט אין איהרע טונקעלע היילען
אַריין אַ שיין פון אונז געבראַכט.
פאַרוואָס צעפאַלט זי ניט אויף שטיקלעך?
ווייל מיר זיינען דאָס שיקזאל, וואָס האַלט זי צוזאַמען.

פריי פון מיינע שווערע קייטען
געה איך דרייסט מיר אויף מיין לעבענס־וועג
אַראָפּגעוואָרפען אַלע שווערע פליכטען
וואָס נאַרישע פּחדנים האָבען אויסגעטראַכט.
די טוגענד עקזיסטירט ווייל איך בין דאָ,
זי איז דאָך בלויז אַן אָפּשיין פון מיין „איך".

וואָס אַרען מיך געשטאַלטען וועמעס בלאַסער
ליכט־גלאַנץ ציהט זיך פון מיין האַרץ אַרויס.
זאָל טוגענד זיך פאַראייניגען מיט זינד!
זיי זיינען דאָך נאָר דונץ און נעפּעל שאָטענס.
פון מיר פאַלט העלקייט אין דער טונקעלער נאַכט.
די טוגענד עקזיסטירט ווייל איך האָב וועגען איהר געטראַכט

„מיין דרויסיגער „איך" באהערשט אלזא די מאטעריעלע וועלט, מיין אינווייניגסטער „איך" — די גייסטיגע. אלץ הענגט אָפּ פון מיין ווילען. איך קען ארויסרופען יעדע ערשיינונג, יעדען טאט וואָס איך וויל. די לעבעדיגע און די ניט לעבעדיגע וועלט זיינען אין די הויפּט סטרונעס וועלכע מיין נשמה קאָנטראָלירט. מיין גאנץ לעבען איז בלויז א חלום וואָס זיינע פארשיידענע פאָר־מען קנעט איך אויס לויט מיין ווילען. איך אליין בין דאָס איינציגע געזעץ אין דער גאנצער נאטור, און אלץ אין דער וועלט פאָלגט דאָס דאָזיגע געזעץ".

ווען פרידריך שלעגעל רופט אויס: „פיכטע איז ניט קיין גענוג אבסאָלוטער אידעאַליסט... איך און הארדענבערג (נאָוואַ־ליס) זיינען מעהר ווי אידעאַליסטען דארפען זיין", דערמאָנען מיר זיך אז מיט צעהן יאָהר פריהער, און א שטיק צייט איידער עס איז געוועזן א רייד וועגען ראָמאַנטיזם און ראָמאַנטיקער, האָט שוין טיק געהאט באמערקט וואָס עס וועלען זיין די כאראקטער־שטריכען פון דער נייער שול, ד. ה. פּערזענליכע הפקרות, און דאָס רימען זיך מיט דער הפקרות אונטער'ן נאָמען פון דער פאנטאזיע אלס דעם קוואל פון לעבען און קונסט. „לאָוועל" איז אן אויס־געצייכענטע פארקערפערונג פון אָט די כאראקטער־שריכען. קירקעגארד'ס „יאָהאנעס דער פארפירער" דער פולקאָמסטער און לעצטער ביישפּיעל פונ'ם דאָזיגען טיפּ אין דער דענישער ליטע־ראטור, האלט זיך תמיד אין געוויסע גרעניצען. ער דרעהט זיך ארום פון עטישע פראגען, קוקענדיג אויף מאָראל ווי א דער־עסענע, נודנע קראפט, און ער אטאקירט זי קיינמאָל ניט דירעקט. אָבער „לאָוועל", דער פיעלזייטיגער און דרייסט געפלאָנעוועט־טער כאראקטער — כאָטש אויסגעארבייט מיט וויניגער געשיקט־קייט — ציהט זיך ניט צוריק ניט פון פארראט, ניט פון פארגיסען בלוט, ניט פון סם. ער איז איינער פון די פארשידענע ווארִיאנ־טען פון יענער צייט, פונ'ם דאָן זשואן־פאוסט טיפּ מיט א שטריך פון שילער'ס פראנץ מאָאר. דאָס וואָס ער האָט זיך צופיעל ארייג־געטראכט אין זיך האָט איהם געבראכט דערצו, אז ער זאָל פאר־אכטען די מענשהייט אָהן א גרענעץ, און אומ'ברחמנות'דיג צע־שטערען יעדע אילוזיע. די איין און איינציגע טרייסט איז גע־

ווען אַז אַזויערנאָך דעקט מען אויף די היפּאָקריטישקייט און מען זעהט דעם העסליכען אמת. אין די פאָלגענדע אויסדרוקען זעהט מען אַ נאָהענטע ענליכקייט צו אַ סך זאַכען וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען שפּעטער געשריבען. „לידענשאַפט איז אָהן ספק די גרויסע מכה פון אונזער לעבען; אפילו די ריינסטע און פייער־דיגסטע ליבע זינקט אַראָפּ אין דער דאָזיגער לוזשע... בלויז אומ־דערבארעמדיגקייט, בלויז אַ קלאָר בילד פון אַן אילוזיע קען אונז ראַטעווען. אמאַליע איז דערפאַר פאַר מיר איצט גאָר ניט, ווען איך זעה אַז פּאָעזיע, קונסט און אפילו ליבע זיינען בלויז פאַר־שלייערטע און פאַרדעקטע תאוה... תאוה איז דאָס טרייב־ראָד פון דער גאַנצער מאשין. ליידענשאַפט איז די אינספּיראַציע פון מוזיק, פון מאַלעריי, פון אַלע קונסטען; אַלע מענשליכע וואונשען פלאַטערען ארום אָט דעם דאָזיגען מאַגנעטישען פּאָל, ווי אַ מאָיל ארום אַ ליכט; ... ממילא קומט אויס אַז באָקאַטשיא און אַריאָסטאָ זיינען די גרעסטע דיכטער, און אַז טיטאַן און דער אויסגעלאַסענער קאָרעדזשיאָ שטעהען פיעל העכער ווי דאָמעניקינאָ און דער פרו־מער ראַפּאַעל. אפילו די רעליגיעזע דבקות איז, דענק איך, בלויז אַן אָפּגעווייכטער וועג פונ׳ם דאָזיגען תאוה׳דיגען אינסטינקט וועלכער צעברעכט זיך אין טויזענדער פאַרשידענע קאָלירען.״ מען וואָלט זיך געמעגט ריכטען אַז אָט דער לאָוועל אין וועמעס רעיונות תאוה פאַרנעהמט אַזאַ גרויסען פּלאַץ, זאָל פאָרגעשטעלט ווערען ווי אַ מענש וועלכער ווערט אין גאַנצען פאַרפירט פון זיינע אינסטינקטען. עס הויבט זיך ניט אָן! ער איז קאַלט ווי אייז, קאַלט ווי קירקעגאַרד׳ס שאָטען פון אַ פאַרפירער פון וועמען לאָוועל איז דער פאָרגעהער אין דער דאָזיגער באַציהונג. זיין אויסגעלאַסענקייט קומט ניט פון זיין פלייש און בלוט, נאָר פון זיין פאַנטאַסטיש אויפגערעגטען מאָרך. ער איז אַ ריין אינטע־לעקטועל וועזען, אַ צפונ׳דיגער דייטש פון ריינסטען סאָרט. און עס איז פאַראַן איין זאַך בנוגע וועלכער עס ווייזען זיך שוין ביי איהם ארויס וואונדערליך ראָמאַנטישע סמנים. ווען ער איז שוין אינגאַנצען אויסגעשפּילט, אַזוי צו זאָגען, ווען יעדער פונק פון איבערצייגונג איז פאַרלאָשען אין זיין מח, און אַלע זיינע גע־פיהלען ליגען „קאַלט און טויט״ ארום איהם, זוכט ער אַן עיר

מקלט אינ'ם איבערנאַטירליכען, און הויבט אָן גלויבען אין מיס־טישע אַנטפּלעקונגען אויף וועלכע אַן אַלטער שווינדלער האָט אָנגעוויזען: דער דאָזיגער שטריך וועלכער, ס'איז וויכטיג צו באַמערקען, געפינען זיך ניט אין זיין פראַנצויזישען ביישפּיל, איז נויטיג געוועזען צו פאַרפולקאָמען דעם כאַראַקטער.

דער מענש איז דאָ אַזוי פּוסט, אַזוי לייכט־וואַגיג לויט זיין איינענער אָפּשאַצונג, אַז דער איינדרוק וואָס ער מאַכט אויף זיך אַליין איז אַז ער, דער מענש, איז גלייכצייטיג ווירקליך און אומ־ווירקליך. ער איז געוואָרען פרעמד צו זיך אַליין, און האָט פּונקט אַזוי ווייניג צוטרוי צו זיך ווי צו יעדער דרויסיגער קראַפט. ער שטעהט אין דרויסען פון זיין אייגען לעבען, און ווען ער טוט עפּעס פיהלט ער אַזוי ווי ער וואָלט שפּילען אַ טעאַטער ראָלע. לאַוועל דערציילט אונז ווי אַזוי ער האָט פאַרפירט אַ יונג מיידעל, עמילי בורטען: „איך האָב זיך פּלוצלונג געוואָרפען צו איהרע פיס און מודה געוועזען אַז בלויז מיין ליידענשאַפטליכע ליבע פאַר איהר האָט מיך געבראַכט אין שלאָס אַריין. איך האָב דערקלערט אַז דאָס איז מיין לעצטע פּראָבע אויסצוגעפינען צי עס איז נאָך דאָ עפּעס אַ מענשליך האַרץ וואָס וועט מיר קומען צו הילף און שלום מאַכען צווישען מיר און מיין לעבען און מזל. זי איז געוועזען שעהן, און איך האָב אויסגעפירט מיין ראָלע מיט וואונדערבאַ־רער באַגייסטערונג, אָט פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט ווע־גען אַן אָנגענעמער ראָלע אין אַ טעאַטער שפּיל; יעדעס וואָרט וואָס איך האָב גערעדט האָט עפּעס געזאָגט; איך האָב גערעדט מיט פייער און דאָך אָהן געמאַכטקייט.“ און שפּעטער באַמערקט ער: „זי דאַרף זיך אַליין באַשולדיגען פאַר יעדען צייטווייליגען אָנווער פון פאַמיליען גליק; איך בין ניט שולדיג וואָס זי איז איצט אַ חרפּה אין די אויגען פון פיעל מענשען, אין איינקלאַנג מיט קאָנווענציאָנאַלע אידעען. איך האָב געשפּילט איין ראָלע, זי האָט געענטפערט מיט אַן אַנדערער; מיר האָבען געשפּילט מיט אַ סך ערנסטקייט אַ פּיעסע פון זעהר אַ נאַרישען שרייבער, און איצט באַדויערן מיר וואָס מיר האָבען פאַרשווענדעט די צייט.“

די גאַנצע מעשה איז בלויז געוועזען אַ סצענע פון אַ טעאַטער שפּיל.

אין אָט דעם פיקטיווען כאַראַקטער זיינען שוין אַנטוויקעלט

די אייגענשאַפטען וועלכע מיר געפינען שפּעטער אין אמת'ע כאַראַקטערען, אַזעלכע ווי פרידריך שלעגעל און גענץ; און אין דאָזיגען איינציגען מענשענ'ס גייסטיגע געוואוינהייטען געפינען מיר שוין אַלץ וואָס — אריבערגעהענדיג אין דער קונסט — איז געוואָרען די באַוואוסטע איראָניע פונ'ם ראָמאַנטיזם. דאָ, אינ'ם מענשען, געפינט זיך דער אומפאַרשטעלטער עגאָאיזם וואָס קוקט אויפ'ן לעבען ווי אַ טעאַטער ראָלע; דאָרטען, אין דער קונסט, קומט דער פאַלשער באַגריעף און די איבערטרייבונג פון שילער'ס אידעע אַז אַרטיסטישע טעטיגקייט איז „אַ שפּיל", אַ טעאַטער שפּיל, ד. ה. אַ טעטיגקייט אָהן אַ דרויסיגען צוועק — בקיצור, דער גלויבען אַז אמת'ע קונסט איז דאָס וואָס צעשטערט איהר אייגענעם בנין, — אַט דאָס מאַכט אוממעגליך יעדע אילוזיע, און ענדיגט זיך, ווי טיק'ס קאָמעדיעס, מיט אָפּלאַכען פון זיך אַליין. דאָרטען געפינען מיר די נאָהענטסטע ענליכקייט צווישען דעם אופן ווי דער העלד האַנדעלט און דעם אופן אויף וועלכען די קאָמעדיע איז געשריבען געוואָרען. די איראָניע איז פּונקט די זעלביגע; מען קען זי אין גאַנצען צוריקפירען צום זעלביגען עגאָאיזם און אומווירקליכקייט.*)

כדי קלאָר צו פאַרשטעהן דעם פּסיכאָלאָגישען צושטאַנד וואָס ווערט געשילדערט אין „לאָוועל", דאַרפען מיר ניט בלויז זעהן זיינע ענדליכע רעזולטאַטען, נאָר מיר דאַרפען אויך, אַזוי ווי ביי רענע'ן, זעהן ווי אַזוי און פאַרוואָס ער ווערט באַשאַפען. ער ווערט פאַאורזאַכט פון דער כוואַליע פון הפקרות וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער פעריאָדע. ממילא קומט אויס אַז די פאַרשידענסטע טאַלאַנטען אַרבייטען צוזאַמען כדי אַרויסצוברענגען אַזאַ טיפּ, לאָוועל, ווי אַ ריז פון „זאַטקייט", פון „מידקייט פון לעבען", איז געווען בלויז איינער פון דער ריזען ראַסע.

מיט צוויי יאָהר פריהער איידער טיק האָט געפּלאַנעוועט זיין „לאָוועל" האָט זשאַן פּאָול, וועלכער איז געווען מיט צעהן יאָהר עלטער פון טיק'ן און מיט צוויי יאָר אינגער פון שילער'ן, אָנגעפאַנגען שילדערן די דאָזיגע ראַסע אין זיין אַזוי גערופענער „פאָוסטיאַדע", אינ'ם ראָמאַן „טיטאַן". זשאַן פּאָול איז אין [illegible]

*) Tieck: William Lovell, I. 49, 52, 172 212; II. 110.

הינזיכטען דער פאַרלויפער פונ׳ם ראָמאַנטיזם; אין דער ראָמאַנ־טישער שול דערמאָנען מיר זיך אָן איהם דורך האָפמאַנען, פונקט ווי טיק דערמאָנט געטע׳ן. ער איז דורך און דורך אַ ראָמאַנטי־קער אין דער אַבסאָלוטער אייגענווילינקייט מיט וועלכער ער נעמט זיך צו זיין אַרבייט אַלס קינסטלער. ווי אויערבאַך זאָגט, זיינען ביי איהם „פאַרטיג שטודיעס פון מענשען, שטימונגען, כאַראַקטער־שטריכען, פּסיכישע פאַרפּלאָנטערטקייטען און אַלערליי בילדער, וועלכע ער ברענגט אַריין צופעליג, צופּאַסענדיג זיי צו באַשטימטע כאַראַקטערען און סיטואַציעס". אינ׳ם עלאַסטישען געבוי פון זיין דערציילונג וואַרפט ער אַריין אַלע סאָרטען מאַטריאַלן וואָס האָבען קיין שייכות ניט אַהין. ער איז אויך אַ ראָמאַנטיקער צוליב זיין אַריינגעטונקייט אין זיך אַליין, וואָרים בלויז ער אַליין, שטענדיג ער אַליין רעדט אַרויס פון די מיילער פון זיינע העלדען, ווער זיי זאָלען ניט זיין. ער איז אויך אַ ראָמאַנטיקער אינ׳ם באַרימטען הומאָר וואָס איז אין זיינע ווערק אַ הערשער איבער אַלץ און רעס־פּעקטירט ניט קיין איינעם פון די אָנגענומענע מנהגים; און ענד־ליך דערין וואָס ער איז די לינקע זייט פון דער קלאַסישער קולטור. אָבער וואָס ער זאָל ניט האָבען געווען אין דער קונסט, אין לעבען איז ער ניט געווען קיין פאַרטיידיגער פון הפקרות, גאָר אַ הייסער קעמפער פאַר פרייהייט, פיכטע׳ס גלייכען אין ענטוזיאַסטישער עקשנות. ער איז ניט געווען קיין שונא פון אויפקלערונג, ניט פון שכל, ניט פון דער רעפאָרמאַציע, ניט פון דער רעוואָלוציע. ער איז געווען איבערצייגט אינ׳ם היסטאָרישען ווערט און אין דער פולער גילטיגקייט פון די אידעען וואָס זיינען אַ כבוד פאַר׳ן אַכצעהנטען יאָרהונדערט, וועלכער האָט זיי אַרויסגעבראַכט און פאַרטיידיגט. דערפאַר האָט ער אויפגעהויבען זיין קול און געוואָרענט אַנטקעגען דער פוסטער, דעמאָראַליזירענדיגער פאַנטאַסטישקייט פון די ראָ־מאַנטיקער.

„טיטאַן" אַנטהאַלט דעם קרעפטיגסטען פון זשאַן פאַול׳ס אידעאַלע טיפּען, ראָקייראָל. זיין כח איז ניט געלעגען אין שיל־דערן אידעאַלע טיפּען; דאָס ערשטע און וויכטיגסטע אין איהם איז וואָס ער איז אַ וואונדערבאַרער, רעאַליסטישער אידיליען שרייבער.

ראָקייראָל איז אַ פּראָטאָטיפּ פון דער פאָרם אין וועלכער יענע צייט האָט אויסגעדריקט איהר לײדענשאַפט און איהר פאַרצווייפלונג. ער איז אַ ברענענדיגער, באַוואוסטזיניגער פאַרלאַנג, וועלכער אַנטוויקעלט זיך אין אַ פאַנטאַסטישער עקסצענטרישקייט דערפאַר, ווייל ער פּאַסט זיך ניט אַריין אין די אומשטענדען, און ווייל ער באַזיצט ניט דעם כח צו באַהערשען די ווירקליכקייט, זי איבערצוקנעטען און מאַכען זי אונטערטעניג צו זיך. ער ווערט אַ חולאת וואָס רייסט זיך אַריין אינווייניג און פירט צו אַ קרענקליכער זעלבסט־אַריינגעטראַכטקייט און זעלבסטמאָרד. ראָקייראָל באַשרייבט זיך אין אַ בריף:*)

„קוק אויף מיר ווען איך נעם אַראָפּ מיין מאַסקע! מיין פּנים צוקט קאָנוואולסיוו, ווי דאָס פּנים פון אַ מענשען וואָס האָט זיך גע'סמ'ט. אין דער אמת'ן האָב איך זיך גע'סמ'ט; איך האָב אַראָפּגעשלונגען די גרויסע סם קויל, די קויל וואָס רופט זיך ערד... איך בין ווי אַן אויסגעהוילשער בוים וואָס איז פאַרברענט געוואָרען פון אַ „פאַנטאַסטיש פייער". ווען די ווערים פון'ם אינגעווייד פונ'ם „איך" — כעס, עקסטאַז, ליבע, א. ד. גל. — הייבען אָן אַרומצוקריכען אין מיר און פרעסען אויף איינער דעם אַנדערן, קוק איך אַראָפּ אויף זיי פון דער הויך פון מיין „איך", איך צעשנייד זיי אויף שטיקלעך אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען פּאָליפּען און טשעפּע זיי צוזאַמען. דערנאָך קוק איך אויף מיין אייגענעם קוקען. דאָס חזר'ט זיך איבער אָהן אַ סוף. צו וואָס דאַרף מען דאָס אין גאַנצען? מיין אידעאַליזם איז ניט דער געוויינליכער, ניט דער אידעאַליזם פון אמונה; מיין אידעאַליזם איז אַ *אידעאַליזם פון הארצען*, כאַראַקטעריסטיש פאַר די, וואָס האָבען אָפט איבערגעלעבט אַלע עמאָציעס אויף דער בינע, אויף פּאַפּיר, אָדער אין ווירקליכען לעבען. אָבער וואָסער נוץ ברענגט עס?... אָפט קוק איך אויף די בערג, אויף די טייכען און דער ערד אַרום מיר און פיהל אַזוי ווי זיי וואָלטען אין יעדער רגע זיך געקענט פאַנאַנדערפאַלען און פאַרשווינדען, און איך מיט זיי... פאַראַן אינ'ם מענשען אַ רויהער, געוואַגטער גייסט, וואָס שטעלט פעסט זיין אומ־

*) Titan, III. Zyke, 88.

אָפּהענגיגקייט פון אַלץ, אפילו פון גוטע מידות. דער מענש קליבט אויס גוטע מידות ווען ער וויל; ער איז זייער באַשעפער, ניט זייער באַשעפעניש. איך האָב אַמאָל איבערגעלעבט אַ שטורם אויפ'ן ים. דאָס צאָרענדיגע, שוימיגע וואַסער האָט זיך געהויבען אין געקרויזעלטע כוואַליעס, בעת פון אַ רוהיגען הימעל האָט אַראָפּגעקוקט אַ לויטערע זון. אַזוי איז עס מיט דיר! דאָס האַרץ איז דער שטורם, דער הימעל — דער „איך"!... גלויבסטו, אַז די שרייבער פון טראַגעדיעס און ראָמאַנען אָדער, לאָמיר זאָגען, די גאונים צווישען זיי, וועלכע האָבען שוין טויזענטער מאָל אימיטירט אַלץ וואָס איז מענשליך און געטליך, זיינען אַנדערש פון מיר? אַלץ וואָס האַלט אויף אי זיי אי די אַנדערע איז זייער הונגער נאָך געלד און רום... די מאַלפּעס זיינען די גאונים צווישען די חיות, און גאונים זיינען מאַלפּעס אין זייער עסטעטישען נאָכמאַכען, אין האַרצלאָזיגקייט, בייזוויליגקייט, ליידענשאַפטליכקייט און לוסטיגקייט."

ער דערצעהלט ווי אַ געוויסע שטימונג וואָס איז פּשוט געווען אַ רעזולטאַט פון לאַנגווייליגקייט, האָט איהם געבראַכט צו פאַרפירען זיין פריינד'ס שוועסטער: „איך האָב גאָר ניט פאַרלוירען; אין מיר איז קיין אומשולד ניטאָ. איך האָב גאָר ניט געוואונען, ווייל איך האָס תאוה'דיגע פאַרגעניגענס. דער ברייטער שוואַרצער שאָטען, וואָס טייל מענשען רופען געוויסען-ווּעה, האָט שנעל אָפּגעמעקט דאָס פאַרביישוועבענדיגע העלע בילד פון דער צווּבערלאַמטערנע; אָבער איז דאָס שוואַרצע ערגער פאַר'ן אויג ווי דאָס העלע?"

דער וואָס באַטראַכט פאָרזיכטיג אפילו אָט די קורצע אויסצוגען פון זשאַן פּאָל'ס גראָבען פיער-בענדערדיגען ראָמאַן וועט איינזעהן ווי דאָ ווערט ווידער געצויגען אַ פאַרבינדונג-ליניע צווישען לעבען און קונסט. ניט טראַכטענדיג פאַראויס, אָבער זעהר באַדייטונגפול, נעמט ראָקייראָל אָן די טבע פונ'ם פּראָדוקטיווען אַרטיסט ווי אַן אָפּבילד פון זיך אַליין, און די אויסדרוקען „פאַרברענט פון אַ פאַנטאַסטיש פייער" און „דער אידעאַליזם פון האַרצען" זיינען אַזוי געגנוי ווי וויסענשאַפטליכע דעפיניציעס. אינ'ם שרייבער'ס מח איז קיין ספק ניטאָ וועגען דעם וואָס ער וויל שילדערן. נאָך דעם ווי ראָקייראָל באַגעהט דאָס לעצטע און עקעלדי-

סטע פאַרברעך, דהיינו, ווען ער באַזוכט לינדע׳ן ביינאַכט, זיך פאַרשטעלענדיג ווי איהר פריינד און געליבטער אַלבאַנאָ, פאַלט ער דורך זיין אייגענער האַנט אויף דער בינע ער שפּילט אַ ראָלע וואָס ענדיגט זיך מיט זעלבסטמאָרד, און ער דערשיסט זיך. ביז דער לעצטער רגע לעבט ער אין אַ כּלומר׳שט׳ער, אויסגעטראַכטער וועלט, אויסמישענדיג אָדער צוזאַמענמישענדיג דאָס אמת׳ע מיט׳ן פאָרגעשטעלטען. און די דאָזיגע אַנטשלאָסענקייט צו מאַכען די ווירקליכקייט פאַנטאַסטיש אָדער פּאָעטיש איז דער כאַראַקטעריס־טישער שטריך פון דעם קומענדיגען דור, די ארבייט וועלכע ער האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט, דאָס פּראָבלעם וואָס אַלע זיינע שאַ־פונגען האָבען זיך געסטאַרעט צו פאַרענטפערן. צו פאַרשטעהן דאָס הייסט צו פאַרשטעהן און מוחל זיין די פעלערן וועלכע ער האָט געמאַכט אין זיינע פּלענער צו פאַראַנדערשען די ווירקליכקייט, אַזאַ פּלאַן ווי מיר געפינען, למשל, אין פרידריך שלעגעל׳ס „לו־צינדע״.

די גרויסע פראַגע מכּח דעם שייכות צווישען פּאָעזיע און לע־בען, די פאַרצווייפלונג איבער דער טיפער, ביטערער דיסהאַרמאָניע צווישען זיי, דער אומאויפהערליכער קאַמף ארויסצובריינגען אַ שלום — אָט דאָס ליגט אין פונדאַמענט פון דער גאַנצער דייטשי־שער ליטעראַטור פון דער „שטורם און דראַנג״ צייט ביז דעם טויט פונ׳ם ראָמאַנטיזם. אַלזאָ כּדי צו פאַרשטעהן „לוצינדע״ אָדער „לאָוועל״ איז נויטיג צו קוקען צוריקצואַוועגס. מיט דער הילף פון זשאַן פּאָול׳ס „טיטאַן״ פאַרשטעהען מיר ביידען בעסער. לאָוועל׳ס פאָרגעהער איז דער ריז ראָקיראָל, לוציגדע׳ס — איז די ריזין לינדע.

קאפיטעל 5.

די סאָציאַלע שטרעבונגען פון די ראָמאַנטיקער.

לוצינדע.

דער שטורעם איבער פרידריך שלעגעל'ס „לוצינדע"; די פאַק־טישע בלוטלאָזיגקייט פון „לוצינדע"; די ליבע פון די ראָמאַנ־טיקער; „לוצינדע" און לוידיג־געהעריי.

אין יוני 1801 איז אין יענא'ער אוניווערזיטעט געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ יונגער קאַנדידאַט פאַר דער דאָקטאָר די־פּלאָמע און פאַרגעלייענט זיין דיסערטאַציע. מען האָט אַלע אין דער וועלט געטאָן צו פאַרטומלען איהם און איהם שטערען; מען האָט געטאָן אַ נאָך ניט געהערטע זאַך: מען האָט באַזאָרגט אָפּאָנענטען. איינער פון זיי, אַ מעהר־וויניגער נארישער יונגערמאַן, וועלענדיג זיך אויסצייכענען האָט אָנגעפאַנגען:

א. אז. וו. א. וו "In tractatu tuo erotico Lucinde dixisti"

(„אין דיין דיסערטאַציע האָסטו גערעדט וועגען לוצינדע'ס ליבע").

דערויף האָט דער קאַנדידאַט שנעל אָפּגע'פטר'ט זיין אָפּאָ־נענט רופענדיג איהם אַ נאַר. עס האָט זיך גענומען רודערן און איינער פון די פּראָפעסאָרען האָט צאָרנדיג דערקלערט, אַז עס זיי־נען שוין אוועק דרייסיג יאָהר זינט די פּלאַטפאָרמע פון פילאָזאָפי־שען דעפּאַרטאַמענט איז באַשמוצט געוואָרען דורך אַזאַ מיאוס'ער האַנדלונג. דער קאַנדידאַט האָט געענטפערט, אַז עס זיינען שוין אוועק דרייסיג יאָהר זינט מען האָט עמיצען אַזוי מיאוס באַהאַנ־דעלט. אָט דער קאַנדידאַט איז געווען פרידריך שלעגעל פאַר וועמען מען האָט אין יענער צייט אַזוי מורא געהאַט צוליב זיינע שרעק־ליכע מיינונגען, אַז מען האָט איהם אַמאָל פאַרבאָטען איבערצו־נעכטיגען אין אַ שטעטעל. אין אַ צושריפט פונ'ם אוניווערזיטעט

קוראַטאָריום פונ'ם קורפירשטענטום פון האַנאָווער צום פּראָ־רעקטאָר פון געטינגען, וואָס איז דאַטירט דעם 26טען סעפּטעמבער 1800, לייענען מיר: „אויב דעם פּראָפעסאָר'ס ברודער, פרידריך שלעגעל, וועלכער איז טרויעריג באַרימט צוליב דער אוממאָראַלער טענדענץ פון זיינע שריפטען, וועט איינפאַלען צו קומען קיין געטינגען און פאַרבלייבען דאָרט אויף וואָסער ניט איז צייט, זאָלט איהר וויסען אַז דאָס איז ניט דערלויבט; איהר וועט זיין אַזוי גוט און איהם איבערגעבען, אַז ער זאָל פאַרלאָזען די שטאָט."

די דאָזיגע גערעכטיגקייט איז אַביסעל צו שטרענג, און דער גאַנצער גערודער איז געווען אַלץ צוליב „לוצינדע".

„לוצינדע" איז איינס פון די וויכטיגסטע ווערק פון דער ראָמאַנטישער שול, ניט צוליב דער שאַפערישער קראַפט וואָס ווייזט זיך אַרויס אין אָט דעם בוך: ניט קוקענדיג אויף די אַלע געשפּרעכען וועגען „פלייש" געפינט זיך דאָרט ניט קיין פלייש און קיין בלוט, קייןווירקליכער קערפּער. אויך ניט צוליב די טיפקייט פון די געדאַנקען. פאַראַן מעהר פילאָזאָפיע אין די עטליכע פּאַראַדאָקסאַלע זייטען וועלכע שאָפּענהויער האָט געשריבען אונטער'ן נאָמען „מעטאַפיזיק דער ליבע" ווי אין דער פּרעטענציעזער „לוצינדע" פון אָנהייב ביז'ן סוף. אַפילו ניט צוליב דער פאַר'שיכור'טער פרייד מיט דער נאַטור, מיט'ן לעבען. פאַרגלייכענדיג מיט היינע'ס „אַרדינגעלאָ", אַ בוך וואָס פלאַמט מיט עכט דרום'דיגער לעבענס־פרייד, זעהען מיר קלאָר ווי אָרים־בלוטיג און טעאָרעטיש „לוצינדע" איז. דאָס בוך האָט בלויז אַ ווערט ווי אַ מאַניפעסט און אַ פּראָגראַם. די הויפּט אידעע דערפון איז צו פּראָקלאַמירען די איינקייט און האַרמאָניע פון לעבען אַזוי ווי עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז צום קלאָרסטען און פאַרשטענדיגסטען אין דער ליידענשאַפט פון ליבע, וועלכע גיט די גייסטיגע געפיהלען אַ גשמיות'דיגען אויסדרוק און פאַרגייסטיגט דאָס גשמיות'דיגע פאַרגעניגען. עס סטאַרעט זיך צו שילדערען די טראַנספאָרמאַציע פונ'ם ווירקליכען לעבען אין פּאָעזיע, אין קונסט, אין שילער'ס „שפּיל" פון כחות, אין אַ פאַר'חלום'טער, פאַרגעשטעלטער עקזיסטענץ וואו אַלע בענקשאַפטען ווערען באַפרידיגט, אַ לעבען וואו דער מענש, האַנדלענדיג אָהן אַ ציל, לעבענדיג אָהן אַ תכלית, ווערט אַריינגעפירט אין די

סודות פון דער נאַטור, „פאַרשטעהט די טענות פונ׳ם נאַכטיגאַל, דעם שמייכעל פון׳ם ניי־געבוירענעם עופה׳לע, און אַלץ וואָס אַנטפּלעקט זיך מיסטעריעז אין די היראָגליפען פון די בלומען און שטערען.“

דאָס דאָזיגע בוך ווערט לחלוטין שלעכט פאַרשטאַנען פון די, וועלכע באַוואָפּענען זיך, ווי קירקעגאַרד, מיט אַ גאַנצען קאָמפּלעט דאָגמאַטישע פּרינציפּען, און וואַרפען זיך אויף זיי אַרויף אויסרופענדיג: „זיין צוועק איז אַ ניט געשטילטע תאוה וואָס שליסט אויס דעם עלעמענט פון גייסטיגקייט; עס באַקעמפט די גייסטיגקייט וואָס באַזיצט אַן עלעמענט פון תאוה“. מען קען קוים באַגרייפען די בלינדקייט וואָס ליגט אין אַזאַ אויסדרוק, אָבער זיי זיינען ניט קיין בעסערע פאַרבלענדער ווי די וועלכע די אָרטאָדאָקסיע שטעלט צו. עס איז אויך אוממעגליך צו פאַרשטעהן „לוצינדע“ אַזוי לאַנג ווי מיר זעהען דערין — פונקט ווי גוצקאָוו — אַ פאַרטיידיגונג פון דער טעאָריע פון פרייער ליבע, אָדער, ווי שלייערמאַכער, אַ פּראָטעסט אַנטקעגען דער אומקערפּערליכער גייסטיגקייט, אַן הכחשה פון דער געמאַכטער נאַרישקייט וואָס לייקענט אָפּ און געהט אַוועק פון פלייש און בלוט. די פונדאַמענטאַלע אידעע פונ׳ם בוך איז די טעאָריע פון דער זעלביגקייט פון לעבען און פּאָעזיע. אָבער דער דאָזיגער ערנסטער געדאַנק ווערט פאַרגעשטעלט אין אַ פאָרם מיט דער אויסדריקליכער כונה צו געווינען די לאָרבערן פון באַרימטקייט. אונזער באַוואונדערונג ווערט אַרויסגערופען אַ דאַנק דעם דרייסטען, רייצענדיגען טאָן פונ׳ם שרייבער׳ס אַרויספאָדערונג, אַ דאַנק דעם קוראַזש, וואָס שטאַמט פון איבערצייגונג, וועלכער פאַראורזאַכט אַז מען זאָל איהם פערזענליך באַליידיגען, און אַז מען זאָל עפענטליך און פיינדליך אַרומרעדען דאָס פּריוואַטע לעבען זיינס. עס איז אויך ווערט צו באַוואונדערען די געשיטקייט אַ דאַנק וועלכער די פאַרשידענע אַנשויאונגען און שלאָג־ווערטער פונ׳ם ראָמאַנטיזם ווערען צונויפגעזאַמעלט און פאָרגעשטעלט פאַר אונז אין ענגע גרעניצען, וואָרים אין אָט דעם איינציגען בוך קען מען זעהן ווי עס שפּרייטען זיך אויס פון איין צענטער, פעכער־אַרטיג, אַלע פאַרשידענע טענדענצען פון דער באַוועגונג, וואָס אַזוי פיעל פאַרשידענע מענשען האָבען אַנט־

וויקעלט. אָבער עס עקעלט אונז די אַרטיסטישע אימפּאָטענץ פון וועלכער אָט דער, אזוי גערופענער, ראָמאַן — אין דער אמת'ן בלויז אַ סקיצע — איז אַן עדות. דאָס קומט פון די פארשיידענע התחלות וועלכע ענדיגען זיך מיר גאָרנישט, און פון דער גאַנצער שוואַכער זעלבסט־פארגעטערונג, וואָס זוכט צו פארשטעלען די אומפּרוכט־באַרקייט דורך באַשאַפען אַן אומגעזונטע היץ וואו די אומפּרוכט־באַרע אייער זאָלען זיך אויסבריהען. קאַראָלינע שלעגעל האָט פאַר אונז באהאַלטען דעם פאָלגענדען בייסענדיגען עפּיגראַם, וועלכער איז געשריבען געוואָרען באַלד נאָך דער ערשיינונג פון'ם בוך:

Der Pedantismus bat die Phantasie
Um einen Kuss, sie wies ihn an die Sunde;
Frech, ohne Kraft umarmt er die,
Und sie genas mit einem todten kinde,
Genannt Luzinde (*

אַ חוץ וואָס דאָס וואָרט „זינד" איז ניט אויפ'ן אָרט — וואָרים „לוצינדע" זינדיגט בלויז אַנטקעגען גוטען געשמאַק און אמת'ער פּאָעזיע — געפין איך ניט קיין שום פעלער אין אָט דער גרויזאַ־מע סאַטירע.

ווידער זעהען מיר אין סאַמע וואָרצעל פון „לוצינדע" סוביעק־טיוויטעט, זעלבסט־אריינגעטונקייט אין דער פאָרם פון אַן אייגענ־וויליגקייט וואָס קען זיך אַנטוויקלען אין אַלץ — רעוואָלוציע, חוצפּה, פאַנאַטיזם, רעאַקציע — וואָרים גלייך פון אָנהייב איז דאָס דאָזיגע בוך ניט פארבונדען מיט עפּעס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קראַפט, ווייל דער „איך" זוכט ניט צו העלפען קיין אידעע וואָס זאָל געבען זיינע שטרעבונגען אַ פעסטקייט און אַ ווערט; ער זוכט ניט צו העלפען ניט קיין בירגערליכער און ניט קיין אינטעלעקטוע־לער פרייהייט. אָט די אייגענוויליגקייט אָדער הפקרות וואָס אין דער קונסט־וועלט ווערט זי פרידריך שלעגעל'ס „איראָניע", דעם

---

*) דער פּעדאַנטיזם בעט ביי דער פאַנטאַזיע
אַ קוש, זי שיקט איהם צו „זינד",
נעמט ער זי ארום פרעך, אָהן כחות,
און זי האָט פון איהם אַ טויט קינד
מיט'ן נאָמען לוצינדע.

אַרטיסט'ס קוקען פון אויבען אַראָפּ אויף זיין סיוזשעט, דער אָביעקט פון זיין פרייער שפּיל (מיט'ן פּועל יוצא, בנוגע פּאָעזיע, וואָס די ריינע פאָרם ווערט אַ דיקטאַטאָרין, און שפּעט אָפּ פון איהר איינענעם אינהאַלט און צעשטערט איהרע אייגענע אילוזיעס), די דאָזיגע הפקרות ווערט אין ווירקליכען לעבען אַן איראָניע, וואָס איז דער הויפּט שטריך אינ'ם כאַראַקטער און לעבען פון די עטליכע אויסדערוועהלטע, די אינטעלעקטועלע אַריסטאָקראַטען. די דאָזיגע איראָניע איז אַן איראָניע פאַר די וואָכעדי'גע מענשען וועלכע „פאַרמאָגען ניט קיין חוש פאַר איהר". זי איז „די פרייסטע פון אַלע פרייהייטען", ווייל דורך איהר שטעלט זיך דער מענש אוועק אין דרויסען און העכער פון זיך אַליין; דאָך איז זי אויך געזעצליכער פון אַלץ, ווייל זי איז, דערצעהלט מען אונז, שטענדיג און אומפאַרמיידליך. זי איז אַן אייביגע זעלבסט-פּאַראָדיע, אומבאַגרייפליך פאַר די „רוהיגע בעל־הבית'לעך" (harmonish Platten) אַ נאָמען מיט וועלכען די ראָמאַנטיקער האָבען גערופען די, וואָס לעבען צופרידען אין אַ קליינליכער, באַנאַלער רוהיגקייט), וועלכע נעמען אָן איהר ערנסט פאַר שפּאַס און איהר שפּאַס פאַר ערנסט.

די דאָזיגע איראָניע אַנטהאַלט, ניט בלויז אין נאָמען, אַ פונדאַמענטאַלע ענליכקייט צו קירקעגאַרד'ס איראָניע, וועלכע איז אויך אַריסטאָקראַטיש דערין וואָס זי „קלייבט אויס מיספאַרשטאַנען צו זיין". דער „איך" פונ'ם גאון איז דער אמת, אויב ניט אינ'ם זין אין וועלכען קירקעגאַרד וואָלט געוואָלט מיר זאָלען פאַרשטעהן דעם דאָזיגען געדאַנק — „דער אמת איז סוביעקטיוויטעט" — איז לכל הפּחות אינ'ם זין אַז דער „איך" באַזיצט די קראַפט פון יעדען דרויסענריג-גילטיגען באַפעל און פאַרבאָט; און, צום וואונדער און סקאַנדאַל פון דער וועלט, דריקט ער זיך תמיד אויס אין פּאַראַדאָקסען. איראָניע איז „געטליכע חוצפּה". אין חוצפּוז וואָס ווערט אַזוי פאַרשטאַנען זיינען פאַראַן מעגליכקייטען אָהן אַ סוף. זי באַטייט פרייהייט פון פאָראורטייל, דאָך ווייזט זי אָן אויף אַ מעגליכקייט צו פאַרטיידיגען אויפ'ן חוצפּה'דיגסטען אופן אַלע מעגליכ'נ סאָרטען פאָראורטיילען. מען זאָגט, אַז די פרויען גיכער צוקומען צו איהר איידער דער מאַנסביל. „דער פרויען שכל, פונקט ווי דאָס פרויען קלייד, צייכענט זיך אויס מעהר פונ'ם

מאַנסבילשען שכל דערמיט וואָס זי קען דורך איין געוואַגטער באַ־וועגונג זיך אויפהייבען איבער אַלע פּאָראורטיילען פון דער ציווי־ליזאַציע און בעל הבית'ישע מנהגים און גלייך זיך אַריבערטראָגען אין אַ צושטאַנד פון אומשולד און אין דער שוים פון דער נאַטור". די שוים פון דער נאַטור! פאַראַן אַ ווידער־קול פון רוסאָ'ס שטים אפילו אין דער דאָזיגער לייכטזיניגער טיראַדע. עס דוכט זיך, אַז מיר הערען דעם שופר־בלאָז פון דער רעוואָלוציע; אין דער אמת'ן הערען מיר גאָר אַ פּראָקלאַמירונג פון רעאַקציע. רוסאָ האָט זיך גע־וואָלט אומקערען צו אַ נאַטור צושטאַנד בעת מענשען האָבען אַרומ־געוואַנדערט נאַקעט דורך פּאַרוואַקסענע וועלדער און געלעבט אויף חזיר ניסלעך. שעלינג האָט געוואָלט אומדרעהען דעם גאַנג פון דער עוואָלוציע צוריק צו די סאַמע ערשטע צייטען, צו דער צייט איידער דער מענש האָט געזינדיגט. שלעגעל בלאָזט רעוואָלוציאָ־נערע מעלאָדיעס מיט'ן גרויסען ראָמאַנטישען "וואונדער שופר", אָבער, ווי מיר לייענען אין "דעם קנאַבען וואונדערהאָרן": "אַ יעגער האָט געבלאָזען אויף זיין האָרן, און אַלץ וואָס ער האָט געבלאָזען איז פאַרשוואונדען געוואָרען."

דער רעזולטאַט איז ניט קיין אינטעלעקטועלע עמאַנציפּאַציע, נאָר פּשוט אַן אויסאיידלונג פון די מענשליכע תענוגים. די גאַנצע ברייטע וועלט פון ליבע טראָגט זיך אַריבער אין דער וועלט פון קונסט. פּונקט ווי די ראָמאַנטישע פּאָעזיע איז אַ פּאָעזיע פון דער צווייטער שטופע, פּאָעזיע וועגען פּאָעזיע, אויסגעאיידעלטע און צנועה'דיגע פּאָעזיע, אַזוי איז די ליבע פון די ראָמאַנטיקער אַן אויסגעאיידעלטע און צנועה'דיגע ליבע, "די קונסט פון ליבע". עס ווערען באַשריבען און קלאַסיפיצירט די פאַרשידענע מדרגות פון דער העכערער תאוה. איך שיק אָפּ דעם לעזער צו "לוצינדע", וואו עס ווערען ניט פאַרגעשטעלט, ווי אין "אַרדינגעלאָ" קיין אויסגע־לאַסענע שילדערונגען, נאָר בלויז טרוקענע פּעדאַנטישע טעאָריעס, די ליידיגע ראַמען, וועלכע דעם לעזער'ס ערפאַרונג און פאַנטאַזיע דאַרפען אָנפילען. פון איין זייט איז די ראָמאַנטישע חוצפּה ליידיג־געהעריי, די פוילקייט פונ'ם גאון. לײדיג־געהעריי ווערט גע־שילדערט ווי "די לעבענס־לופט פון אומשולד און באַגייסטערונג". אין איהר העכסטען אויסדרוק איז די ריינע פּאַסיוויטעט, דאָס לע־

בען פון דער פלאַנץ. „דאָס העכסטע פּולקאָמסטע לעבען איז א לעבען וואָס האלט בלויז אין „וואַקסען". די ראָמאַנטיקער קערען זיך אום צו דער נאַטור מיט אזא גוטען צוועק, אז זיי געהען אוועק צו דער פלאַנץ. זייער אידעע פון פּולקאָמענהייט וואָלט געווען א פּאַסיווער גענוס פון'ם אייביג דוירנדיגען מאָמענט. „איך האָב ערנסט נאָכגעטראַכט, זאָגט יוליוס צו לוצינדע'ן, וועגען דער מעג־ליכקייט פון אן אייביגען ארומנעמען זיך." פונקט ווי גאונות, וואָס איז אומאָפּהענגיג פון מיה און פּראַצע, און תאווה'דיגען גענוס, וואָס איז אין זיך אליין א פּאַסיוו גליק, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט א ציל, האַנדלונג אָדער ניצליכקייט, אזוי אויך ליידיג־געהעריי, dolce far niente (עס איז א פאַרגעניגען גאָרניט צו טאָן), ווערט מיט דער צייט באַטראַכט ווי דאָס בעסטע וואָס דאָס לעבען קען געבען, און דער תכלית, וואָס פירט צו סיסטעמאַטישער האַנדלונג, ווערט פאַרדאַמט ווי עפּעס לעכערליכס און פיליסטעריש. דער וויכטיגסטער אויסדרוק אין דער דאָזיגער באַציהונג אין „לוצינדע" איז דער פאָלגענדער: „א ר ב י י ט און נ י צ ל י כ ק י י ט זיינען די מלאך המות'ן מיט די גליהענדיגע שווערדען, וועלכע שטעהען אין וועג פון'ם מענשענס אומקער אין גן עדן". יאָ, דאָס זיינען זיי טאַקע! ארבייט און ניצליכקייט פאַרשטעלען דעם וועג צו אלע גן עדנ'ס וועלכע ליגען הינטער אונז. דערפאַר האַלטען מיר זיי הייליג. ניצליכקייט איז איינס פון די הויפּט פאָרמען פון גוטס־קייט; און וואָס איז ניצליכקייט אויב ניט די פאַרדאַמונג פון פאַר־שיכור'נדע פאַרגעניגענס, דער ענטוזיאַזם, די קראַפט, דורך וועלכע די דאָזיגע גוטסקייט ווערט דערגרייכט.

דער „אומקער" צו פּולקאָמענהייט איז, אין דער קונסט, אן אומקער צו דער הפקרות פון'ם גאון, צום צושטאַנד ווען דער אר־טיסט מעג טאָן א געוויסע זאַך, אָדער פּונקט דעם היפוך דערפון. אין לעבען איז עס א צוריקגאַנג צו ליידיג־געהעריי, וואָרים דער וואָס געהט ארום ליידיג געהט צוריק, צוריק צו פּאַסיווען פאַרגע־ניגען. אין פילאָזאָפיע איז עס אן אמקער צו אינטואיטיווע גלוי־בענס, גלויבענס אויף וועלכע שלעגעל האָט אָנגעווענדט דעם נאָ־מען רעליגיע; און אָט די רעליגיע ווידער פירט צוריק צום קאָ־טאָליציזם. בנוגע נאַטור און געשיכטע, איז עס א צוריק־גאַנג צום

סאַמע ערשטען גן עדן. *) אַלזאָ טאַקע די צענטראַלע אידעע פונ'ם ראָמאַנטיזם — צוריקגאַנג —דערקלערט ווי עס קומט וואָס אפילו „לוצינדע“, וואָס שטורעמט די הימלען, פונקט ווי אַלע אַנדערע הימעל־שטורמער פון די ראָמאַנטיקער, האָט ניט געהאַט דעם מינדסטען פּראַקטישען רעזולטאַט.

1) A. Ruge: Gesammelte Schriften I, 328, etc.

קאפיטעל 6.

ראמאנטישע צוועקלאזיגקייט.

ראמאנטיזם און צוועקלאזיגקייט; קירקעגארד'ס דערקלערונג; יוליוס; די גלייכגילטיגקייט פון די ראמאנטיקער צום געזעלשאפטליכען און פאליטישען לעבען.

אין „לוצינדע" קען מען אלזא געפינען אין קליינעם פארמאט אלע טעאריעס וועלכע אנטוויקלען זיך שפעטער און ווערען אילוסטרירט דורך ביישפילען אין דער געשיכטע פון'ם ראמאנטיזם. אין אזא אפהאנדלונג ווי איבער דעם אינסטינקט פון זוכען אן „איבערבייט", וואס מיר געפינען ביים פיינשמעקער אין קירקעגארד'ס Enten Eller („אדער־אדער") ווערט לעדיג־געהעריי סיסטעמאטיזירט. „נעם קיינמאל ניט אן קיין שום בארוף אדער פאך. טוט מען עס יא, ווערט מען פשוט איינער פון'ם המון, א קליינטשיג רעדעלע אין דער גרויסער מאשין פונ'ם שטאט; מען הערט אויף צו ווערען בעל־הבית... אבער כאטש מיר האלטען זיך ווייט פון יעדער געוויינליכער פראפעסיע, דארפען מיר ניט זיין אומאקטיוו, נאר צוגעבען גרויס וויכטיגקייט צו א פאך וואס איז דאס זעלביגע ווי ליידיג־געהעריי... דער גאנצער סוד ליגט אין דער אומאפהענגיגקייט, דערין וואס עס איז ניטא קיין אפהאלט. עס דוכט זיך אונז אויס, אז עס איז גאר קיין קונץ ניט צו האנדלען אומאפהענגיג פון געזעצען; אין דער אמת'ן פאדערט זיך א פארזיכטיגע אויסרעכענונג, אויב מיר ווילען ניט בלאנדזשען, נאר שעפען פארגעניגען פון אונזער האנדלונג..."

ליידיג געהעריי, געזעצלאזיגקייט, פארגעניגען! דאס איז די דריי־בלעטערדיגע פלאנץ וואס וואקסט איבער'ן גאנצען פעלד פון'ם ראמאנטיקער. אין אזא בוך ווי אייכענדארפ'ס Das Leben eines Taugenichts ווערט ליידיג־געהעריי אי־

רעאַליזירט און דערהויבען אינ'ם געשטאַלט פונ'ם העלד. און צוועק־לאָזיגקייט איז נאָך אַ וויכטיגער פּרט וואָס מיר דאַרפען באַין אופן ניט פאַרקוקען. זי איז נאָך אַ סימן פון דער גאונות פונ'ם ראָמאַנ־טיזם. „צו האָבען אַ צוועק, צו האַנדלען אין איינקלאַנג מיט אַט דעם צוועק, צו קאָמבינירען קינסטליך צוועק מיט צוועק, און דורך דעם באַשאַפען נייע צוועקען, איז אַ שלעכטע געוואוינהייט וועלכע איז אַזוי איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דער נאַרישער נאַטור פונ'ם געטליכען מענשען, אַז ער איז געצוואונגען, בעת עס ווילט זיך איהם שוין יאָ אַרומשוועבען אָהן אַ ציל איבער'ן שטראָם פון די שטענדיג זיך בייטענדיגע פאָרשטעלונגען און געפיהלען, צו טאָן אַפילו דאָס מיט אַ פעסטגעשטעלטען צוועק... עס איז זיכער, מיין פריינד, אַז דער מענש איז בטבע אַן ערנסטע בריאה." (יוליוס צו לוצינדע'ן.)

בנוגע די דאָזיגע ווערטער זאָגט אַפילו דער אָרטאָדאָקסיש קריסטליכער קירקעגאַרד: „כדי מיר זאָלען שלעגלען ניט פאַלש אורטיילען דאַרפען מיר האָבען אין זינען די פאַרדאָרבענע אידעען וועלכע האָבען זיך אריינגע'גנב'עט אין די מענשליכע מחות אין באַצוג צו אַ סך לעבענס־שייכות'ן און וועלכע האָבען ספּעציעל און אָהן אויפהער געשטרעבט צו מאַכען די ליבע אַזוי איינגעהאַלטען, גוט צוגעפּאַסט, שווער, פויל, ניצליך און אונטערטעניג, ווי יעדע אַנדערע הויז־חיה, — בקיצור, אַזוי אומראָמאַטיש ווי מעגליך... פאַ־ראַן זעהר אַן ענג־האַרציגע מאָראַל, טאַקטיק וואָס שטיצט זיך אויף פּאַסיגקייט, אַ פּוסטע טעאָלאָגיע, צו וועלכער אַ סך מענשען דינען ווי צו אַן אָפּגאָט, אַן אָפּגאָט וואָס טענה'ט אַז יעדע העכסטע שטרע־בונג איז זיינס אַ געזעצליכער קרבן. ליבע, האַלט מען, איז אין זיך אַליין גאָר ניט; איהר וויכטיגקייט נעמט זיך ערשט פונ'ם צוועק וועלכען זי ווערט געבראַכט צו דינען אינ'ם קליינליכען ספּעק־טאַקעל וואָס פאַרנעמט די בינע פנ'ם קאָמיליען לעבען". מען מעג זיך אפשר דערלויבען צוצוגעבען, אַז דאָס וואָס קירקעגאַרד זאָגט וועגען דער איינגעהאַלטענער, גוט צוגעפּאַסטער, פוילער און ניצליכער הויז־חיה — ליבע, איז צום בעסטען אָנגעווענדט געוואָ־רען אין דייטשלאַנד, וואָס איז אין יענער צייט געווען בלי ספק די היים פון דער אַלטפרענקישער ווייבליכקייט. די סאַטירישע

אויסברוכען אין טיק'ס קאָמעדיעס צילען טיילמאָל אין דער זעל־ביגער ריכטונג. אין זיין Damling באַקלאָגט זיך אַ מאַן אויף זיין ווייב'ס משוגעת פאַר שטריקען, וואָס גיט איהם קיין רוה ניט; אַ טענה וואָס קען אפשר פאַרשטאַנען ווערען בלויז אין דייטשלאַנד, וואו נאָך איצט קען מען זעהן פרויען שטריקענדיג אפילו אין עפענטליכע פאַרוויילונג פּלעצער, למשל, אויף די קאָנ־צערטען אויף דער „ברילשע טעראַסע" אין דרעזדען. הער זעמעל־ציגע זאָגט:

''Des Hauses Sorge nahm zu sehr den Sinn ihr ein,
Die Sauberkeit, das Porzellan, die Wasche gar:
Wenn ich ihr wohl von meiner ewgen Liebe sprach,
Nahm sie der Burste vielbehaartes Brett zur Hand,
Um meinem Rock die Faden abzukehren still.

— — — — — — — — — — — — — — —

Doch hatt ich gern geduldet alles, ausser Eins:
Dass, wo sie stand, und wo sie ging, auswarts, im Haus,
Auch im Concert, wenn Tongewirr die Schopfung schuf

— — — — — — — — — — — — — — —

Da zaspelnd, haspelnd, heftig raschend, nimmer still,
Ellbogen fliegend, schlagend seiten und geripp.
Sie immerdar den Strickstrumpf eifrig handgehabt.'' 1)

*) די זאָרג פון הויז פאַרנומען האָט איהר גאַנצען קאָפּ!
די ציכטיגקייט, דאָס פאָרצעלאַן, די גאַנצע וועש,
און האָב איך שוין מיין אייב'גע ליבע איהר דערקלערט,
האָט זי די קליידער־באַרשט גענומען אין איהר האַנט
און שטיל אַראָפּגעפּוצט די פעדים פון מיין ראָק.

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָך וואָלט איך גערן אַלץ געליטען חוץ איין זאַך:
וואָס שטעהענדיג און זיצענדיג אין גאַס, אין הויז,
אויך אויף קאָנצערטען, וואו עס הערשט דער צויבער־טאָן,

— — — — — — — — — — — — — — —

זי צאַפּעלט, רודערט, דרעהט זיך, רוהט ניט קיין מינוט,
די עלענבויגען פליהען שלאָגענדיג איהר זייט
און זי איז טיף פאַרטון זיך שטריקענדיג איהר זאָק.

די קאָמישסטע טייל פון אָט דער סאַטירע זיינען די שורות
וועלכע — צי דער שרייבער האָט עס געטאָן בכיון אָדער ניט —
לעזען זיך ווי אַ פּאַראָדיע פון דער גוט־באַקאַנטער רוימישער עלע־
גיע וואָס געטע פּויקט מיט זיינע העקזאַמעטרישער פערזען־מאָס
„לייזע מיט פינגערנדער האַנד" אויפ'ן רוקען פון זיין געליבטער:

Einst als des Thorus heilig Lager uns umfing,
Am Himmel glanzvoll prangte Lunas Keuscher Schein,
Der goldnen Aphrodite Gab erwunschend mir,
Von silberweissen armen ich umflochten lag.
Schon denkend, welch ein Wunderkind so holder Nacht,
Welch Vaterlandserretter, kraftgepanzert, soll
Dem zarten Leib entspriessen nach der Horen Tanz,
Fuhl ich am Rucken hinter mir gar sanften Schlag:
Da wahn ich, Liebsgekose neckt die Schulter mir,
Und lachle fromm die susse Braut und sinnig an:
Bald naht mir der enttauschung graussen Hollenschmerz
Das Strickzeng Tanzt auf meinem Rucken thatig fort;
Ja, stand das Werk just in der Ferse Bengung, wo
Der Kundigste, ob vielem Zahlen, selber pfuscht.'' 1)

בעת מען פירט אוועק אַזוי ווייט דעם קולט פון ניצליכקייט,
קענען מיר שוין פאַרשטעהן די פאַרטיידיגונג פון צוועקלאָזיגקייט.

---

*) „דאָס הייליגע חתונה־געלעגער נעמט אונז אויף,
אין הימעל שימערט ליכטיג לונא'ס פרומער שיין.
איך ליג אין זילבער־ווייסע אָרעמס איינגעשפּינט,
און בעט אויף גוטסקייט פון דער גאָלד'נער אַפראָדיט,
און טראַכט וואָס פאַר אַ וואונדער־קינד אין אַזאַ נאַכט,
וואָס פאַר אַ גואל, וואָסער קראַפט־געפּאַנצערט האַרץ
ס'וועט נאָכ'ן האָרען־טאַנץ פון צאַרטען לייב אַרויס.
און טראַכטענדיג האָב איך אַ לייכטען קלאַפּ דערשפּירט.
איך שטעל מיר פאָר מיין ליבסטע גלעט מיין אַקסעל מיר,
איך שמייכעל צו מיין כלה שטיל, באַדייטונגפול.
נאָר גלייך, און כ'פיהל אַ טיפען וועה, איך בין גענאַרט,
איהר שטריקגעצייג גאָר אויף מיין פּלייצע טאַנצט אַרום.
נאָך מעהר, זי האָט שוין ביי דער פּיאַטע וואו, מעגסט זיין
כאָטש ווי געניט, און ציילסט, און פאַלסט אַדורך.

אָבער צוועקלאָזיגקייט און ליידיג־געהערייו זיינען אומצע־
טיילבאר. „בלויז איטאַליענער, הערען מיר, ווייסען ווי אזוי צו
גהען, און בלויז אָריענטאַלען — ווי אזוי צו זאָגען ליגען; און וואו
האָט זיך די מענשליכע נשמה אנטוויקעלט מיט מעהר פיינקייט און
ליבליכקייט ווי אין אינדיען? און אין יעדען לאַנד זעהען מיר, אז
ליידיג־געהעריי טיילט אָפּ די געהויבענע פון די פשוט'ע, און דער־
פאַר איז זי דער תוך פון געהויבענקייט".

די דאָזיגע לעצטע באַהויפּטונג איז אַ שענדליכע, אָבער שוין
די חוצפּה דערפון איז וויכטיג. זי באַווייזט די שטעלונג פונ'ם ראָ־
מאַנטיזם צו די מאַסען. לויט זיין אָפּשאַצונג איז דאָס, וואָס מען
האָט די מעגליכקייט גאָר ניט צו טאָן, דער אמת'ער פּאַטענט אויף
נאָבעלקייט, זיינע העלדען זיינען די וועלכע אנטוויקלען די קונסטען
וועלכע צאָלען זיך ניט, און זיי ווערען געשטיצט פון אנדערע —
קעניגען און ריטער אזעלכע ווי אין פוקיי'ס און אינגעמאַנ'ס ביי־
כער, אַרטיסטען און פּאָעטען אזעלכע ווי אין טיק'ס און נאָוואַ־
ליס'עס ווערק. דער ראָמאַנטיזם זונדערט זיך אָפּ פון דער מענש־
הייט, ער וויל פאַר איהר גאָר ניט טאָן, נאָר בלויז פאַר די עטליכע
אויסדערוועהלטע. דער העלד און די העלדין אין „לוצינדע" זיינען
דער באַגאַבטער אַרטיסט און די גאונ'ישע פרוי. ביי זיי קומט ניט
פאַר קיין געוויינליכע פאַראייניגונג, נאָר אַ „נאַטור־חתונה", אָדער
אַ „קונסט־חתונה" (Naturehre, Kunstehe) צו וועלכער זיי
ציהען אונזער אויפמערקזאַמקייט. באַמערקט ווי יוליוס פרעגט
גלייך לוצינדע'ן צי זייער קינד, אויב עס וועט זיין אַ מיידעל, זאָל
מען לערנען זיין אַ פּאָרטרעטען מאַלערין אָדער אַ לאַנדשאַפט מאַ־
לערין. איהרע עלטערן פאַראינטערעסירען זיך מיט איהר בלויז
ווי מיטגלידער פון דער קינסטלער געזעלשאַפט. בלויז שרייבער און
אַרטיסטען האָבען אַ חלק און אַ נחלה אין דער פּאָעזיע פון לעבען.

עס איז ניט שווער צו פאַרשטעהן ווי עס קומט, אז „לוצינדע"
זאָל ניט האָבען קיין שום געזעלשאַפטליכע רעזולטאַטען. אָבער
כאָטש דאָס בוך האָט ניט געהאַט קיין שום פּראַקטישען פּועל־
יוצא, כאָטש עס איז געווען צו שוואַך ארויסצוברענגען וואָסער ניט
איז רעפאָרם, האָט עס זיך דאָך געשטיצט אויף אַ פּראַקטישען
גרונד.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף די הויפּט כאַראַקטערן. זיי
שטאַרען זעהר בולט אַרויס פון אַ הינטערגרונט פון טיפּסטען
שפּאָט אויף דער גאַנצער פּראָזע פונ׳ם ווירקליכען לעבען און אַלע
געזעלשאַפטליכע מנהגים. דאָס בוך שעמט זיך באין אופן ניט
מיט זיינע עראָטישע טעאָריעס; אין זיין באַוואוסטזיניגער רייג־
קייט פיהלט עס זיך העכער פון די אורטיילען פונ׳ם המון: „ניט
בלויז דער קעניגליכער אָדלער וואַגט זיך אויסצולאַכען פונ׳ם גע־
שריי פון די ראָבען; אויך דער שוואַן איז שטאָלץ און שענקט
פונקט אַזוי ווייניג אויפמערקזאַמקייט. ער זאָרגט זיך נאָר, אַז
זיינע ווייסע פליגעל זאָלען ניט פאַרלירען זייער ליכטיגקייט;
זיין איינציגער פאַרלאַנג איז צו קלאַפּען רוהיג אָן לעדאַ׳ס ברוסט,
און אַרויסאָטעמען דורך געזאַנג אַלץ וואָס איז שטערבליך אין
איהם.״

יוליוס איז אַ צעבראָכענער מענש, אַן אַרטיסט, נאַטירליך. עס
ווערט דערצעהלט אין די „לעהריאַרע דער מענליכקייט״ — דאָס
קאַפּיטעל וואָס אַנטהאַלט דאָס, וואָס פלאָבער רופט אָן „די סענ־
טימענטאַלע ערציהונג״ — אַז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם
איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געקענט שפּיעלען „פאַראָ״ (אַ מין
קאָרטען־שפּיל) מיט גאַנץ ליידענשאַפטליכער זשעדנעקייט, און
דאָך זיין אין דער אמת׳ן צעטראָגען און אומפאָרזיכטיג; ער וואָלט
אַלץ געוואַגט אין דער היץ פון מאָמענט, און אַזוי שנעל ווי ער
האָט פאַרלאָרען, האָט ער זיך גלייכגילטיג אָפּגעקערט דערפון. אַזאַ
שטריך מעג זיך ניט אַרויסרופען אונזער באַוואונדערונג, אָבער יע־
דענפאַלס שאַפט ער אַ גאַנץ באַשטימטען איינדרוק פון אַן עולם־
הזה׳דיגען, אָפּגעלעבטען יונגען מאַן, וועלכער, ניט פיהלענדיג קיין
שטאַרקע אָנרעגונג צו ווערען טעטיג, זוכט אַ רעש׳יג לעבען אין
דערווייל פירט ער אַ לעבען פון אומפאָרזיכטיגער, קאַלטער, פאַר־
צווייפעלטער ליידיג־געהעריי. די געשיכטע פון זיין אַנטוויקלונג
ווערט אָנגעצייכענט, ווי עס טרעפט אָפט מיט יונגע לייט, דורך
אַ כסדר׳דיגער רייהע פרויען־נעמען.

ווען די דערמאָנטע פרויען האָבען מיר בלויז זעהר לייכטע
שטריכען, ווי די בלייפעדער צייכנונגען אין אַן אַלבאָם. איינער
פון אָט די אַריינפיר־פּאָרטרעטען איז דאָך מעהר אויסגעאַרבייט

ווי די איבעריגע. דאָס איז די „קאמיליען־דאמע", וועלכע איז פארזונקען אין אָריענטאַלער פוילקייט און וועלכע, פּונקט ווי די אָריגינעלע „קאמיליען־דאמע" הייבט זיך אויף איבער איהר פּאַזיציע מיט אַווירקליכע לײַדענשאַפט און שטאַרבט ווען אַי מען פאַרשטעהט זי ניט, אַי מען גלויבט איהר ניט. זי שטאַדבט דורך איהר אייגענער האַנט, מאַכט אַ גרויסאַרטיגען ארויסטריט פון לעבען, און זי ערשיינט פאַר אונז — בעת זי ווערט געשילדערט זיצענדיג אין איהר פּריוואַט־צימער מיט די הענט אויף דער שויס, ארומגערינגעלט מיט גרויסע שפּיגלען און אײַנאָטעמענדיג פאַרפומען — ווי אַ לעבעדיג אָפּבילד פון עסטעטישער שברות, פון זעלבסט־פאַרטראַכטקייט און זעלבסט־אַריינגעטונקייט, וואָס איז געווען די לעצטע אַנטוויקלונג פונ'ם ראָמאַנטיזם. איבערלעבענדיג אַ סך עראָטישע פּאַסירונגען, וועלכע זיינען אַלע געווען שרעקליך עקעלדיג, באַקענט זיך יוליוס ענדליך מיט זיין ווייבליכער דערגענצונג, מיט לוצינדע'ן, וואָס איהר איינדרוק מעקט זיך ביי איהם קיינמאָל ניט אָפּ. „אין איהר האָט ער באַגעגענט אַ יינגענדליכען אַרטיסט" (פאַרשטעהט זיך!), „וועלכע האָט, פּונקט ווי ער, ליידענשאַפטליך פאַרגעטערט שעהנקייט און געליבט די נאַטור און איינזאַמקייט. אין איהרע לאַנדשאַפטען האָט מען געפיהלט אַ פרישען אָטעם פון אמת'ער לופט. זי האָט ניט געמאָלט כדי צו פאַרדינען אויף חיונה אָדער זיך פאַרפולקאָמען אין דער קונסט" (מען דאַרף בשום אופן ניט קיין צוועק אָדער ניצליכקייט!) „נאָר בלויז צוליעב פאַרגניגען" (דילעטאַנטיזם און איראָניע!). „איהרע ווערק זיינען געווען לייכטע וואַסער־קאָליר צייכענונגען. עס האָט איהר געפעלט די געדולד און די התמדה, וואָס עס פאָדערט זיך צו לערנען אייל־מאַלעריי" (קיין התמדה! ...) „לוצינדע האָט געהאַט אַ באַשטימטע נייגונג צום ראָמאַנטישען" (נאַטירליך, זי האָט דאָס געהאַט; זי איז די פאַרקערפּערונג פונ'ם ראָמאַנטיזם!). „זי איז געווען איינע פון די, וואָס לעבען ניט אין דער געוויינליכער וועלט, נאָר אין אַ וועלט וואָס זיי אַליין באַשאַפען... מיט דרייסטער אַנטשלאָסענקייט האָט זי איינגעריסען מיט אַלע קאָנווענציעס, אָראָפּגעוואָרפען אַלע קייטען, און געלעבט אין פולשטענדיגער פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט". פונ'ם מאָמענט

ווען יוליוס באַגעגענט זי, ווערט זיין קונסט אויך ווארעמער און באַגייסטערטער. ער מאָלט די „נאַקעטע" מיט „אַ שטראָם באַלע־בענדיג ליכט"; זיינע פיגורען „זיינען געווען ווי באַלעבטע פלאַנ־צען אין מענשליכע פאָרמען."

ביי יוליוס'ן און לוצינדע'ן פליסט דאָס לעבען גלאַט און מע־לאָדיש, „ווי אַ שעהן ליד" אין אַ בענקשאַפט וואָס וועקט זיך תמיד אויף און ווערט באַפרידיגט. די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ אין אַ מין סטודיאָ, וואו דאָס מאָל־ברעט שטעהט לעבען דעם שלאָף־שטיבעל. לוצינדע ווערט אַ מוטער, און זייער פאַראייני־גונג איז איצט די „נאַטור־חתונה" Naturehe „פריהער האָט אונז פאַראייניגט ליבע און ליידענשאַפט. איצט האָט די נאַטור אונז נעהנטער פאַראייניגט. דאָס געבורט פונ'ם קינד גיט די עלטערן „בירגערליכע רעכט אינ'ם נאַטור צושטאַנד" (מסתמא רוסאָ'ס), די איינציגע בירגערליכע רעכט, וואָס האָבען, ווי עס ווייזט אויס, פאַר זיי געהאַט אַ ווערט. די ראָמאַנטיקער זיינען געווען פונקט אַזוי גלייכגילטיג צו געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע רעכט ווי קירקעגאַרד'ס העלד, וועלכער האָט גע־דענקט אַז מיר דאַרפען זיין צופרידען וואָס עס זיינען דאָ געוויסע מענשען, וועלכע ווילען הערשען און דערמיט באַפרייען אַלע אי־בעריגע פון אָט דער אַרבייט.

קאַפּיטעל 7.

„לוצינדע" אוןווירקליכע לעבען.

פּאַולינע וויזעל און איהרע באַוואונדערער; מענדעלזאָנ'ס טאָכ־טער, דאָראָטעאַ, דער אָריגינאַל פאַר לוצינדע'ן; פרידריך שלע־געל'ס ליבע צו דאָראָטעאַ'ן; דער איינדרוק פון „לוצינדע" אויף שלייערמאַכער'ן; פרידריכ'ס מיינונגען איבער פרויען; שלייער־מאַכער'ס פאַרטיידיגונג פון „לוצינדע"; דאָראָטעאַ'ס ראָמאַן „פלאָרענטין"; פיכטע'ס פריינדשאַפט; קאַראָלינע; קאַראָלינע, שלעגעל און שעלינג; קאַראָלינע'ס גייניאַלע טאָכטער.

הינטער אָט דעם אומקלאָרען בילד איז געלעגען אַ פיעל באַ־שטימטערע אָנגעצייכענטע ווירקליכקייט. דאָס יוגענדליכע לע־בען פונ'ם העלד האָט גאַנץ גענוי אַנטשפּראָכען, ווי פרידריך שלעגעל'ס בריף ווייזען, דאָס לעבען פונ'ם שרייבער. אין יענע צייטען איז בערלין נאָך ניט געהאַט געוואָרען פרום, נאָר איז גע־ווען, לויט עדות פון יענער צייט, אַ סאָרט ווענוס־בערג, צו וועלכען קיינער קען זיך ניט דערנעהנטערן אָהן אַ שטראָף. די ביישפּילען פון קעניגליכען הויף האָבען גע'כשר'ט יעדען סאָרט מאָראַלע צעלאָזענקייט. די התלהבות פאַר קונסט און ליטעראַטור האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער אָפיציעלער מאָראַל, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אַזוי מעכטיג, נאָר פון וועלכער מענ־שען האָבען זיך שנעל גענומען באַפרייען. אין הערבסט פון 1799, דאָס יאָר ווען „לוצינדע" איז ערשינען, האָט פרידריך שלעגעל געשריבען צו שלייערמאַכער'ן: „מענשען האָבען זיך אַזוי שענדליך אויפגעפירט, אַז שעלינג האָט באַקומען אַ נייעם אָנפאַל פון זיין אַלטען ענטוזיאַזם פאַר אַפּיקורסות און וואָס איך אונטערשטיץ איהם מיט מיין גאַנצען כח. ער האָט אָנגעשריבען אַ וידוי וועגען זיין גלויבען אינ'ם סטייל פון האַנס זאַקס־געטע. דאָס איז געווען „דער ווידערפּאָרסט."

''Kann es furwahr nicht langer ertragen,
Muss wieder einmal um mich schlagen,
Wieder mich ruhren mit allen Sinnen,
So mir dachten zu entrinnen
Von den hohen, uberirdischen Lehren,
Dazu sie mich wollten mit Gewalt bekehren
Darum, so will auch ich bekennen
Wie ich in mir es fuhle brennen,
Wie mirs in allen Adern schwillt,
Mein Wort so viel wie anderes gilt,
Da ich in los und guten Stunden
Mich habe gar trefflich befunden,
Seit ich gekommen ins klare,
Die Materie sei das einzig Wahre.
Halte nichts von Unsichtbaren,
Halt mich allein am offenbaren,
Was ich Kann riechen, schmecken, fuhlen,
Mit allen sinnen drinnen wuhlen.
Mein einzig' Religion ist die,
Das ich liebe ein schones Knie,
Volle Brust und schlanke Huften,
Dazu blumen mit sussen Duften,
Aller Lust volle Nahrung,
Aller Liebe susse Gewahrung.
D'rum, sollts eine Religion noch geben
(Ob ich gleich kann ohne solche leben)
Konnte mir vor den andern allen
Nur die katholische gefallen,
Wie sie war in den alten Zeiten
Da es gab weder Zanken noch Streiten
Waren alle ein Mus und Kuchen
Thatens nicht in der Ferne suchen,
Thaten nicht nach dem Himmel gaffen
Hatten von Gott'nen lebend'gen Affen,
Hielten die Erde furs Centrum der Welt,
Zum Centrum der Erde Rom bestelt,
Darin der Stathalter residirt
Und der Welttheile Scepter fuhrt

Und lebten die Laien und die Pfaffen
Zussamen wie im Land der Schlaraffen,
Dazu sie im hohen Himmelhaus
Selber lebten in Saus und Braus,
War ein taglich Hochzeithalten
Zwischen der Jungfrau und dem Alten.'' *)

---

*) כ׳קען עס מעהר שוין ניט פאַרטראָגען
ווידער, ווידער מוז איך לעבען,
לעבען פריי מיט אַלע חושים,
וועלכע, ווי עס האָט געדוכט מיר,
זיינען גאָר אַוועקגעלאָפען
פון די הימליש־הויכע חכמות
צו וועלכע ס׳האָבען מיך די חושים
מיט געוואַלט געוואָלט באַקערען.
אָבער לאָמיך אָפען זאָגען
כ׳פיהל אין האַרץ ביי מיר אַ פייער,
האַסטיג שטראָמט דאָס בלוט אין מיר.
מיין וואָרט איז שטאַרק ווי יעדען איינעמס
אין העלע און אין טריבע שעה׳ן
פיהל איך מיך באַלעבט און מונטער,
זינט עס איז מיר קלאָר געוואָרען
אַז אמת איז בלויז די מאַטעריע.
כ׳זאָרג זיך גאָר ניט וועגען זאַכען
וואָס מען קען ניט זעהן, איך האַלט בלויז
פון דעם אָפענעם און קלאָרען,
וואָס איך קען פאַרזוכען, שמעקען,
שפּירען, און דערינען לעבען
מיט די חושים מיינע אַלע.
מיין איינציגע רעליגיע איז,
וואָס איך ליב די שעהנע קניה
פולע ברוסט און שלאַנקע היפטען,
בלומען פול מיט זיסע ריחות,
און באַפרידיגט זאָלען ווערען
די פאַרלאַנגען מיינע אַלע,
אַלץ וואָס ליבע קען נאָר געבען,
איז שוין יאָ דאָ אַ רעליגיע
(כאָטש איך קען אָהן איהר אויך לעבען)
קען מיר בלויז פון אַלע גלויבענס

אַזאַ ליד פון אַזאַ האַנט איז אַן עכטער באַווייז פון'ם גייסט פון דער צייט; און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז ווען ווילהעלם שלעגעל (האַנדלענדיג לויט געטע'ס עצה) זאָגט זיך אָפּ צו פאַרעפענטליכען דאָס ליד אין „אַטענעאום", שרייבט נאָוואַליס, אויף וועמען דאָס ליד האָט זיך ספּעציעל באַצויגען, „איך קען ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס מען זאָל „דעם ווידערפאָרסט" ניט דרוקען. איז עס צוליעב זיין אַטעאיזם? דערמאָנט זיך נאָך אָן „די געטער גריכענלאַנדס".

די מאָדעס זיינען געווען רעוואָלוציאָנער — דעקאָלטירטע בלוזקעס, אָריענטאַליש פלאַטערנדיגע קליידער. די שפּראַך פון די באַקאַנטסטע יונגע פרויען פון יענער צייט איז געווען צו פריי. וועגען קיינעם האָט מען דעמאָלט ניט מעהר גערעדט צוליב פרויען־שעהנקייט ווי וועגען פאַולינע וויזלען. איהר מאַן איז געווען אַ זעהר אינטעליגענטער מענש, וואָס זיין סקעפּטיציזם אין סאַטירי־שער, ציניש שאַרפזין האָט געמאַכט אַ טיפע, אומרוהיגע וויר־

דער קאַטוילישער געפעלען,
ווי ער איז אַמאָל געוועזען,
אָהן מחלוקת און מלחמות,
ווען געוועזען זיינען אַלע
אויסגעקנאָטען פון איין טייג,
ניט געזוכט קיין ווייטען „עפּעס",
ניט געקוקט פאַרבענקט אין הימעל,
געהאַט גאָט'ס לעבעדיגע אָפּבילד,
און געגלויבט אַז אונזער ערד
איז דער צענטער פון דער וועלט
און דער צענטער פון דער ערד,
איז רוים, דאָס וואוינאָרט פון'ם הערשער
וואָס האַלט דעם סצעפּטער פון דער וועלט.
די גלחים און די מאַסען
האָבען דאַן געלעבט צוזאַמען
ווי מען לעבט אין אַ גן עדן.
חוץ דעם איז גאָט'ס הויז געוועזען
פול מיט שכרות, פריי און לוסטיג,
אַן אייביגע חתונה געוועזען
צווישען מיידלעך און זקנים.

קונג אויפ'ן יונגען טיק (ער איז געווען דער מאָדעל פון טיק'ס אבדאלא און וויליאם לאָוועל); און זי איז געווען איינע פון פרינץ לואי פערדינאנד'ס פיעלע געליבטע. די צוגעבונדענקייט פונ'ם צעלאָזענעם יונגען פרינץ, וואָס איז אין דאָזיגען פאַל געווען אַן אמת'ע ליידענשאפט, פלאַקערט נאָך אין זיינע בריף. איינער פון יענער צייט שרייבט וועגען איהר: „איך קוק אויף איהר ווי אויף א גריכיש־מיטאָלאָגישער ערשיינונג. אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט איז געגאַנגען איבער דרייסיג מייל זי צו זעהן. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, אַז די פאַרבינדונג, דורך וועל־כער פאַולינע וויזעל האָט זיך קאָמפּראָמיטירט האָט ניט ארויסגע־רופען קיין פאָרוואורף צווישען איהרע אינטעליגענטע פרויען־פריינד. די צנועה'דיגע ראהעל, למשל, האָט פאַר איהר קיין שלעכט וואָרט ניט געהאַט; עס דוכט זיך גאָר אויס, אַז זי האָט פאולינע'ן מקנא געווען. אַלס א יונג מיידעל שרייבט זי אין פאַר־צווייפלונג: „אַלע מיטלען זיינען דאָ, יעדע מעגליכע צוגרייטונג פאַר'ן לעבען, און דאָך קען מען קיינמאָל ניט לעבען; איך וועל קיינמאָל ניט לעבען, און די וואָס וואָגען יאָ צו לעבען, האָבען די צרה'דיגע וועלט, די גאַנצע וועלט, אַנטקעגען זיך.״

דער אָריגינאַל פאַר לוצינדע'ן איז אָבער זיכער געווען הע־כער פון איהר פּאָרטרעט, א פרוי פון א פיעל איידעלערן סאָרט. זי איז געווען א מיטגליד פון ראהעל'ס קרייז, דער קרייז פון קלוגע, יונגע, אידישע טעכטער, וועלכע האָבען דעמאָלט פאָרגעשטעלט דאָס איידעלסטע, פרייסטע אינטעלעקטועלע לעבען פון בערלין — א היסטאָריש וויכטיגער קרייז, ווייל ער איז געווען דערווייל דער איינציגער צו באפעסטיגען געטע'ס רום און האָט איהם אָפּ־געגעבען פיעל כבוד *). די דערמאָנטע פרוי איז געווען משה מענ־דעלזאָנס קלוגע, זעלבסטשטענדיגע טאָכטער, דאָראָטעא, וועלכע, בדי צופרידענצושטעלען איהרע עלטערן, האָט געגעבען איהר האַנט דעם באַוואוסטען באַנקיר, פייט. ניט איהר שעהנקייט נאָר איהר קלוגשאפט און שאַרפער שכל האָבען געפאַנגען פרידריך שלעגלען. ער איז דעמאָלט אַלט געווען פינף און צוואַנציג יאָהר, זי — צוויי

* Kopke: Tiecks Leben I, 193.

און דרייסיג. עס איז ניט געווען קיין שום לײדענשאַפטליכקייט אָדער לייכטזיניגקייט אין איהר אויסזעהן אָדער אין איהרע מאַניערען. זי האָט פאַרמאָגט גרויסע, דורכדרינגענדיגע אויגען און אַן אויסדרוק פון מענשליכער שטרענגקייט. אין זיינע בריעף צו זיין ברודער ווילהעלם, לויבט פרידריך שלעגעל „איהר עכטקייט". „זי איז, זאָגט ער, זעהר אָפענהאַרציג און עס אַרט איהר גאָר ניט אַ חוץ ליבע, מוזיק, שאַרפזין און פילאָזאָפיע". אין 1789 האָט זיך דאָראָטעא גע׳ג׳ מיט איהר מאַן און אַוועק מיט שלעגלען קיין יענא. אַרום דער צייט שרייבט פרידריך שלעגעל: „עס איז קיינמאָל ניט געווען אונזער כונה זיך צו פאַרבינדען דורך אַ חתונה־קאָנטראַקט, כאָטש איך האָב שוין איינגעזעהן, אַז עס איז אוממעג־ליך, אַז עס זאָל אונז וואָס ניט איז צעשיידען, סיידען דער טויט. אויסרעכענונגען און צופּאַסונגען צו דער איצטיגער אָדער שפּע־טערדיגער צייט זיינען מיר ניט ליב, פון דעסטוועגען, אויב די פאַרהאַסטע צערעמאָניע איז דער נויטיגער תנאי פון אונזער צו־זאַמענלעבען, וועל איך האַנדלען לויט די פאָדערונגען פונ׳ם מאָ־מענט און וועל מקריב זיין מיינע טייערסטע מיינונגען".

אין דער איינאָרדנונג פון זייערע באַציהונגען האָט קיינער פון זייערע נאָהענטסטע זיי ניט מעהר געהאָלפען ווי זייער פריינד, דער גייסטליכער שלייערמאַכער. אויף קיינעם פון שלע־געל׳ס פריינד האָט „לוצינדע" ניט געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינ־דרוק ווי אויף איהם. שלייערמאַכער איז דעמאָלט געווען אַ גייסטליכער אין דער בערלינער שאַריטיי קירך. אַ לאַנגע צייט האָט ער נאָכגעפאָלגט פרידריכ׳ס פרייהייטליכע שטרעבונגען מיט וואַרימער סימפּאַטיע, אפילו מיט באַוואונדערונג. אין זיין עסיי „איבער דיאָטימאַ׳ן" פונקט ווי אין זיין גרויזאַמער קריטיק איבער שילער׳ס „ווירדע דער פראַוען", האָט פרידריך אַטאַקירט די טראַדיציאָנעלע אויפפאַסונג וועגען דעם פּלאַץ פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט. ער האָט אָפען געהאַסט די געוויינליכע חתונה, וואו דאָס פּאָרל „לעבט זיך צוזאַמען מיט אַ געפיהל פון גענענזיי־טיגען האַס, ער זעהט אין איהר בלויז איהר געשלעכט, זי אין איהם — זיין געזעלשאַפטליכע לאַגע, אוןביידע זעהען אין זייערע קינדער זייער אייגענעם פּראָדוקט און אייגענטום". ער האָט

פאַרלאַנגט אַ מאָראַלע און אינטעלעקטועלע עמאַנציפּאַציע פון פרויען. אינטעלעקט און קולטור צוזאַמען מיט ענטוזיאַזם זיינען געווען די אייגענשאַפטען וואָס האָט אין זיינע אויגען געמאַכט די פרוי באַליבט. ער האָט חוזק געמאַכט פונ׳ם געוויינליכען אידעאַל פון ווייבליכקייט. ער שרייבט מיט ביטערקייט וועגען דער נאַרישקייט און דער פאַרברעכערישקייט פון די מענער וועלכע פאָדערען פון פרויען עם הארצות און צניעות, וואָס דורך דעם צווינגט מען זיי צו אַ געמאַכטער צניעות. אַ געמאַכטע צניעות איז אַ פאַלשע פרעטענזיע אויף אומשולד. אמת׳ע אומשולד אין פרויען, האַלט ער, איז אַבסאָלוט אין הסכם מיט אינטעלעקטועלער קולטור. זי עקזיסטירט וואו עס איז נאָר דאָ אַ רעליגיע, ד. ה. אַ פעהיגקייט פאַר ענטוזיאַזם. די אידעע אַז דער איידעלער, אויפגעקלערטער פרייער געדאַנק פאַסט וויניגער פאַר פרויען ווי פאַר מענער איז איינס פון די פיעל באַנאַליטעטען וועלכע רוסאָ האָט פאַרשפּרייט. „די שקלאַפעריי פון די פרויען” איז איינע פון די קללות פון דער מענשהייט. אַלס שרייבער איז זיין העכסטער פאַרלאַנג געווען, ווי ער דריקט זיך נאַאיוו אויס „צו גרינדען אַ מאָראַל־סיסטעם”. די אָפּאָזיציע צו פּאָזיטיווע געזעצען און קאָנווענציאָנעלע אידעען וועגען רעכט, רופט ער „דער ערשטער מאָראַלער אימפּולס” וואָס דער מענש האָט דערפיהלט.

אין זיין „פערנונפטס קאַטעכיזמוס פיר איידלע פראַוען”, אַ טייל פון וועלכער איז ערשינען אין דעם „אַטענעאום”, שרייבט שלייערמאַכער פונקט אינ׳ם זעלביגען גייסט, רופענדיג די פרויען זיך צו באַפרייען פון די קייטען פון זייער געשלעכט. נאָך מעהר, ווי אומגלויבליך עס זאָל ניט קלינגען, איז עס זעהר מעגליך (ווי היים האָט באַוויזען) אַז פרידריך שלעגעל׳ס אָפט ציטירטער אויסדרוק, אַז עס איז ניטאָ קיין שום ערנסט־וויכטיגע זאַך אויסצוזעצען אַנטקעגען „אַ חתונה פון פיער”, שטאַמט פון שלייערמאַכער׳ן. דאָס איז געצילט אַנטקעגען די שפל׳ע און פאַלשע חתונות, אַנטקעגען די „אומערפאַלגרייכע פאַרזוכען חתונה צו האָבען”, וועלכע דער שטאַט, אין זיין נאַרישקייט, מאַכט פאַר אַ חוב און וועלכע שטערען די מעגליכקייט פון דער אמת׳ער הייראַט. דער שרייבער פונ׳ם פראַגמענט וואו דער אויסדרוק געפינט זיך

באַמערקט אַז מייסטע חתונות זיינען בלויז אַן הכנעה און האָבען בלויז אַ ווייטע ענליכקייט צו דער אמת'ער הייראַט. און שלייערמאַכער שרייבט אין זיינע „בריף" אַז אַ סך פאַרזוכען זיינען נויטיג, און „ווען עס זאָלען זיך צוזאַמענגעמען פיער אָדער פינף פּאָרלעך וואָלטען געקענט ארויסקומען ווירקליך גוטע הייראַטען, בתנאי מען זאָל זיי לאָזען זיך בייטען."

די גרונד אורזאַך פאַר דעם וואָס שלייערמאַכער אינטערעסירט זיך וואַרעם מיט פרידריכ'ן און דאָראָטעאַ'ן. קען מען בלי ספק געפינען אין זיין אייגענער לאַגע און אין די אומשטענדען פון יענער צייט. אַ געטרייע צוגעבונדענקייט האָט עקזיסטירט צווישען איהם און עלעאָנאָרע גרונאָוו'ן, די קינדערלאָזע און זעהר אומגליקליכע פרוי פון אַ בערלינער גייסטליכען.

עס האָט זיך שלייערמאַכער'ן אויסגעוויזען, אַז דער אַלגעמיינער צאָרן וואָס „לוצינדע" האָט ארויסגערופען איז מייסטענס געווען אַ געמיש פון פיליסטערשער און פאַנאַטישער עם הארצות. די זעלביגע מענשען וועלכע האָבען דאָס בוך פאַרשריען האָבען זיך נעקוויקט מיט ווילאַנד'ס און קרעביאָנ'ס אוממאָראַלע מעשיות. „עס דערמאָנט מיך, זאָגט ער, אָן די פּראָצעסען פאַר כישוף-מאַכעריי, וואו בייזוויליגקייט האָט פאָרמולירט די שולד און פרומע נאַרישקייט האָט אויסגעפירט דעם פּסק". אָבער דאָס וואָס עס האָט איהם געבראַכט זיך אזוי היים אָנצונעמען פאַר דעם פאַרפאָלגטען פּאָר פּאָלק, דערציילט ער אַליין, איז געווען דער פאַקט אַז די מייסטע פון די, וועלכע האָבען געמאַכט געוואַלטען אַז זייער מאָראַל איז באַליידיגט, האָבען פּשוט געזוכט אַן אַנטשולדיגונג אָנצופאַלען פּערזענליך און פּריוואַט אויף שלעגעל'ן.

אין דאָראָטעאַ'ס שוואַכען גוף האָט געלעבט אַן אומבאַזיגבאַרער גייסט. זי האָט מוטיג פאַרטראָגען אַלץ וואָס איז אויף איהר געקומען צוליב דעם וואָס זי האָט איגנאָרירט די קאָנווענציאָנעלע מאָראַל; מען האָט זי פּריוואַט פאַרדאַמט און עפענטליך פאַרשעמט אין דער פאָרם פון אָנצוהערענישען אין די אָנפאַלען אויף „לוצינדע". זי האָט ארויסגעוויזען די דויערליכסטע איבערגעבענהייט צום מאַן וועלכען זי האָט אויסגעקליבען און אַ געטרייישאַפט, וואָס קוקט ניט אויף פּערזענליכע קרבנות. זי האָט זיך

ניט נאָר באטייליגט אין זיינע אינטערעסען און צילען, זי האָט אויך אראָפגעשלונגען זיין שטרענגקייט און אָהן טענות זיך אונ־טערגעגעבען די קאפריזען פונ׳ם קאפריזען־פולסטען געליבטען. ניין, נאָך מעהר ווי דאָס, איהר פיינער טאקט און פרעהליכקייט האָט פארטריבען אלע אומעט־וואָלקענס וועלכע זאמלען זיך צונויף ארום איהר און אנדערע. איהר לעבעדיג געלעכטער האָט ארויס־געבראכט א פארלייכטערונג נאָך שלייערמאכער׳ס חריפות׳דיגע ארגומענטאציעס און פרידריכ׳ס העכערער איראָניע. זייענדיג פריי אין אלע אנדערע הינזיכטען פון ווייבליכער סענטימענטאלי־טעט איז זי געווען אין גאנצען ארייגעטאָן אין דער באוואונדערונג פאר׳ן מענשען וועמען זי ליבט, און מיט דירענדיגער עניוות האָט זי קאָנצענטרירט אין איהם אין גאנצען שטאָלץ. ווען עס ערשיינט איהר ראָמאן „פלאָרענטין“ — א בוך וואָס, ניט קוקענדיג אויף זיי־נע חסרונות, ווייזט ארויס מעהר שאפענדע קראפט ווי יעדעס ווערק פון שלעגלען — איז זי צום מעהרסטען גליקליך און שטאָלץ דער־מיט וואָס זיין נאָמען (אלס ארויסגעבער) געפינט זיך אויפ׳ן פאָ־דערבלאט. זי וויצעלט זיך ווען עס קומט צורייד וועגען איהר ליטערארישער טעטיגקייט. מיט א פארפלאָמט פנים און קלאפענ־דיג הארץ שיקט זי דעם ערשטען באנד פון איהר בוך צו שלייער־מאכער׳ן, און זי שמייכעלט זעהענדיג די צאָלרייכע רויטע שטרי־כען, וועלכע באצירען דעם צוריקקומענדיגען מאנוסקריפט. „דער שלים מזל געפינט זיך תמיד וואו דער דאטיוו אָדער דער אקוזאטיוו דארפען זיין“. דער פאקט אז אויך זי האָט זיך געפיהלט געצוואונ־גען צו שרייבען אין א צייט (ארום דעם יאָהר 1800) ווען אלע ראָ־מאנטיקער, אפילו שלייערמאכער און שעלינג, זיינען באגאנגען ליטערארישע זינד, מאכט זי פאר א מיטגליעד פונ׳ם דייטשישען ראָמאנטישען ליטערארישען קרייז; און, א חוץ דעם איז איהר ראָמאן ווירקליך אן אויסדרוק פון אלע הערשענדיגע אידעען, נאָכ־געמאכט נאָך „ווילהעלם מייסטער“ און „פראנץ שטערנבאלד“, דערהויבענדיג די עטליכע הארמאָניש אנטוויקעלטע אויפ׳ן חשבון פונ׳ם פראָסטען המון, פארגעטערנדיג דאָס פרייע ציגיינער לעבען פון ליידיג־געהעריי און וואונדערבארען לייכטזין, פון צוועקלאָזיג־קייט אין דער סאמע פראָזע פון דער ווירקליכקייט.

דאָראָטעאַ האָט באַשאָנקען איהר העלד מיט כאַראַקטערשטריכען, וועלכע זיינען באַשיינפּערליך געווען גלייך צו פרידריכ'ס לויט ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט פאַר איהרע באַוואונדערנדיגע פרויען אויגען. „ניט קוקענדיג אויף אַ מאָדנער און אָפּט אָפּשטויסיגער האַלטונג פאַרמאָגט ער די פעהיגקייט זיך צו מאַכען באַליבט, און געווינט אַלעמענס הערצער ניט זאָרגענדיג זיך צו ער האָט ערפאָלג צו ניט. עס קאָן גאָר ניט העלפען ווען אימיצער באַוואַפענט זיך מיט זיין גאַנצען שטאָלץ אַנטקעגען איהם. אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן ציהט ער פולשטענדיג צו זיך צו יעדען מענשען. אָפט איז זעהר ביטער ווען מען האָט ניט די פעהיגקייט זיך אַנטקעגען צו שטעלען געגען איהם, וואָרים איהם קען מען ניט געווינען. טיילמאָל דוכט זיך אַזוי ווי ער וואָלט געגעבען זיינע ווערטער אַן אַנדער טייטש ווי זיי האָבען אין דער אמת'ן. טיילמאָל ווען מען זאָגט איהם די בעסטע שבחים, קוקט ער אוים לחלוטין גלייכגילטיג, אַזוי ווי עס וואָלט געווען זעלבסטפאַרשטענדליך. טיילמאָל ווידער, ווען גאַנץ אומגעריכט כאַפּט זיך ביי אייך אַרויס אַ וואָרט אָהן אַ ספּעציעלער כונה, גיט דאָס איהם דאָס גרעסטע פאַרגעניגען; ער געפינט דערין, אָדער ער לייגט דערין אַריין עפּעס אַ מאָדנעם זין... אָבער איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי אָפט ער באַליידיגט ווען ער איז אין געזעלשאַפט".

פלאָרענטינ'ס וידוי, ספּעציעל יענע טייל וואָס דערציילט וועגען זיין הפקר'דיג לעבען אין זיין יוגענד אין ווענעציע, דערמאָנען אונז אויך וועגען פרידריכ'ס יוגענדליך לעבען אין לייפּציג. כאָטש פלאָרענטין איז אַן איטאַליענער, פיהלט ער אַז ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער דייטשישער קונסט און דייטשישע קינסטלער. ער לערנט זיך צייכענען און מאָלען, און ציהט זיין חיונה אָט ווי אַ טאַלאַנטפולער ראָמאַנטיש־דילעטאַנטישער אַרטיסט, און אָט ווי אַ מוזיקער, וועלכער איז ניט ווייניגער ראָמאַנטיש, און וואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף. זיין געבורט איז אַרומגעוויקעלט מיט סודות. ער איז, ווי ער אַליין זאָגט „דער איינזאַמער, דער אויסוואורף, דאָס קינד פון צופאַל. עפּעס אומבאַשרייבליכעס, וואָס איך קען בלויז רופען מזל, טרייבט מיך". ער מיידט אויס יעדע סענטימענ־

טאַלע פאַרבינדונג: „אַליין וועל איך טראָגען די קללה וואָס מען האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפען“ *).

עס איז נויטיג זיך גענוי פאַנאַנדערצוקלייבען אין דער דאָזיגער כאַראַקטעריזאַציע און אָנווייזען אַז זי איז נאַאיוו און שוין צופיעל ראָמאַנטיש. פון דעסטוועגען איז די שרייבערין אין פיעל הינזיכטען העכער פון איהר סביבה, ניט אומזיסט איז זי געווען די טאָכטער פונ'ם ניכטערען, חריפות'דיגען משה מענדעלזאָן.

זי וואָלט זעהר געוואָלט, זאָגט זי, זעהן פרידריכ'ן, דעם ליטעראַרישען קינסטלער, אָבער זי וואָלט איהם נאָך שטאַרקער געליבט אויב זי וואָלט אין איהם געקענט זעהן דעם חשוב'ן בירגער פון אַ גוט איינגעאָרדענטען שטאַט. אין דער אמת'ן דוכט זיך איהר אַז דער כאַראַקטער און די פאַרלאַנגען פון אַלע איהרע רעוואָלוציאָנערע פריינד זיינען אַזעלכע פאַר וועלכע די ליטעראַרישע באַשעפטיגונג, ווי רעצענזיעס א. ד. ג., איז פונקט אַזוי אומפּאַסיג ווי אַ קינדער וויגעל פאַר אַ ריז. איהר אידעאַל איז „געץ פאָן בערליכינגען“, וועלכער האָט זיך גענוצט פאַר דער פעדער בלויז כדי זיך אָפּצורוהען פון דער שווערד.**)

דאָ געפינען מיר ווידער דאָס, וואָס מיר באַמערקען בעת מיר לייענען וועגען פרוי פאָן קאַלב, דהיינו, אַז די פרויען פון יענער צייט האָבען כסדר באַהאַנדעלט פראַגען פון אַ געזעלשאַפטליכען שטאַנדפונקט, בעת די מענער האָבען רק געזוכט צו באַהאַנדלען זיי פון אַ ליטעראַרישען שטאַנדפונקט. זיי האָבען שטאַרקער געפיהלט דעם דרוק פון די דעמאָלטיגע באַדינגונגען, זיי זיינען געווען ווייניגער אָנגערעגט פון צופיעל בוך־לומדות, און האָבען געקוקט אויף זאַכען מיט מעהר פראַקטישקייט ווי די מענער.

די ערשטע וויכטיגע געשעהעניש אינ'ם לעבען פונ'ם יונגען פאָרל איז געווען דאָס, וואָס פיכטע איז געקומען צו פאַרבלייבען ביי זיי. פיכטע'ן האָט מען געהאַט באַשולדיגט אַז ער פרעדיגט אַטעאיזם און זיין פראָפעסאָרישע פּאָזיציע איז געווען אין געפאַר. קאַראָלינע שלעגעל שרייבט צו אַ פריינד: „איך דאַרף

---

*) Florentin, 65, 80, 170, 195, 230, 310.

**) Haym, Die Romantische Schule 509, 525, 663, etc.

ענטפערן אייערע פראַגען בנוגע דער פיכטע אפערע, כאָטש זעהר א שמערצליכע פאַר מיר און פאַר אַלע די, וואָס באַוואונדערען ערנהאַפטע און אָפּענהאַרציגע האַנדלונגען. איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט וואָס צו דענקען וועגען דער ערשטער באַשולדיגונג, געמאַכט פון אַ פאַנאַטישען הערשער און זיינע עצה געבער, וואָס אַ העלפט פון זיי זיינען קאַטאָליקען און די איבעריגע זיינען „מאָראַוויען ברידער”... אָבער פיכטע איז אַזוי פאַרביטערט צו־ליב די פאַרשידענע באַריכטען פון ווייסאַר, אַז זיין לאַגע איז דאָרט אַ שלעכטע, אַ. אַז. וו. אַז ער זאָגט, אַז ער וועט רעזיגני־רען אויב מען וועט איהם מאַכען אַ פאָרוואורף, אָדער בכלל באַ־גרעניצען זיין לערנען... אַלע די, וואָס האָבען עפּעס אַ צד ביי דער רעגירונג, און די פראָפעסאָרען וואָס זיינען פאַרטונקעלט געוואָ־רען פון פיכטע'ן, פאַרדאַמען זיין געוואַגקייט און איבערגעאײלט־קייט. ער איז אַ פאַרלאָזענער, מען מיידט איהם פשוט אויס.”

אין אַ בשותפות'דיגען בריעף פון פרידריכ'ן, שלייערמאַכער'ן, און דאָראָטעאַ'ן, שרייבט די לעצטע אַזוי: „פיכטע'ן איז דאָ גאַנץ גוט; מען לאָזט איהם צורוה. ניקאָליי האָט מודיע געווען, אַז מען וועט איהם לחלוטין ניט טשעפען אַזוי לאַנג ווי ער וועט ניט פּרובירען געבען עפענטליכע לעקציעס; דאָס וואָלט ניט גוט אויפגענומען געוואָרען... איך לעב מיט פיכטע'ן אויסגעצייכענט גוט, פיהל זיך אַזוי היימיש אין זיין פילאָזאָפישען קרייז אַזוי ווי איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואוינט געוואָרען צו עפּעס נידעריי־גערס. כאָטש איך בין נאָך אַלץ אביסעל שרעקעדיג, האָט דאָס אָבער גאָרניט צו טאָן מיט פיכטע'ן פערזענליך, נאָר ניכער, ווי מיר דוכט, מיט מיין אייגענער שטעלונג צו דער וועלט און צו פרידריכ'ן: עס איז אָבער מעגליך אַז איך האָב אַ טעות. איך קען מעהר קיין וואָרט ניט שרייבען, וואָרים מיינע פילאָזאָפען שפּאַנען אַרום אין צימער אַזוי אומאויפהערליך, אַז מיר שווינדעלט פשוט אין קאָפּ.”

דאָ האָבען מיר אַ קליינע פאַמיליען סצענע פון דאָראָטעאַ'ס לעבען אין בערלין. די דריי האָבען זיך געלעבט צוזאַמען אַזוי באַקוועם, אַז פיכטע'ן האָט זיך געוואָלט אַז דאָס זאָל שוין אַזוי בלייבען אויף שטענדיג. ער שרייבט צו זיין ווייב, אַז ער סטאַ־

רעט זיך איבערצורעדען פרידריכ'ן צו בלייבען אין בערלין, און אויגוסט ווילהעלמ'ן און זיין ווייב אז זיי זאָלען זיך אהין אריבער־קלייבען. „אויב מיין פּלאַן גיט זיך איין וועלען די צוויי שלע־געל'ס, שעלינג — וועמען מען דאַרף אויך איבעררעדען אז ער זאָל קומען אהער, — און מיר, שאַפען איין פאַמיליע, דינגען אַ גרויס הויז, נעמען בלויז איין קעכין", א. אז. וו. א. וו.*) דער פּלאַן איז ניט דורכגעפירט געוואָרען. די פרויען פון די צוויי שלעגעל'ס האָבען ניט געשטימט צווישען זיך, אָבער אין דער צייט פון דער גאַנצער זאַך פּאר פיכטע'ן און פונ'ס פאַרדרוס איבער דער עולה וואָס מען איז באַגאַנגען אַנטקעגען איהם, ער־שיינען די פאָלגענדע שורות אין איינעם פון דראָטעאַ'ס בריף ווי אַן אָטעם פון אַן אַנדערער, קומענדיגער וועלט: „מיט'ן גאַנצען האַרצען דאַנק איך אייער מוטער פאַר'ן ליבען בילד פונ'ם היילי־גען. איך האַלט עס אויף אַ פּלאַץ וואו איך קען עס תמיד זעהן. זי אַליין איז טאַקע די הייליגע, וועלכע איך וואָלט תמיד אויס־געקליבען פאַר זיך; זי איז אַקוראַט צוגעפּאַסט צו מיר. די דאָ־זיגע בילדער און די קאַטוילישע מוזיק רירען מיך אַזוי טיף, אַז איך האָב באַשלאָסען, אויב איך וועל ווערען אַ קריסטין, צו זיין אַ קאַטוילישע."**) אין ערגיץ זעהט מען ניט אַזוי בולט אַרויס די רעליגיעזע צעמישעניש וואָס כאַראַקטעריזירט די ראָמאַנטישע שול.

אָבער דאָראָטעאַ איז ניט דער איינציגער פּאָרטרעט אין „לוצינדע". אין משך פון זיין אַנטוויקלונג באַקענט זיך יוליוס מיט אַ וואונדערליכער פרוי, וועלכע ווערט אַזוי געשילדערט: „די דאָזיגע קראַנקהייט איז אויסגעהיילט געוואָרען, איז אַוועק, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן אַ פרוי וועלכע איז געווען זעהר אייגענאַרטיג, און וועלכע איז געווען די ערשטע פולשטענ־דיג צו באַאיינפלוסען זיין נשמה... זי האָט שוין געהאַט געפונען איהר זיווג און זיך אָפּגעגעבען אַ מענשען, וועלכער איז געווען זיין פריינד פונקט ווי איהרער און וועלכער האָט פאַרדינט איהר ליי־בע. יוליוס איז געווען זייער ידיד. ער האָט גענוי געוואוּסט וואָס

*) Caroline I, 254, 259, 261.

**) Caroline I, 393.

עס האָט איהם געמאַכט אומגליקליך, און ער האָט שטרענג גע־אורטיילט איבער זיין אייגענער נידעריגקייט... ער האָט פאַר־טריבען זיין ליבע צוריק אין אַ ווינקעל פון זיין האַרץ, און זאָל זיין ליידענשאַפט שטורמען, ברענען און איהם פאַרצערען. אָבער זיין אויסערליכע פערזענליכקייט האָט זיך היבשליך גע־ביטען. ער האָט אַזוי גוט געקענט אַרויסשטעלען אַ געמאַכטע קינדישע אָפענהערציגקייט און אומשולד און אָננעמען אַ מין ברודערליכע היימישקייט כדי ניט צו דערלאָזען קיין צופיעל סענ־טימענטאַלע ווייכקייט, אַז זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט אויף איהם דעם מינדסטען חשד. זי איז געווען פרעהליך און צוגע־לאָזען אין איהר גליק; זי האָט קיין שום חשד ניט געהאַט און איז פון קיין זאַך ניט אַנטלאָפען, נאָר פריי באַנוצט איהר גאַנצע גראַציע, די גאַנצע געטליכקייט און די גאַנצע קאַפּריזנעקייט פונ'ם פרויען כאַראַקטער האָבען אין איהר געפונען דעם איידעל־סטען, דעם ווייבליכסטען אויסדרוק. יעדע אייגענשאַפט האָט זיך אַנטוויקעלט אַזוי פריי און אַזוי שטאַרק, אַזוי ווי די געגעבענע אייגענשאַפט וואָלט געווען די איינציגע, און די דרייסטע צו־נויפמישונג פון גלייכע עלעמענטען האָט ניט פאַראורזאַכט קיין כאַאָס, ווייל די נשמה וואָס האָט זיי באַגייסטערט איז גע־ווען אַ לעבעדיגער אָטעם פון הארמאָניע און ליבע. אין משך פון איין און דער זעלביגער שעה פלעגט זי אַרויסברענגען עפּעס אַ קאָמישען עפּיזאָד מיט אַ ראַפינירטער זעלבסטשטענדיגקייט פון אַ געענדיגטער אַקטריסע, און לייענען אַ גוטע פּאָעמע מיט פּשוט'ער, האַרציגער פיינקייט. אין אַ געווויסען מאָמענט האָט זיך איהר פאַרוואָלט גלענצען און זיך מאַכען קינדיש אין אַ געזעלשאַפט, אין אַן אַנדער מאָמענט איז זי געווען פול מיט ענטוזיאַזם און פייער, און גלייך פלעגט זי העלפען אַנדערע מיט וואָרט און טאַט, ערנסט, עניוות'דיג און אַנגענעם ווי אַ צאַרטע מוטער. דער אופן ווי זי פלעגט עס דערצעהלען פלעגט יעדען נישטיגען אינצידענט מאַכען אַזוי אַמוזאַנט ווי אַ צויבערדיג מעשה'לע. זי האָט יעדע זאַך באַצירט מיט געפיהל און קלוגשאַפט; זי האָט פאַרמאָגט די פעהיגקייט צו באַנעמען אַלץ און צו פאַרפיינערען אַלץ וואָס זי האָט אָנגערירט. עס איז ניט געווען אַזאַ גרויסע אָדער גוטע

זאַך וואָס זאָל זיין צו הייליג אָדער צו פּראָסט פאַר איהר ליידענ־שאַפטליכער סימפּאַטיע. זי האָט פאַרשטאַנען אפילו דעם לייכט־סטען וואונק און געענטפערט אפילו אויף פראַגען וואָס מען האָט ניט געשטעלט. עס איז אוממעגליך געווען צו האַלטען פאַר איהר לאַנגע רעדעס; זיי האָבען זיך ממילא געביטען אין אינטערע־סאַנטע געשפּרעכען אין משך פון וועלכע עס האָט זיך צעשפּילט אויף איהר איידעלען אויסזעהן א שטענדיג־בייטענדיגע מוזיק פון קלוגע בליקען און ליבליכע אויסדרוקען. לייענענדיג איהרע בריף דוכט זיך אַז מען זעהט די דאָזיגע בליקען און אויסדרוקען. זי האָט געשריבען אזוי לויטער און לעבעדיג אזוי ווי זי וואָלט גערעדט מיט איהר קאָרעספּאָנדענט. די וואָס האָבען בלויז גע־קענט די דאָזיגע זייט פון איהר פּערזענליכקייט וואָלטען געקענט דענקען אַז זי איז בלויז געווען ליבליך, אַז פון איהר וואָלט גע־קענט ווערען א געוואַלטיגע אקטריסע, אַז עס האָבען בלויז גע־פעלט א מעטער און גראַמען כדי איהרע געפליגעלטע ווערטער זאָלען ווערען זעלטענע פּאָעזיע. אָבער די זעלביגע פרוי האָט באוויזען ביי יעדער פּאַסיגער געלעגענהייט דעם אומגעוויינליכ־סטען מוט און ענערגיע; און טאַקע מיט דער הילף פון דער דאָזיגער זייט פון איהר כאַראַקטער, לויט איהר אייגענעם מוטיגען מאַסשטאַב, האָט זי געאורטיילט מענשען.”

אינ׳ם דאָזיגען פּאָרטרעט געפינט זיך מעהר לויב געזאַנג ווי קונסט. סענט בעוו וואָלט אונז געגעבען אַן אַנדער שילדערונג. דער אָריגינאַל פונ׳ם בילד איז אַ פרוי, וועלכע, נאָך דעם ווי זי האָט פאַרעפענטליכט איהרע בריף אונטער׳ן נאָמען „קאַראָלינע״ איז באוואוסט געוואָרען אונטער דעם דאָזיגען, איהר ערשטען נאָמען, אזוי ווי זי וואָלט געווען א קעניגין. עס איז טאַקע געווען לייכטער זי אזוי צו רופען, ווייל זי האָט געהאַט אזוי פיעל ביי־נעמען אַז עס איז געווען שווער צו וויסען ביי וועלכען נאָמען מען זאָל זי רופען. זי איז געווען די טאָכטער פון א גוט באַקאַנטען דייטשישען פילאָלאָג, מיכאַלים. איהר ערשטער מאַן איז געווען אַ דאָקטאָר בעמער. נאָך זיין טויט האָט זי חתונה געהאַט מיט א. וו. שלעגלען, און איהר דריטער מאַן איז געווען שעלינג. די לעצטע צוויי הייראַטען האָבען זי אוועקגעשטעלט אין צענטער

פונ'ם ראָמאַנטישען קרייז, וועלכער האָט עפּעס ווי נאַטירליך זיך גרופּירט אַרום איהר. זי איז געווען זיין ספּעציעלע מוזע. גריער, דער טאַלאַנטפולער איבערזעצער פון קאַלדעראָנ'ען און אַריאָס־טאָ'ן זאָגט וועגען איהר אַז זי איז די סאַמע קלינגסטע פרוי וואָס ער האָט באַגעגנט. סטעפענס און ווילהעלם פאָן הומבאָלט נוצען ענליכע אויסדרוקען. אַ. וו. שלעגעל שרייבט וועגען עטליכע פון זיינע עסייען אַז זיי זיינען „טיילווייז די ארבייט פון זעהר אַ טאַ־לאַנטפולער פרוי, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַלע אייגענשאַפטען פון אַן ערפאָלגרייכען שרייבער, נאָר איהרע אַמביציעס זיינען ניט געלעגען אין דער דאָזיגער ריכטונג. שעלינג שרייבט אין דער צייט פון איהר טויט: „ווען זי וואָלט אפילו ניט געווען פאַר מיר וואָס זי איז געווען, וואָלט איך זי באַוויינט אַלס אַ מענשען, וואָלט איך געוועזן פול מיט צער וואָס אַזאַ אינטעלעקטועלע אומ־פאַרגלייכליכקייט לעבט ניט מעהר, די דאָזיגע זעלטענע פרוי, וועלכע האָט פאַראייניגט אין זיך אַ מענליכען גייסטיגען כח, דעם שאַרפסטען אינטעלעקט, און דאָס איידעלסטע, דאָס ווייבליכסטע, דאָס ליבליכסטע הארץ. מיר וועלען שוין מעהר איהר גלייכען ניט זעהן." איהר פּאָרטרעט מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. ער איז כשופ'דיג, ראַפינירט, שעלמיש און דאָך איידעל. זי איז עפּעס אין לעאָנאַרדאָ'ס סטיל. דאָראָטעא איז אַ סך וויניגער קאָמפּליצירט.

קאַראָלינע איז געבוירען געוואָרען אין 1763, און איז אַלט געווען איין און צוואַנציג יאָהר ווען זי האָט חתונה געהאַט צום ערשטען מאָל. אַ. וו. שלעגעל האָט זיך מיט איהר באַקאַנט בעת ער איז געווען אַ סטודענט אין געטינגען; ער האָט זיך אין איהר פאַרליבט אָבער זי האָט מיט איהם ניט געוואָלט חתונה האָבען. זייערע מינדליכע באַציהונגען האָבען זיך אויף אַ געוויסער צייט איבערגעריסען, זיי זיינען אָבער שריפטליך אָנגעהאַלטען געוואָ־רען בעת שלעגעל איז געווען אין אַמסטערדאַם וואוהין ער איז געפאָרען אַלס לערער אין 1791. דאָ האָבען פאַרשידענע ליבעס עפּיזאָדען, ספּעציעל איין ערנסטע ליבע, פאַרטונקעלט קאַראָלינע'ן אויף אַ ווייל. בעת מעשה האָט זי זיך געגומען פאַרפּלאָנטערען אין אַ נעץ פון מאָדנע חבר'שאַפטען. אין 1799 איז זי אַוועק

קיין מיינץ וואו זי האָט געלעבט אינ'ם הויז פון געאָרד פאָסטער, הומבאָלט'ס לערער, א מענש וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט סיי ווי א וויסענשאפטס מאן סיי ווי א שרייבער. ווען דער דאָזיגער טאַלאַנטפולער און וואונדערבארער — כאָטש שוין צו ענערגישער — מענש האָט זיך גענומען אָפּגעבען מיט רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען, און זיך געסטארעט אויסצוברייטען דעם פראנצויזישען רעפובליקאניזם ביז דער געגענד פונ'ם רהיין, האָט איהם קאראָלינע ענטוזיאסטיש געהאָלפען און איהם געגעבען מוט. זי האָט קאָמוניקירט מיט די מיטגלידער פונ'ם רעפובליקאנישען קלוב פון מיינץ, און מען האָט זי אומזיסט חושד געווען אז זי קאָמוניקירט מיט'ן שונא דורך איהר שוואָגער ג. בעמער וועלכער איז געווען קוסטינ'ס סעקרעטאר. ווען די דייטשישע טרופען האָבען צוריק איינגענומען מיינץ, האָט מען זי ארעסטירט, און זי האָט פארבראכט עטליכע חדשים אין א בארבארישער תפיסה זייענדיג אין איין צימער מיט נאָך זיבען מענשען. פון דער תפיסה האָט זי געשריבען צו א. וו. שלעגעל'ען נאָך הילף.

איהר לאַגע איז געווען נאָך אפילו ערגער ווי זי האָט אויסגעוויזען. אין מיינץ, בעת זי איז געווען פארצווייפעלט ווייל זי האָט זיך גענארט אין איהרע טיירסטע האָפענונגען (זי האָט זיך געריכט אז דער מענליכער, ענערגישער טאַטער וועט איהר פארשלאָגען זיין האנט), האָט זי זיך ארייגגעוואָרפען אין די ארעמס פון איהרס א מאָמענטאלען פארערער, א פראנצויז, און די רעזולטאטען פון אָט דער פארבינדונג וואָלט זי בלי ספק אויף אייביג קאָמפּראָמיטירט, ווען זי וואָלט ניט באפרייט געוואָרען פון טורמע אין צייט. שלעגעל'ס איינפלוס און די אומאויפהערליכע ארבייט פון איהר אייגענעם ברודער האָבען געווירקט אז זי זאָל באפרייט ווערען. מיט שטילער ריטערליכקייט האָט אויגוסט ווילהעלם אוועקגעשטעלט קאראָלינע'ן — וועלכע איז איצט געווען פארלאָזען פון איהרע אלע פריינט — אונטער דער שוץ פון זיין איינגערען ברודער, פרידריכ'ן. אונטער אזעלכע מאָדנע, אומגינסטיגע באדינגונגען האָט זיך פרידריך מיט איהר באקאנט. ער איז באין אופן ניט געווען גענייגט לכתחילה אויף איהר זייט, אין דער אמת'ן, האָט ער גאָר געפיהלט א ביסעל פאראכטונג צו איהר,

און דאָך שרייבט ער וועגען איהר אַזוי : „איך האָב זיך זיכער ניט גערינכט אויף פּשוט'קייט און זיכערער געטליכער אמת'דיגקייט... זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפען איינדרוק. איך האָב געגאַרט צו געווינען איהר צוטרוי און פריינדשאַפט ; אָבער אין דער רגע ווען זי האָט אַרויסגעוויזען אַן ענליך געפיהל, האָב איך זעהר קלאָר איינגעזעהן אַז דער בלויזער פאַרזוך וועט פירען צו די שמערצליכסטע מחלוקת'ן, און אַז אויב עס וואָלט בכלל מעגליך געווען אַ פריינדשאַפט צווישען אונז, וואָלט זי בלויז געקענט זיין דער רעזולטאַט פון אומגערעכטע האַנדלונגען... פון דעמאָלט אָן איז יעדער עגאָאיסטישער פאַרלאַנג אויפגעגעבען געוואָרען. מיין שייכות צו איהר איז געווען אַבסאָלוט אומשולדיג און איינפאַך. אין מיינע האַנדלונגען איז געלעגען דער רעספּעקט פון אַ זוהן, די אויפריכטיגקייט פון אַ ברודער, די אָפענהאַרציגקייט פון אַ קינד און די צוריקגעהאַלטענקייט פון אַ פרעמדען.״ *) אין 1796 האָט אַ. וו. שלעגעל חתונה מיט זיין פריינדין וועלכע איז געווען מעהר אָדער ווייניגער טיף קאָמפּראָמיטירט. איהר קרייז האָט באַלד ארומגענומען אַלע וואָרט־פירער פון יענער צייט. זי איז געווען אין שטענדיגע באַציהונגען מיט געטע'ן, הערדער'ן, פיכטע'ן, שעלינג'ן, העגל'ען, טיק'ן, שלייערמאַכער'ן און האַרדענבערג'ן. דאָס איז געווען די צייט ווען געטע איז געווען ענג פאַרבונדען מיט דער יונגער שול. זי איז געווען אין איהר פאַרמירונגס־פּראָצעס, און איהרע מיטגלידער האָבען אָפּגעהאַלטען זייער ער־שטע פאַרזאַמלונג אין יענאַ. קאַראָלינע עסט אָנבייסען מיט געטע'ן, מיטאָג — מיט פיכטע'ן, און באַלד ווערט זי צו נאָהענט צו שעלינג'ן.

דער פאָלגענדער אויסצוג פון איינעם פון איהרע בריף צו שעלינג'ן (דעם ערשטען מערץ 1801) גיט אונז אַ ביישפּיעל פון דער קראַפט און שאַרפקייט פון אָט דער וואונדערבאַרער פרוי'ס קריטיק : „איהר ריכט זיך זיכער ניט, מיין טייערסטער פריינט, אַז איך זאָל אייך אויפקלערען בנוגע דעם פאַרנעם פון פיכטע'ס מח, כאָטש איהר דריקט זיך אויס כמעט אַזוי ווי איהר וואָלט

*) Caroline I, 347, 348.

זיך יאָ געריכט דערויף. עס האָט זיך מיר תמיד אויסגעוויזען, אַזוי ווי, ניט קוקענדיג אויף זיין אומפאַרגלייכליכער דענקונגס-קראַפט, אויף דער געזונטקייט פון זיינע דעדוקציעס, אויף זיין קלאָרקייט און גענויקייט, אויף זיין דירעקטער אינטואיציע פונ'ם „איך" און זיין אַנטדעקערשע התלהבות, — עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ באַגרענעצטער מענש ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם. מיין דערקלערונג דערפון איז, אַז איהר פעלט דער געטליכער פונק; און אויב איהר האָט דורכגעבראָכען אַ קרייז פון וועלכען ער האָט זיך ניט געקענט אַרויסדרעהען, גלויב איך אַז איהר האָט עס געטאָן ניט אַזוי פיעל ווי אַ פילאָזאָף — בייזערט זיך ניט אויב איך באַנוץ דאָס וואָרט שלעכט — נאָר גיכער וויל אין אייך איז פאַראַן פּאָעזיע און אין איהם—ניט. אייך האָט די פּאָעטישע באַגייסטערונג געפירט צו פּראָדוקטיוויטעט; איהם האָט זיין שאַרפער קאָפּ געפירט צו וויסען. ער פאַרמאָגט ליכט, דאָס קלאָרסטע און העלסטע, אָבער איהר האָט וואַרעמקייט אויך; און ליכט קען בלויז אילומינירען, בעת וואַרעמקייט שאַפט. אַלזאָ האָב איך דאָס אַלץ ניט געזעהן מיט חכמה? פונקט ווי מען זעהט אַן אומבאַגרענעצטע לאַנדשאַפט דורך אַ שליסעל לאָך."

אין אַן אַנדערן בריף געפינען מיר אַ וויציגען וואונק אויף העגלען, וואָס ווייזט אונז יענעם פילאָזאָף אין אַ ניי ליכט:

“Hegel macht den Galanten und allgemeinen Cicisbeo.”

(העגעל שפּילט דעם פראַנט און דעם אַלגעמיינעם קאַוואַלער.)

קאַראָלינע נעמט אַן ענטוזיאַסטישען אַנטייל אין אַלע באַמיהונגען פון דער ראָמאַנטישער שול; זי קאָריגירט; שרייבט רעצענזיעס אַנאָנים, שרייבט אונטער איהר נאָמען, באַאיינפלוסט אַנדערע שרייבער דירעקט און אומדירעקט. זי איז געצוואונגען צו פאַרשווענדען איהר פּאָליטיש-רעוואָלוציאָנער פייער, וואָס זי פאַרמאָגט אַ סך מעהר ווי די מענער, אויף ליטעראַרישע מחלוקת'ן און אינטריגעס. זי שרייבט, למשל, אַן אַנאָנימען און גאַנץ שאַר-

* Caroline II, 2.

פען איבערבליק איבער שלעגעל'ס „איאָן"; שלעגעל ענטפערט, אויך אַנאָנים, קריטיקירענדיג איהר קריטיק; דעמאָלט רופט קאַראָלינע שעלינג'ן צו הילף, און ער האַנדלענדיג ווי איינער וואָס נעמט זיך אָן פאר איהר, פאַלט נאָך שטאַרקער אָן אויף שלעגלען אין א דריטען אַנאָנימען אַרטיקעל, געשריבען אויף זעהר א ראַפּי־נירטען אופן, און אין דער זעלביגער צייט שרייבט ער צו איהם פּריוואַט אויסדריקענדיג די האָפענונג אַז ער וועט אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט האָבען. קאַראָלינע איז אויך די, וועלכע איז פאַראַנטוואָרטליך פאר דער מיספאַרשטענדניש און ענדליכען ברוגז צווישען שילער'ן און שלעגלען. זי רייצט אָן די ברידער (שלעגעל) אויף דעם דיכטער דורך איהר זעהר וויציגען, אָבער אומגערעכטען, חוזק פון זיין סטיל; מען קען ניט מוחל זיין שילער'ן וואָס ער, פון זיין זייט, האָט זיי באַהאַנדעלט מיט היבשער חוצפה ביים אָנהויב פון זייער ליטעראַרישער קאַריערע. זיין נאָמען פאר קאַ־ראָלינע'ן איז „דאַמע לוציפער".

קאַראָלינע'ס ערגסטע זייט האָט זיך אַרויסגעוויזען אין איהר קליינליכען האַס צו דאָראָטעא פייט'ן, וועמען זי האָט גאַנץ זיכער פאַרפאָלגט. דער דאָזיגער האַס האָט צערודערט די שעהנע באַצי־הונגען צווישען אויגוסט ווילהעלם'ען און פרידריך'ן, וועלכע זיינען א חוץ ברידער אויך געווען אינטימע פריינט. איין מאָל האָט דאָס דאָזיגע שיער געבראַכט דערצו אַז זיי זאָלען זיך אין גאַנצען צע־שיידען. באַמערקט ווי אַזוי זי רעדט וועגען דאָראָטעא'ן: „פריד־ריך איז געווען אויף דער פאַרשטעלונג פון „אַלאַקראָס", באַלד דערנאָך האָט ער גענומען א פּאָסט־קאַרעטע און אוועק קיין פראַנק־רייך וואו ער האָט געהאַט די כונה חתונה צו האָבען אויף'ן רעפּובליקאַנישען אופן. אונטער ראָבעספּיער'ן האָט זיך דורכגע־טראָגען דער "noce republicaine" (רעפּובליקאַנישע חתונה) ווערענדיג דערטרונקען אין דער לואַר. איך וואָלט גאַר ניט געהאַט אַנטקעגען אַזא חתונה פאר איין העלפט פון דער פּאָר."

איהרע בעסטע אייגענשאַפטען זיינען אין איהר דערוועקט גע־וואָרען דורך איהר טאָכטער, דאָס וואונדערבאַרע קינד וועמעס נאָמען, כאָטש זי איז געשטאָרבען צו פופצעהן יאָהר, פאַרנעמט א פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער דייטשישער ליטעראַטור. אַלע

די, וואָס לייענען דעם דאָזיגען קינדס קריטיק אויף פרידריכ'ן אָדער דאָראָטעאַ'ן, אָדער איהרע געגראַמטע בריף צו טיק'ן און שלייער־מאַכער'ן, ווערען נשתומם פון איהר פריהצייטיגקייט. איהר טויט איז געווען א ווענד־פונקט אין קאַראָלינע'ס לעבען. שעלינג, וועל־כער האָט מסתמא לכתחילה ליב באַקומען די טאָכטער, האָט זיך דערנעהנטערט צו דער מוטער אין איהר אומגעריכט און שרעקליך אומגליק. ער איז דעמאָלט געווען גאַנץ יונג, ארבייטענדיג מיט התמדה אויף זיין ערשט ווערק, וואָס האָט געגליהט מיט לײדענ־שאַפט און געפינקעלט מיט גאונות, געטע'ס ליבלינג. קאַראָלינע און ער האָבעןביידע געליטען א גרויסען, געמיינזאַמען וועהטאָג, און זיך געגוויטיגט אין א טרייסט. זייערע געפיהלען צווישען זיך האָבען באַלד אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון א ליידענשאַפטליכער ליבע. דאָס וואָס די געוויסענלאָזע געגנער פון די ראָמאַנטיקער האָבען פארעפענטליכט א פאַמפלעט וואו זיי האָבען אָנגענומען אז שעלינג מיט זיין משוגענער „נאַטורפילאָזאָפיע" און די רפואות וועלכע ער האָט רעקאָמענדירט, האָט פארקירצט דאָס לעבען פונ'ם קינד, האָט זיי נאָך מעהר דערנעהענטערט איינס צום אנדערען. די באַ־שולדיגונג איז געווען אין גאַנצען א פאַבריצירטע. אינ'ם ענטפער אויפ'ן דאָזיגען פאַמפלעט האָט שעלינג זיך באַנוצט מיט דער שטורעמדיגער שפראַך, וואָס ווערט ציטירט אינ'ם אריינפיר צו לאַסאַל'ס „קאַפּיטאַל און ארבייט". קאַראָלינע'ס באַציהונגען צו שלעגלען זיינען שוין לאַנג געווען זעהר קאַלט. ביידע האָבען גע־לעבט אין פארשידענע שטעט. וואָלט זי געווען בטבע אן אייפער־זיכטיגע, וואָלט זי געהאַט גענוג אורזאַכען זיך צו באַקלאָגען. נאָך דעם ווי שלעגעל האָט זיך גע'גט מיט קאַראָלינע'ן, האָט ער זיך באַפריינדעט מיט טיק'ס שוועסטער, סאָפי בערנהאַרדי, וועלכע האָט צוליב איהם זיך גע'גט מיט איהר מאַן. זיין לעצטע הייראַט מיט פאול דעם ראַציאָנאַליסט'ס טאָכטער, איז ניט געווען קיין גליקליכע און האָט זיך געענדיגט מיט א גט.

ווען שעלינג און קאַראָלינע זיינען געוואָרען אזוי נויטיג איינס פאר'ן אנדערען, אז ס'האָט זיך געפאָדערט אז זי זאָל פריי ווערען פון שלעגלען, האָט דער לעצטער מיט אמת'ער ריטערליכקייט גע־געבען זיין הסכמה. שרייבענדיג וועגען דעם גט זאָגט קאַראָלינע:

„מיר האָבען צעריסען א בונד וואָס קיינער פון אונז האָט קיינמאָל ניט געטראַכט אז ער וועט אונז אויף שטענדיג פאַרבינדען." א הר נייע הייראַט איז געווען זעהר א גליקליכע.

דער אופן אויף וועלכען שלעגעל נעמט אויף קאַראָלינע'ס באַשלוס קלערט אונז אויף ניט בלויז בנוגע די טעאָריעס פון די ראָמאַנטיקער, נאָר אויך וועגען דעם ווי אַזוי די פירער פון דער שול האָבען באַנוצט זייערע טעאָריעס אין'ם אייגענעם לעבען. אויגוסט ווילהעלם גיט ניט בלויז זיין הסכמה, נאָר ער האַלט אָן אויף ווייטער א פריינדליכע קאָרעספּאָנדענץ מיט שעלינג'ן און אין ליטעראַרישע עסקים גיבען זיי זיך איינער דעם אנדערען ווערטפולע הילף. קאַראָלינע אַליין האַלט אָן די פריינדליכסטע באַציהונגען מיט שלעגלען לאַנג נאָך דעם ווי איהם איז באַקאַנט איהר שייכות מיט שעלינג'ן. זי שרייבט צו איהם אין מאי 1801: "ווען סטו אַזוי גוט זיין און אנטשיידען א שטרייט צווישען מיר און שעלינג'ן? האָבען די דאָזיגע חעקזאַמעטערען (שעלינג'ס) עפּעס א ווערט? איך האַלט אַז די לעצטע שורות זיינען אומגעלומפּערט, אָבער ער גלויבט אַז זיי זיינען גוט." שלעגעל האָט זיי ווירקליך באַזוכט אין מינכען צוזאַמען מיט מאַדאַם דע סטאַל.

אַלזאָ אפילו פּערזענליכע אומאיינשטימיגקייטען און ברוגז'ן האָבען ניט געקענט צעשיידען די, וועלכע זיינען געווען פאַראייניגט דורך בשותפות'ע אידעען און געמיינזאַמע שטרעבונגען זיי צו פאַרשפּרייטען. די ראָמאַנטיקער האָבען באַטראַכט פּערזענליכע פרייהייט ווי א רעכט וואָס מען קען ניט אַוועקנעמען, און בעת זיי האָבען עס געפאָדערט פאַר זיך אַליין, האָבען זיי עס רעספּעקטירט אין אנדערע.

אָבער מיר לערנען אויך עפּעס אנדערש א חוץ דעם וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען אָפט געביטען זייערע ליבעס, און לחלוטין איגנאָרירט געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען; און אָט דער עפּעס איז דאָס אַז זייערע פרויען זיינען געווען העכער פון זיי אין אַלע הינזיכטען א חוץ טאַלאַנט, און אַז די מענער האָבען זיך געסטאַרעט אַראָפּצושלעפּען די פרויען צו זייער אייגענער מדרגה. מיר זעהען ווי די גייסטיג שטאַרקע, ענערגישע דאָראָטעא, וועלכע באַגרייפט אַזוי טיף די קליינליכקייט פון די ריין ליטעראַרישע שטרעבונגען

פון די ראָמאַנטיקער, בייט זיך, מיר זעהען ווי זי באַוואונדערט „לוצינדע״ ניט ווילענדיג, און שרייבט דערנאָך אליין ראָמאַנען אינ׳ם אָנגעצייכענטען סטיל, און ווי פאָלגט נאָך פרידריכ׳ן קיין ווין און ווערט א קאַטאָליק צוזאַמען מיט איהם. אָדער באַטראַכט די מוטיגע, ענטוזיאַסטישע, אַנטשלאָסענע קאַראָלינע, וואָס, בעת זי איז א יונגע אלמנה, ניט ווייט אריבער צוואַנציג, פּרובירט זי צו רעוואָלוציאָניזירען די רהיין געגענד. זי איז אין דעם אַזוי דרייסט אַז זי קאָמפּראָמיטירט זיך אָהן א שום נוצען, און ריזיקירט מיט׳ן לעבען פון די, וואָס זיינען איהר צום טייערסטען, אָהן שום זאָרג. פרידריך שרייבט צו אויגוסט ווילהעלמ׳ן: „איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעבען איהר האַרצלאָזיגקייט, מיט דעם וואָס זי איז גרייט אריינצונאַרען דיך, איהר פריינד, אינ׳ם קעסעל גרוב פון מיאוס׳ע געפאַרען און נישטיגע מענשען״. בלויז עטליכע יאָר דערנאָך זעהען מיר ווי די דאָזיגע פרוי שרייבט אַנאָנימע רעצענזיעס — גינסטיגע אָדער אומגינסטיגע — איבער איהר מאַנ׳ס צרה׳דיגע דראַמעס, און זי איז אין גאַנצען אריינגעטאָן אין ליטעראַרישע אינטריגעס. אַן אָטעם וואָס האָט אריבערגעפלאַמט פון אַלטע צייטען האָט אָהן אַן אויפהער אויפגערודערט איהר נשמה גלייך אויפ׳ן שטעל. דערנאָך פיהלען מיר ווי זי האָט זיך געביטען, שרייבענדיג צו איהר טאָכטער אין אָקטאָבער 1799, נאָך דעם ווי זי גיט איהר איב..ר געוויסע פאַמיליען נייעס (און די לעצטע נייעס איז אַן „הויפּראַט הופעלאַנד האָט זיך אומגעקערט מיט ווייב און קינדער״), רופט זי אויס: „אָבער וואָסער באַדויערנסווערטע נאַרישקייט דאָס אַלץ איז! באָנאַפּאַרט איז אין פּאַריז! דערמאָן זיך נאָר, מיין קינד! אַלץ וועט ווידער זיין גוט. די רוסען האָט מען ארויסגעטריבען פון דער שווייץ. זיי און די ענגלענדער וועלען זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען מיט חרפה אין האָלאַנד; די פראַנצויזען געהען ווייטער אין שוואַביען; און אָט קומט באָנאַפּאַרט. פרעה זיך צוזאַמען מיט מיר, אלא ניט וועל איך טראַכטען אַז דו גיסט זיך אָפּ מיט קליינינגקייטען און האָסט בכלל ניט קיין ערנסטע געדאַנקען.״ דערנאָך, כמעט אין זעלביגען אָטעם קומט ליטעראַרישע רכילות: „טיק איז דאָ און מיר זיינען אָפט צוזאַמען. עס וואָלט דיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען וואָס די דאָ־

זיגע מענשען שלאָגען זיך אין קאָפּ אריין צו טאָן. איך וועל דיר שיקען א סאָנעט איבער מערקלען. ער איז ארומגעלאָפען אין בערלין און דערציילט אז די שלעגעלס האָבען באַקומען א פאָרוואורף פונ׳ם הערצאָג צוליעב „אַטענעאום”. האָבען זיך ווילהעלם און טיק דעריבער גענומען צו דער ארבייט און האָבען אַנומעלטען, אין אַן אָווענט, אָנגעשריבען א גרויזאמען סאָנעט פון זיין כבוד וועגען. עס איז געוועז א פארגעניגען צו זעהן ווי די צוויי פּאָר ברוינע אויגען בליצען איינס אויף ס׳אַנדערע, און די ווילדע שמחה מיט וועלכער דאָס גאַנץ באַרעכטיגטע ליטעראַרישע פייערווערק איז צוזאמענגעשטעלט געווארען. דאָראָטעא און איך האָבען זיך כמעט געקאָלערט אויף דער ערד פון געלעכטער. אָ, זי קען לאַכען, וואָס דאָס וועט זי רעקאָמענדירען צו דיר. מערקעל איז א פּאַר־טיגער, א פארפאַלענער אויף אייביג. עס וועט זיך מאַכען א שרעקליך גערודער... שעלינג אַטאַקירט די „אַלגעמיינע ליטעראַ־טור ציימונג” מיט׳ן גאַנצען כח זיינעם. אָבער די דאָזיגע מחלוקת׳ן זיינען פאר דיר ניט וויכטיג, בעת באָנאַפּארט און די רוסען זיינען זיכער יאָ.” עס קומט אויס ווי זי וואָלט גע־וואָלט אויפהאַלטען אין איהר טאָכטער׳ס לעבען די העכערע זאכען, וועלכע, ווי זי האָט געפיהלט, שטאַרבען אָפּ אין איהר. באַלד נאָך דעם האָט זי חתונה מיט שעלינג׳ן, און נעמט אָן אַלע איינגע־שטעלטע קאָנווענציעס פון דער גרויסער קלעריקאַלער פעסטונג, באַיערן.

א סך גרויסע מענשען האָבען אומזיסט פּרובירט לערנען זייערע געליבטע פרויען אז זיי זאָלען זיך באַטייליגען אין זייערע אינטערעסען. ביי מיר קומט אויס אז קיין ערגערע באַשולדיגונג קען ניט אַוועקגעשטעלט ווערען אנטקעגען טאַלאַנטפולע מענשען; מען קען ניט ברענגען קיין מעהר זיכערען סימן פון זייער שוואַכ־קייט ווי דאָס, וואָס לאַ די וואָס זיי האָבען ניט אויפגעהויבען די פרויען וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען צו זיי און זיי נאָכגע־פאָלגט, האָבען זיי נאָך אַראָפּגעשלעפּט זיי, אַוועקגענומען פון זיי זייערע העכסטע אינטערעסען און ריינסטע פאַנטאַזיעס און האָבען אָנגעפילט זייער פלאַץ מיט קליינליכע און געמיינע ענינים.

זיי האָבען באהאַנדעלט די גרויסע פרויען, וואָס די געטער האָבען זיי געגעבען, אזוי ווי זיי האָבען באהאַנדעלט די גרויסע אידעען וועלכע זיינען געווען זייער אייגענע ירושה; זיי האָבען פון זיי אוועקגענומען דעם ריינעם, ליבעראַלען, סאָציאַלען און פּאָליטישען ענטוזיאזם וואָס איז געווען זייער נאַטירליכע כאראַקטעריסטיק, און האָבען זיי געמאַכט לכתחילה ראָמאַנטיש און ליטעראריש, דערנאָך—פֿול מיט חרטה, און צום סוף—קאַטויליש.

קאַפּיטעל 8.

שלייערמאַכער'ס בריעף.

ווייטער וועגען שטורעם איבער „לוצינדע"; שלייערמאַכער'ס בליק אויף ליבע און הייראַט; זשאָרזש זאַנד'ס בליק אויף ליבע און הייראַט; שעלי'ס בליק אויפ'ן זעלביגען ענין; דער אונטערשיד צווישען דעם דייטשישען, פראַנצויזישען און ענגלישען בליק.

די ראָמאַנטיקער אַליין זיינען דורכאויס ניט צופרידען געוועןמיט „לוצינדע". צום מעהרסטען פאַרטיידיגט דאָס בוך נאָוואַליס. ער דענקט אַז עס זיינען פאַראַן ווייניג אַזעלכע פערזענליכע ביכער. עס דוכט זיך איהם אַז דאָ קען מען ארויסזעהן די באַוועגונגען פונ'ם שרייבער'ס נשמה אַזוי קלאָר ווי מען זעהט די שפּיל פון כעמישע כחות בעת דער אויפלייזונג פון אַ שטיקעל צוקער אין אַ גלאָז וואַסער. עס צערודערט איהם אַביסעל די זעלבסט-אָפּנאַרעריי וואָס הערשט אין גאַנצען ווערק, וואָס מאַכט דעם מענשען, די דענקענדיגע בריאה, פאַר בלויז אַ נאַטירליכען כח, און וואָס פאַנגט אַזוי דעם לעזער אַז ער ווערט טיף פאַראינטערעסירט אין פשוט'ע גשמיות'דיגע אינסטינקטען. נאָך מעהר, דאָס גאַנצע ווערק איז ניט גענוג איינפאַך, ניט גענוג פריי פון פּעדאַנטיזם. עס פעלען אָבער ניט קיין „ראָמאַנטישע סטרונעס", און ער האָט טענות ניט אַזוי צום אינהאַלט ווי צו דער פאָרם.

ער שרייבט גלייך צו קאַראָלינע שלעגלען: „מען קען גאָר ניט האָבען צו די אידעען, אָבער אינ'ם אופן אויף וועלכען זיי ווערען אויסגעדריקט ליגט אַ סך דערפון וואָס קלינגט מיר ווי געבאָרגט פון קראַטעס'ן (דעם ציניקער). דאָס געשריי: זיי ציניש! הערט מען נאָך ניט צווישען אונז, און אפילו ווירקליך פּראָגרעסיווע פרויען וועלען באַשולדיגען די שעהנע אַטענער פרוי דערפאַר ווייל זי האָט געמאַכט דעם מאַרק פאַר איהר כלה-שטיבעל."

גאַנץ אמת; אָבער די אומגליקליכע דראַמאַטעא האָט מען ניט געקענט באַשולדיגען פאַר אַט דער פאַרשוועכונג, כאָטש דאָס וואָס מען האָט זי עפענטליך אַרויסגעשטעלט ווי אַזעלכע האָט זי ניט אויפגערעגט, אַזוי ווי עס האָט אונז אויפגערעגט פאַר איהרעט־וועגען. איהר מאַן און לערער איז געווען דער איינציגער וועמען מ׳ין האָט געדאַרפט באַשולדיגען.

מיר האָבען געזעהן ווי קאַראָלינע האָט באַלד פאַנאַנדער־געלאָזען איהר סאַטירישען גייסט ווען זי האָט געשריבען וועגען „לוצינדע", און א. וו. שלעגעל, שעלינג, סטעפענס, און אַנדערע האָבען פריוואַט באַטראַכט דאָס בוך ווי אַ „שרעק־אָניאָגער", ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיי האָבען געזאָגט אין דער עפענטליכ־קייט. א. וו. שלעגעל האָט טאַקע געשריבען אין אַ סאָנעט צו פרידריכ׳ן:

"Dich fuhrt zur Dichtung Andacht brunstger Liebe
Du willst zum Tempel dir das Leben bilden
Wo Gotterrecht die Freiheit los' und binde.
Und dass ohn Opfer der Altar nicht bliebe,
Entfuhrtest Du den himmlischen Gefilden,
Die hohe Gluth der Leuchtenden Lucinde." *)

און ווען קאָצעבו האָט פאַרעפענטליכט די קאָמעדיע „דאָס אייזעל פון צפון" וואָס לאַכט אָפּ פון פרידריכ׳ן און זיין בוך, האָט אויגוסט ווילהעלם געענטפערט מיט זיין וויציגער סאַטירע „דאָס טריאומף־טויער פאַר׳ן פרעזידענט פאָן קאָצעבו", אָבער פריוואַט האָט ער אָנגערופען דאָס בוך אַ „נאַרישע ראַפּסאָדיע". טיק האָט עס גערופען „אַ וואונדערליכע כימערע", און אפילו שלייערמאַכער האָט געפּרואווט זיך אָפּזאָגען פון זיינע „בריף וועגען לוצינדע" בעת אַ פּראָטעסטאַנטיש־ראַציאָנאַליסטישע טענ־

---

*) דיך פירט צום דיכטען ס׳הייליגע ליבע־פייער
דו ווילסט פון לעבען זיך אַ טעמפּעל מאַכען
וואו געטליך רעכט באַפרייט און בינדט די פרייהייט.
און כדי דו זאָלסט ניט אָהן אַ קרבן בלייבען,
האָסטו גע׳גנב׳עט פון די הימעל ספערען
דער ליכטיגער לוצינדע׳ס העלע פייער.

דענץ האָט ביי איהם פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ מין מגושם'דיגען מיסטיציזם. דאָ, , אָדער צוליב, אָט דער אורזאַך, איז עס וויכטיג אַז מיר זאָלען זיך באַקענען מיט'ן כאַראַקטער פון די דאָזיגע בריף, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען מיט'ן צוועק צו באַווייזען אַז „לוצינדע" איז ניט בלויז אַן אומשולדיגע בוך, נאָר אויך היילי־ג און גוט, ווענעס ווערט עס ווייזט זיך ארויס אין דעם, וואָס בכבוד'ע פרויען זיינען דערין פאַראינטערעסירט. שלייערמאַכער'ס בריף שטיצען זיך אויף די בריף פון צוויי אַזעלכע פרויען, זיין שוועסטער ערנעסטינע, און זיין פריינד עלעאָנאָרע גרונאָוו.

איצט איז פאַר אונז פאַראַן ווייניג פון אַן אַלגעמיינעם אינ־טערעס אין אָט די בריף, וועלען מיר אַלזאָ בלויז דערמאָנען זייערע הויפּט פונקטען. אַזוי ווי „לוצינדע" איז דער בייטראַג פון'ם ראָמאַנטיזם צו דער פאַרענטפערונג פון אַ סאָציאַל פּראָבלעם, און אַזוי ווי הייראַט איז כמעט די איינציגע סאָציאַלע פראַגע מיט וועלכער די ליטעראַטור האָט זיך פאַרנומען אין אָנהויב פון'ם יאָרהונדערט (בלויז געטע'ס וואַנדער־יאָרען, אין סטיל פון רוסאָ'ס ראָמאַנען, פאַרנעמען זיך מיט אַ גרעסערער צאָל אַזעלכע פראַגען), וועט עס זיין אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכען די אויס־דרוקען פון די פאַרשידענע אייראָפּעאישע ליטעראַטורען איבער דעם דאָזיגען ענין.

שלייערמאַכער'ס בוך איז אַן אַטאַקע אויף געמאַכטער צניעות. ביים סאַמע אָנהויב שרייבט ער: „איך בין כמעט בעוועגן גענייגט צו גלויבען אַז אייער צניעות איז אַ געמאַכטע, אויב יאָ, וואָלט איך אייך געבעטען צו פאָרען און זיך באַזעצען אין ענגלאַנד, אַהין וואָלט איך געוואָלט ארייננפירען דעם דאָזיגען גאַנצען מין", און איין טייל פון'ם בוך גיט זיך אין גאַנצען אָפּ מיט אַנאַליזירען די פאַלשע באַשיידענקייט, וואָס שליסט אויס די אמת'ע, און פאַראורזאַכט אַזוי פיעל אומזיסטע צרות.

„די היים־פאַרלאַנגטע און ענג־האַרציגע באַשיידענקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט די היינטיגע געזעלשאַפט האָט איהרע וואָרצלען אינ'ם באַוואוסטזיין אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסע און אַל־געמיינע פאַלשקייט און פאַרדאָרבענקייט. אָבער מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען? עס מוז זיך פאַרשפּרייטען אַלץ ווייטער און

ווייטער. אויב מענשען גיבען כסדר אכטונג אויף אומבאַשיידענ־קייט, וועלען זיי ענדיגען דערמיט וואָס זיי וועלען זי געפינען אין יעדען ווינקעל פון געדאַנק, און יעדעס געשפּרעך און יעדער גע־זעלשאַפטליכער פאַרקער דאַרף אויפהערען... סיי די טיפסטע פאַר־דאַרבענקייט סיי די הויכע בילדונג, אַ דאַנק וועלכע מענשען קערען זיך אום צו דער אומשולד, ביידע מאַכען באַשיידענקייט אוממעגליך; אין ערשטען פאַל ווערען צעשטערט ביידע, סיי די אמת'ע סיי די פאַלשע באַשיידענקייט; אין צווייטען פאַל הערט זי אויף צו זיין אַ זאַך צו וועלכער מען שענקט פיעל אויפמערק־זאַמקייט אָדער וועלכער מען שרייבט צו פיעל וויכטיגקייט.*)

„איז עס דען ניט אמת, טייער קינד, אַז אַלץ וואָס איז גייס־טיג אין מענשען הויבט זיך אָן פון אַן אינסטינקטיווען, טונקעלען, אינוויינינגסטען אימפּולס, וואָס בלויז דעם מענשענס האַנדלונגען, דורך דעם וואָס זיי חזר'ן זיך אָפט איבער, אַנטוויקלען אין אַ באַ־שטימטען באַוואוסטזיניגען ווילען און פאַרפולקאָמטער פעהיגקייט? ביז וואַנען זיי האָבען זיך אַזוי ווייט אַנטוויקעלט קען קיין פראַגע ניט זיין וועגען אַן אָנהאַלטענדיגער פאַרבינדונג צווישען די דאָזיגע אינוויינינגסטע אימפּולסען און באַשטימטע געגענשטאַנד־ען. פאַרוואָס זאָל ליבע זיין אַנדערש פון אַלץ? איז דען שכל'דיג זיך צו ריכטען אַז די העכסטע מענשליכע פעהיגקייט זאָל זיין פול־קאָמען גלייך פון אָנהויב? זאָל עס דען זיין לייכטער צו ליבען ווי צו עסען און טרינקען? עס מוז דאָך זיכער אויך זיין אין ליבע געוויסע ערשטע טריט וואָס לאָזען זיך מיט קיין שטענדיגע רעזולטאַטען ניט אויס, נאָר וואָס האָבען אַ טענדענץ צו פאַרשאַר־פען און פאַרפיינערען דאָס געפיהל. די פאַרבינדונג צווישען די דאָזיגע טריט מיט באַשטימטע געגענשטאַנדען איז בלויז צופע־ליג, אָפט איז עס לכתחילה בלויז אַ פאַרגעשטעלטע זאַך, און תמיד בלויז אויף דערווייל, אַזוי דערווייליג ווי עס איז דאָס געפיהל אליין, וואָס מאַכט שנעל פּלאַץ פאַר אַ געפיהל וואָס איז בולט'ער און טיפער. פרעגט זיך נאָך ביים רייפסטען און גע־בילדעטסטען מענשען, איהר וועט אויסגעפינען אַז ער שמייכעלט

*) Briefe uber die Lucinde, 64, 83.

ביים געדאַנק פון זיין ערשטער ליבע, פונקט ווי ביים געדאַנק פון א לעבערליבען, קינדישען ספּעקטאַקעל, און אָפט געפינען זיך אַזעלכע מענשען גאַנץ נאָהענט צו זייערע פריהערדיגע געליבטע און זיינען לחלוטין גלייכגילטיג. לויט דער טבע פון זאַכען מוז עס אַזוי זיין, און צו באַשטעהן דורכאויס אויף געטריישאַפט און אַ דויערנדיגער פאַרבינדונג איז געפערליך פונקט ווי עס איז נאַריש."

שלייעמאַכער וואָרענט נאַטירליך זיין קאָרעספּאָנדענט אַנטקעגען דעם וואָס ער רופט „די כימערע פון דער הייליגקייט פון דער ערשטער ליבע".

„גלויבט ניט אַז אַלץ הענגט אָפּ פון דעם וואָס עס קומט אַרויס דערפון. די ראָמאַנען וואָס אונטערשטיצען אַזאַ אידעע, און מאַכען אַז אַ ליבע צווישען צוויי מענשען זאָל זיך אַנטוויקלען אָהן אַן אויפהער פון ערשטען רויהען אָנהויב ביז'ן העכסטען פונקט, זיינען פונקט אַזוי געפערליך ווי זיי זיינען נאַריש, און זייערע שרייבער האָבען, בדרך כלל, אַ קליינעם באַגריף וועגען ליבע פונקט ווי וועגען קונסט... ווען די מעהר אָדער ווייניגער ליבע־בעקאַנטשאַפט שטעלט זיך אָפּ אויף אַ באַשטימטען מענשען, ווערט נויטווענדיג באַשאַפען אַ באַשטימטע פאַרבינדונג און די גרעסטע דערנעהענטערונג. ווען איהר דערגרייכט דעם דאָזיגען פונקט, און איהר פיהלט אַז איהר זענט אַריינגעפאַלען, אַז דאָס קען אַזוי ניט בלייבען, וואָס קענט איהר טאָן אַ חוץ צעשיידען זיך? ערשט נאָך דעם ווי איהר פאַרענדיגט אַזאַ פּראָבע, ד. ה. נאָך דעם ווי די פאַרבינדונג ווערט צעריסען, קען דער זכרון און דאָס טראַכטען וועגען איהר אַרויסברענגען אַן אמת'ן באַגריף פון דער בעקאַנטשאַפט און פון דעם געפיהל, און אַזוי אַרום אייך צוגרייטען צו אַ צווייטער און בעסערער פּראָבע. איז עפּעס פאַראַן אַ באַשטימטער חוב וואָס איהר טראָגט פאַר'ן זעלביגען מענשען? אויף וואָס קען זיך אַזאַ חוב שטיצען? איך, פון מיין זייט, באַטראַכט דאָס ווי מעהר אומנאַטירליך איידער אַ ליבע צווישען אַ ברודער און אַ שוועסטער. נעמט זיך אַלזאָ פולע פרייהייט. שטרעבט בלויז אויפצוהאַלטען אַ ריין און קלאָר

געפיהל, וואָס איז ניט מעהר ווי אַן עקספּערימענט, אַזוי אַז איהר זאָלט ניט דארפען באַשטעטיגען און פּאַראייביגען דאָס, וואָס אייער כונה איז ניט געווען אַז עס זאָל געהן ווייטער, ד. ה. באַשטעטיגען מיט דער הילף פון דער זעלבסטלאָזיגקייט וואָס, לויט איהר טבע, דאַרף אוועקשטעלען אַ גרענעץ פאַר עקספּערימענטען און אַן אָנהויב פאַר אַן אמת'ער און דויערנדיגער ליבע. אַזאַ טעות, וואָס איז סיי די אורזאַך סיי דער רעזולטאַט פון די צרה־דיגסטע אילוזיעס, דאַרף באַטראַכט ווערען ווי דאָס שרעקליכסטע וואָס קען אייך טרעפען; איך וויל אַז איהר זאָלט פאַרשטעהן אַז אין דער אמת'ן הייסט דאָס צו לאָזען זיך פאַרפירען. ווען איהר געפינט אויס די אמת'ע ליבע, און פיהלט אַז איהר האָט דערגרייכט דעם פונקט וואו איהר קענט פאַרפולקאָמען אייער כאַראַקטער, און מאַכען אייער לעבען שעהן און ווערטפול, דעמאָלט קוקט ביי אייך אויס דער אומצוטרוי און די מורא פאַר דער לעצטער און טייערסטער פאַראייניגונג־חתימה, ניט מעהר ווי אַ געמאַכטע זאַך. דאָס איינציגע געפאַר ליגט דערין, וואָס יעדע פּראָבע, לויט איהר טבע, צילט צו דערגרייכען דעם דאָזיגען פונקט. דער פונקט ביז וועלכען מען דאַרף געהן, קען מען בלויז אַנטדעקען דורך אַ געפיהל פון זאַטקייט. אָבער אויב איהר זייט גייסטיג און קערפּערליך געזונט וועט איהר — ווען איהר וועט נאָר קומען צום דאָזיגען פונקט — האָבען אַ ווידער־געפיהל, וואָס איז אַ סך העכער און הייליגער פון יעדען געזעץ, אָדער פון דעם וואָס מען רופט געוויינליך באַשיידענקייט און צניעות".

אַלץ איז דאָ געזונט און שכל'דיג דורכגעטראַכט, אָבער עס נעמט ניט אַרום אַלץ און איז ניט אַנווענדבאַר אויף די ווירקליכע שוועריגקייטען פון'ם ענין. שלייערמאַכער וואָרענט אַנטקעגען טעות'ן, אָבער ער קען זיי ניט אויסהיילען ניט אָנרירענדיג די הייליגקייט פון הייראַט, וועלכע ער פרעגט קיינמאָל ניט אָפּ. וואָרים וואָס קען מען טאָן ווען מען האָט שוין דעם פעלער געמאַכט? און וואָס טוט מען ווען דער פעלער איז בלויז אויף איין זייט, ווען בלויז די ליבע פון איין צד איז קאַלט געוואָרען, בעת די ליבע פון'ם אַנדערען האַלט נאָך אָן? און ער שענקט ניט קיין איין וואָרט און קיין איין געדאַנק דעם פאַקט אַז הייראַט,

ווי א געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע, עקזיסטירט ניט צוליב די פארליבטע, אז איהר לכתחילה'דיגע כונה איז געווען צו פארזי־כערען דאָס קינד מיט'ן פאָטער'ס אייגענטום, און אז זי האָט בסדר עקזיסטירט, ווייל פאר דער געזעלשאַפט איז זי געווען דאָס איינציגע מיטעל צו באַשיצען דעם וואקסענדיגען דור. שלייער־מאַכער, דער אידעאליסט, וואָלט גערן געוואָלט אויסגעפינען א נייעם מאָראלען פונדאַמענט, און ער פארזעהט די ווירקליכע, די פראקטישע שווערינקייטען. ווי כאַראקטעריסטיש עס איז פאַר'ן פאָלק צו וועלכען דער שרייבער געהערט אָט די גאַנצע חקירה וועגען געפיהלען. אַן איטאַליענער האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „דאָס וואָס רופט ביי אונז ארויס דאָס גרעסטע וואונדער בנוגע דעם געפיהלס־לעבען פון די טעווטאָנישע פעלקער, איז זייער קולט פון ליבע. פאַר זיי איז ליבע זיכער א רעליגיע, עפּעס אַזעלכעס אין וואָס א גוטער מענש מוז גלויבען. און די דאָזיגע רעליגיע האָט איהר טעאָלאָגיע, און איהר פילאָזאָפיע, און אַלץ מיט אַנאַנדער. מיר אָבער ליבען, און דערמיט ענדיגט עס זיך.” איך האָב געטראַכט פון דער דאָזיגער רעדע בעת איך האָב גע־לייענט שלייערמאַכער'ן. וויפיעל געניאַליטעט ער ווייזט ארויס קלאָר מאַכענדיג אַז מענשען דארפען זיך ניט לאָזען צעטומעלט ווערען פון פאַלשע טעאָריעס ווען זיי ליבען, און וואָסער שטענ־דיגער גלויבען אין דער ליבע, וואָס דאַרף „פארענדיגען און פאר־פולקאָמען דעם כאַראַקטער”, עס ליגט אין סאַמע פונדאַמענט פון דעם אַלעם! עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכען מיט שלייערמאַכער'ן געוויסע אויסדרוקען פון גרויסע שרייבער פון אַנדערע פעלקער איבער'ן זעלביגען ענין. זיי ווייזען ארויס בולט'ער דאָס, וואָס איז ביי שלייערמאַכער'ן כאַראַקטעריסטיש נאַציאָנאַל.

זשאָרזש זאַנד, וועמעס ערשטע ראָמאַנען עס זיינען דער אויס־דרוק פון דער זעלביגער באַוועגונג אין פראַנקרייך, ווי די וואָס „לו־צינדע” האָט אַריינגעפירט אין דייטשלאַנד, זאָגט דורכ'ן מויל פון די הויפּט העלדען פון „זשאַק” און „לוקרעציאַ פליאָריאַני”: „פּאָל און ווירדזשיניאַ זיינען פעהיג געווען זיך איינס דאָס אַנדערע צו ליבען שטענדיג און אָהן אַן אויפהער; וואָרים זיי זיינען געווען קינדער וואָס איין מוטער האָט אויפגעהאָדעוועט. אונזער סביבה

איז געווען צו ווייט ניט גלייך... כדי צוויי מענשען זאָלען זיך שטענ־
דיג איינס ס'אַנדערע פאַרשטעהן, און זיך פאַראייניגען דורך אַן
אומבייטענדיגער ליבע, דאַרפען זייערע כאַראַקטערען זיך האָבען
אויסגעבילדעט פון קינדוויז אויף דורך אַן ענליכער ערציהונג, זיי
דאַרפען האָבען די זעלביגע גלויבענס, די זעלביגע פּסיכישע נייגונ־
גען, אַפילו די זעלביגע מאַניערען און געוואוינהייטען. אָבער מיר,
די אומגליקליכע אָפּשטאַמער פון אַ צערוטערטער און פאַרדאָרבע־
נער געזעלשאַפט, וואָס באַציהט זיך צו איהרע אָפּגעזונדערטע קינ־
דער ווי אַ שטיף־מוטער, און איז, אין איהרע ווילדע מאָמענטען, אַ
סך ווילדער צו זיי ווי אמת'ע ווילדע זיינען, טאָ ווי קענען מיר זיך
וואונדערען, נאָך אַזאַ גרויסער אויסערליכער שפּאַלטונג, וואָס עס
איז פאַראַן אַן אייביגע שפּאַלטונג צווישען די הערצער און אַן אומ־
מעגל·כקייט פאַר אַן אינגוועניגסטער האַרמאָניע?"

מען זעהט באַשיינפּערליך, אַז זשאָרזש זאַנד איז פיעל וויי־
ניגער איבערצייגט איידער שלייערמאַכער אין דער וואַרשיינ־
ליכקייט אָדער מעגליכקייט אַז דער מענש זאָל באַגעגענען די
„אמת'ע ליבע, וועלכע מאַכט פולקאָמען. זשאַק זאָגט: „איך בין
דאָך איבערצייגט אַז הייראַט איז איינס פון די באַרבאַרישסטע אינ־
סטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט. איך צווייפעל ניט, אַז זי וועט
אָפּגעשאַפּען ווערען ווען די מענשליכע געזעלשאַפט וועט ווייטער
פּראָגרעסירען אין דער ריכטונג פון יושר און שכל. איהר פּלאַץ
וועט פאַרנעמען אַ בונד וואָס איז מענשליכער און ניט ווייניגער
הייליג, און וועט פאַרזיכערען דאָס וואוילזיין פון די קינדער ניט
באַגרענעצענדיג די פרייהייט פון די עלטערען. אָבער דערווייל זיי־
נען מענער צו באַרבאַריש, און פרויען צו פּחדנ'יש צו פאָדערען אַ
געזעץ וואָס איז העכער פונ'ם אייזערנעם געזעץ אונטער וועלכען
זיי ווערען איצט רעגירט. באַשעפענישען וועלכע האָבען ניט קיין
געוויסען און קיין מאָראַל דאַרפען האָבען שווערע קייטען. די
אויסבעסערונגען פון וועלכע עס חלומ'ען געוויסע איידעלע גייס־
טער, קענען ניט פאַרווירקליכט ווערען אין אַזאַ צייט ווי די אונ־
זעריגע; די דאָזיגע גייסטער פאַרגעסען אַז זיי זיינען אַ הונדערט
יאָר ווייטער פון זייערע צייט־חברים, און אַז איידער זיי בייטען
די געזעצען דאַרפען זיי בייטען די מענשהייט". זשאַק זאָגט צו זיין

כלה אין טאָג פון זייער חתונה: „די געזעלשאַפט וועט דיר באַלד דיקטירען א שבועה. דו וועסט באַלד דארפען שווערען צו זיין טריי צו מיר און מיך צו פאָלגען, ד. ה. קיינמאָל ניט צו ליבען קיין אנדערען א חוץ מיך, און צו פאָלגען מיך אין אלע זאכען. איינער פון די דאָזיגע נדרים איז אַן אבסורד, דער אַנדערער — א שאַנד".

די אידעע וואָס זשאָרזש זאַנד דריקט אויס אין די דאָזיגע אלע ביכער איז אזא: די ווירקליכע אוממאָראַליטעט אין ליבע באַשטעהט אין אָפּהיטען איהר אויסוויינינגסטע ענליכקייט דורך קו־שען זיך א. אז. וו. בעת זי האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען. זשאַק זאָגט: „איך האָב קיינמאָל ניט געצוואונגען מיין כח הדמיון ווידער אָנצוצינדען אָדער אויפצולעבען אין מיין נשמה א געפיהל וואָס איך האָב דאָרט שוין ניט געפונען. איך האָב קיינמאָל ניט געקוקט אויף ליבע ווי אויף א חוב, און אויף שטענדיגקייט ווי אויף א ראָלע. ווען איך האָב געפיהלט אז די ליבע איז פאַרלאָשען אין מיין נשמה, האָב איך אזוי געזאָגט, און האָב זיך דערפון ניט פאַר־שעמט און מיין געוויסען איז געווען רוהיג". און „לוקרעציא פלאָ־ראַני" זאָגט נאָך אויסדריקליכער: „קיין איינע פון די ליידענשאַפ־טען וועלכע איך האָב זיך אונטערגעוואָרפען אזוי נאאיוו און בלינד, קוקט מיר ניט אויס צו זיין אזוי זינדיג ווי יענע, וועלכע איך האָב געוואָלט, להיפוך צו מיינע געפיהלען, מאַכען פאַר א דויערנדיגע."

די פראַנצויזישע שרייבערין דענקט, אז א שטענדיגע ליבע פאַר איינעם און דעם זעלביגען מענשען איז בלויז א מעגליכקייט, וואָס העננט אָפּ פון געוויסע באַדינגונגען. און איהר אידעע וועגען ליבע איז ניט ווי שלייערמאַכער'ס, אז זי איז א העכסטער ערצי־הונגס־כח, נאָר אז זי איז אַן אומווידערשטעהליכע נאַטירליכע קראַפט, א באַצווינגענדיגע ליידענשאַפט, זי איז שעהן, די שענסטע זאַך אין לעבען. אינסטיטוציעס דארפען זיך צופּאַסען צו איהר, וואָרים זי קען ניט בייטען איהר טבע כדי זיך אריינצופּאַסען אין אינסטיטוציעס. ווי רוסאָ'ס א שילערין נעמט זי זיך אָן פאַר דער נאַטור.

לאָמיר איצט א בליק טאָן אויף איינס פון די ווערק פון א דע־מאָלטדיגען ענגלישען שרייבער פון דער זעלביגער טענדענץ, אויף שעלי'ס „מלכה מאַב". אין די באַמערקונגען וואָס ער האָט צוגע־

נעבען צו דער דאָזיגער פּאָעמע קומען מיר צו אַ דריטען מין גענ־
נערשאַפט צו דער הערשענדיגער מיינונג. שעלי זאָגט: „ליבע
איז אַן אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט ווען איהר באַמערקט ליבליכ־
קייט. ליבע וועלקט אונטער אַ צוואַנג; איהר סאַמע תוך איז פריי־
הייט; זי איז ניט אין איינקלאַנג מיט פאָלגען, מיט אייפערזוכט,
און ניט מיט מורא; זי איז צום מעהרסטען ריין, פולקאָמען און
אומבאַגרענעצט ווען איהרע דינער לעבען אין צוטרוי, גלייכהייט,
און אָהן צוריקהאַלט... מאַן און ווייב דאַרפען לעבען צוזאַמען אַזוי
לאַנג ווי זיי ליבען זיך; יעדעס געזעץ וואָס וואָלט זיי געצוואונגען
צו לעבען צוזאַמען אַפילו אַ רגע נאָך דעם ווי זייער ליבע איז פאַר־
לאָשען, וואָלט געווען די ערגסטע טיראַניי, און אַזאַ וואָס פאַרדינט
צום ווינציגסטען אַז מען זאָל זי פאַרליידען. וואָסער שרעקליכע
פאַרכאַפּונג פונ׳ם רעכט פּריוואַט צו אורטיילען וואָלט געווען אַ
געזעץ וואָס וואָלט געמאַכט יעדע חבר׳שאַפט פאַר אומצעשיידבאַר
ניט קוקענדיג אויף די קאַפּריזען, אויף דער ניט־שטענדינקייט און
אויף דער פעלבאַרקייט פון מענשליכען גייסט און אויף זיין פע־
הינקייט זיך אויסצובעסערען. און די קייטען פון דער ליבע וואָל־
טען געווען אַ סך שווערער און וויניגער צו פאַרליידען ווי די
קייט פון חבר׳שאַפט, ווייל ליבע איז מעכטיגער און מעהר קאַפּריז־
נע, מעהר אָפּהענגיג אָן די דאָזיגע דעליקאַטע אייגענטימליכקייט
פון דער פאָרשטעלונג און וויניגער פעהיג זיך צו פאַרקלענערען צו
זיין גלייך צו די אָפענע פאַרדינסטען פון דעם וואָס מען ליבט... די
ליבע איז פריי; צוצוזאָגען אַז מען וועט אייביג ליבען די זעלביגע
פרוי איז ניט וויניגער אַבסורד ווי צוצוזאָגען צו האָבען דעם זעל־
ביגען גלויבען... דאָס איצטיגע צוואַנג־סיסטעם טוט גאָר ניט אויף,
אין די מעהרסטע פאַלען, אַ חוץ וואָס זי באַשאַפט היפּאָקריטען
אָדער אָפענע שונאים. מענשען מיט פיינקייט און מאָראַל, ווען זיי
פאַרבינדען זיך אומגליקליכער־ווייז מיט עמיצען וועמען זיי קענען
בשום אופן ניט ליב האָבען, פאַרשווענדען די טייערסטע צייט פון
זייער לעבען אויף דער אומזיסטער טרחה צו ערשיינען אַנדערש ווי
זיי זיינען, צוליב די געפיהלען פון זייער אַנדערער העלפט אָדער צו־
ליב דעם וואוילזיין פון זייער בשותפות׳דיג קינד. די וואָס האָבען
וויניגער איידעלקייט און פיינקייט זאָגען אָפען אַרויס זייער אַנ־

טווישונג, און זיי דערציהען די איבעריגע צייט פון זייער צוזאַמענדיג לעבען, וואָס בלויז דער טויט קען צעשיידען, אין אַ צושטאַנד פון אומהיילבאַרע קריגערייען און שנאה. די ערשטע ערציהונג פון די קינדער באַקומט איהר פאַרב פון די עלטערנס מחלוקת'ן. מען שפּייזט זיי אין אַ סיסטעמאַטישער שול פון בייזקייט, געוואַלט און פאַלשקייט... די איבערצייגונג, אַז אַ הייראַט קען זיך ניט אויפ־לייזען איז די שטאַרקסטע צוציהונג פאַר די אויסוואורפען. זיי לאָ־זען זיך אריין אין זידלערייען אָהן אַ גרעניץ און אַנדערע קליינע טיראַנען־ארבייט פון פאַמיליען לעבען, ווייל זיי ווייסען, אַז זייער קרבן קען זיך ניט העלפען... פּראָסטיטוציע איז דאָס געזעצליכע קינד פון הייראַט און איהרע ארומיגע פעלערען. פרויען ווערען געטריבען מיט שרעק פון די באַקוועמליכקייטען און סימפּאַטיען פון דער געזעלשאַפט, בלויז צוליב דעם פאַרברעכען וואָס זיי האָבען נעפאָלגט אַ באַפעהל פון אַ נאַטירליכען פאַרלאַנג. דאָס איז מען ווינציגער מוחל ווי מערדעריי... ווי באַלד אַ פרוי פאָלגט די אינ־סטינקטען פון דער אומפעלבאַרער נאַטור (Sic!) דערקלערט די געזעלשאַפט אַנטקעגען איהר אַ מלחמה, אַן אומדערבאַרמדיגע און אייביגע מלחמה. זי דאַרף זיין דער איינגעצאַמטער שקלאַף, זי טאָר זיך ניט נוקם זיין, דאָס רעכט צו פאַרפאָלגען געהערט צו זיי, דער חוב צו ליידען — צו איהר. זי לעבט אַ שענדליך לעבען; דאָס הויכע און ביטערע שפּאָט־געלעכטער וואַרפט אויף איהר אַן אַ מורא נקמה צו נעמען. זי שטאַרבט פון אַ לאַנגער און טליהענדי־גער קראַנקייט. און דאָך איז זי די שולדיגע, זי איז דער פאַרברעכער, און די געזעלשאַפט איז די ריינע, כשר'ע מאַדאַם, וואָס וואַרפט זי ארויס ווי אַן עופ'לע פון איהר אומבאַשמוצט לייב. יונגע לייט, וואָס די פאַנאַטישע אידעע פון צניעות שליסט זיי אויס פון דער געזעלשאַפט פון באַשיידענע און געבילדעטע פרויען, חבר'ן זיך מיט די דאָזיגע זינדיגע און אָרימע באַשעפענישען... צניעות איז אַ מאָנאַכישער און קירכליכער אבערגלויבען, אַ גרעסערער שונא פון נאַטירליכער איינגעהאַלטענקייט אפילו ווי גראָבע תאוה. זי טרעפט אין סאַמע וואָרצעל פון פאַמיליען גליק, און פאַרביטערט דאָס לעבען פון מעהר ווי אַ העלפט פון מענשליכען מין, כדי עט־ליכע זאָלען קענען האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויף מענשען לויט'ן געזעץ.

מען האָט גאָר ניט געקענט אויסטראַכטען קיין סיסטעם וואָס זאָל זיין אַ גרעסער שונא פון מענשליכען גליק איידער הייראַט. איך שטעל מיר פאָר אַז דער רעזולטאַט פון אָפּשאַפען הייראַט וועט זיין אַ פּאַסיגע און נאַטירליכע אַראַנזשירונג פון געשלעכטליכען פאַר־קער. איך זאָג בשום אופן ניט, אַז דער פאַרקער וואָלט געווען אַ געמישטער; פאַרקערט, עס קומט אויס, פון די באַציהונגען פון עלטערען צו קינדער, אַז אַזאַ פאַראייניגונג דויערט אין אַלגעמיין לאַנג, און איז העכער פון אַלע אַנדערע בנוגע איידעלקייט און אי־בערגעבענקייט... דער אמת איז, אַז רעליגיע און מאָראַל, לויט ווי זיי שטעהען איצט, שטעלען צונויף אַ פּראַקטישען שלחן ערוך פון צרות און שקלאַפעריי. דער געדאַנק פון מענשליכען גליק דאַרף אָפּרייסען יעדעס בלאַט פון גאָט'ס פאַרשאָלטען בוך איידער דער מענש וועט קענען איבערלייענען די אויפשריפט אויף זיין הארץ. אַ, ווי די מאָראַל וואָלט זיך דערשראָקען פאַר איהר אייגענער פאַר־שטעלטער מאַסקע ווען זי וואָלט אין איהר שטייפען קאָרסעט און אין איהר פּוץ אַ קוק געטאָן אין שפּיגעל פון דער נאַטור!"

דאָ זעהען מיר ווייטער ווי מען אַפּעלירט צו דער נאַטור; אָבער דער שטאַנדפּונקט איז אין גאַנצען אַן אַנדערער. שעלי, דער ענטוזיאַסטישער אַטעאיסט, שרייבט צו די הויפּט צרות פון דער געזעלשאַפטליכער מענשהייט צו דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע. די „אומפעלבאַרע" נאַטור איז די געטליכקייט וואָס ער שטעלט אַוועק אויפ'ן פּלאַץ פונ'ם גאָט פון דער תורה. ער דענקט, אַז דער מענש האָט אַ רעכט צו פאָדערן גליק און, ווי אַן אמת'ער ענגלענדער, קעמפט ער פאַר דער באַפרייאונג פונ'ם איינצעלנעם פון דער צוואַנג פון אויסווייניגסטע געזעצען, ניט אַריינטראַכטענדיג זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע פונ'ם ענין. שלייערמאַכער וואָרענט אַנטקעגען דעם וואָס איז „נאַריש", וואָרים ווי באַלד איהר מאַכט אַ נאַרישען טריט ווערט איהר געבונדען צו איהם; אָבער ער, דער פּראָטעסטאַנטישער גייסטליכער, אַגיטירט פאַר אַן אויפשטאַנד בלויז אומדירעקט. זשאָרזש זאַנד רעבעלירט אַנטקעגען אַלץ וואָס איז אַן אומ'כבוד. אינ'ם עטישען גלויבען פון דער פראַנצויזישער שרייבערין שפּילט כבוד דיזעלביגע ראָלע וואָס קלוגשאַפט שפּילט ביי שלייערמאַכער'ן. ווי זי דריקט זיך אויס דורך זשאַק'ס מויל, פּראָטעסטירט זי אין

נאָמען פון'ם כבוד פון דער מענשהייט, ווייל אזא איז איהר אידעאל פון מענשליכען כבוד. שעלי שיינט אַרויס ווי דער פאַרטיידיגער פון פערזענליכער פרייהייט; ק נ ע כ ט ש א פ ט, אַט וואָס ער וויל אָפּשאַפען. דער ענגלישער אַפּאָסטאָל פון פרייהייט, וועלכער ווערט באַלד א גלות־אַפריכטער, אַטאַקירט אָהן א ציטער די אינ־סטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט. זשאָרזש זאנד האָט קיינמאָל ניט אַטאַקירט די הייראַט דירעקט. זי זאָגט טאַקע אינ'ם אריינ־פיהר צו Mauprat: „איך האָב בלויז אַטאַקירט די מענער, און אויב מען פרעגט מיך וואָס איך שלאָג פאָר אויף זייער פּלאַץ, ענטפער איך: „הייראַט". אָבער שעלי, וועלכער באַמערקט אַלע איב־לען פונ'ם געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען שטאַנדפּונקט, שלאָגט פאָר אויסצובעסערען די מענשהייט דורך געזעצגעבונג, זייענדיג איבערצייגט, אז דער שטאַט איז מחויב צו פאַרזיכערען פאַר'ן איינצעלנעם אַלס בירגער אזוי פיעל פרייהייט אין האַנדלונג ווי־פיעל עס איז נאָר מעגליך.

מען זעהט קלאָר, אז פון די אַלע דריי פאָרטרעטער פונ'ם זעלביגען געדאַנק איז שלייערמאַכער דער טיפסטער און צוריקגע־האַלטענסטער. לויט זיין אָפּשאַצונג איז דער כאַראַקטער דאָס וויכ־טיגסטע, לויט זשאָרזש זאנד'ן איז דאָס וויכטיגסטע דאָס האַרץ, און לויט שעלי'ן — גליק. די דאָזיגע דריי גרויסע שרייבער זיי־נען די וואָרט־פיהרער פון דריי גרויסע פעלקער, און ווען מען פאַרגלייכט זיי קען מען בעסער פאַרשטעהן דעם תוך פון דער גאַנצער באַוועגונג, וואָס הייבט זיך אָן ביים אָנפאַנג פון יאָהר־הונדערט, אָבער וועלכע קען זיך ניט איינשטעלען אין באַשטימטע פאָרמען און קען ניט אַרויסברענגען קיין גוטע באַרוהיגענדע רע־זולטאַטען ביז די אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפטליכע עמאַנצי־פּאַציע פון דער פרוי וועט דערגרייכען אזא מדרגה, אז זי וועט זיין אומאָפּהענגיג פון געזעלשאַפטליכע פאָראורטיילען, וועט ווי־סען איהר אייגענע גויטען און וועט האָבען די מעגליכקייט זיי צו באַפרידיגען.

קאַפּיטעל 9.

וואַקענראָדער: ראָמאַנטיזם און מוזיק.

וואַקענראָדער'ס ביכעל; ווי ער שילדערט זיך אין זיין העלד בערגלינגער; דער אַנעקדאָט מיט'ן הונט; טיק און וואַקענראָדער; די קאַטוילישע טענדענץ; טיק'ס ענטוזיאַזם פאַר מוזיק; נאָוואליס'עס הסכמה; די קלינג־קלאַנג לידער; טיק'ס שפּראַך־מוזיק; האָפמאַן געהט נאָך ווייטער.

אין זיינע „בריעף וועגען לוצינדע" האָט שלייערמאכער, דער שטאָלצער, דער בכבוד'ער, אָנגעשטרענגט זיין גאַנצען שכל צו געפינען אינ'ם בוך עפּעס וואָס איז פאַרענדיגט, וואָס האָט אַ זין. ער האָט אריינגעטראָגען אַהין זיינע פּערזענליכע מיינונגען. אָבער זיין פּאָזיציע איז געווען אַ פאַלשע. באַהאַנדלענדיג אַן אומרעאַל בוך, האָט ער פּרובירט צו פאַרענטפערען אַ רעאַלע פראַגע, צו שטיצען אַ פרייען, העכערען מאָראַלען שלחן ערוך אויף אַ ווערק וואָס, אנשטאַט צו טאָן דאָס וואָס עס האָט געזאָלט טאָן, דהיינו, באַווייזען די מעגליכקייט צו מאַכען פּאָעזיע פון לעבען, האָט עס בלויז דערציילט וועגען די פאַנטאַסטישע ספּעקטאַקלען פון עט־ליכע טאַלאַנטירטע מענשען, וועלכע האָבען צעזייט גדאַנקען וועגען פּאָעזיע אין אַ ווילדער, צעלאָזענער ווירקליכקייט.

„לוצינדע" איז אין תוך געווען פּוסט. און אָט דער פּוסטער, ליידיגער אידעאַליזם איז אַ שטריך וואָס אַלע פאַרשידענע פאַר־צווייגונגען פונ'ם ראָמאַנטיזם פאַרמאָגען. געטע'ס פּראָמעטע־אוס שרייט צו צעאוס'ן: „האָסטו זיך פאַרגעשטעלט אַז איך וועל האַסען דאָס לעבען, אַז איך וועל אַנטלויפען אין דער מדבר, ווייל אַלע מיינע טרוימען־בליטען זיינען ניט רייף געוואָרען?" אַזוי רעדט אַ פּראָמעטעאוס, אַזוי רעדט אַ געטע. עס איז אָבער גע־ווען גאַנץ נאַטירליך, אַז דער דאָזיגער געפיהלפולער יונגער דור זאָל ארויסברענגען אַ גרופּע שרייבער וועלכע, טאָקע דערפאַר וואָס

זייערע „טרוימען־בליטען זיינען ניט רייף געוואָרען״, צוליב דער פאַרצווייפעלטער אומצופרידענהייט מיט דער ווירקליכקייט, האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ליידיגער לופט און האָבען נאָכגע־פאָלגט שאָטענס, וועלכע זיי האָבען עקשנות'דיג געוואָלט באַ־שענקען מיט אַ קערפּערליכער עקזיסטענץ, און זיי האָבען געהאַל־טען אַז בלויז קונסט און פּאָעזיע, און זייער עלעמענט און אָרגאַן— דער כח הדמיון, זיינען וויכטיג און לעבעדיג, אָבער אַלע אַנדערע זאַכען (מיט אַנדערע ווערטער, דאָס ווירקליכע לעבען) איז, פּונקט ווי וואולגאַרע פּראָזע, זינלאָז, נאָך מעהר, שלעכט אין די אויגען פון'ם גאון. *)

און פון דעסטוועגען זיינען די ערשטע פּרעדיגער פון דער דאָזיגער נייער טעאָריע געווען ווייט פון ווילדקייט אָדער עזות־פּנים'דיגקייט. דאָס ערשטע פּנים וואָס קומט אַקעגען אונזער בליק איז פּונקט פאַרקערט, עס איז מאָדנע איידעל, עס געהערט צו די ריינסטע און מילדסטע אין דער גאַנצער מאָדערנער ליטע־ראַטור — דאָס בלאַסע, פיינע פּנים פון וואַקענראָדער'ן.

דער ראָמאַנטישער ענטוזיאַזם פאַר קונסט האָט זיך לכתחילה אויסגעדריקט אין אַ דעליקאַט שטיקעל אַרבייט פון דער פעדער פון אַ וואַרעמען בחור ביי וועמען דאָס לעבען איז פאַרקירצט גע־וואָרען אַ דאַנק דעם קאָנפליקט צווישען זיין ברענענדיגען פאַרלאַנג צו לעבען פאַר דער קונסט און דער פליכט וואָס זיין פאָטער האָט אויף איהם אַרויפגעצוואונגען צו פאַרנעמען זיך מיט אַ פּראַקטי־שער פּראָפעסיע. ער איז געשטאָרבען מיט לחלוטין אויסגעשעפּ־טע כחות אין זיין פינף און צוואַנציגסטען יאָר. זיין לעבען איז געווען ווי אַ מילד, לייכט ווינטעל וואָס וואַרעמט די לופט אין אַן ערשטען פרילינג טאָג, און רייצט די ערשטע בלומען. זיינע בריף צו טיק'ן, וועלכער איז געווען זיין אינטימער פריינד, און וועמען ער האָט אָהן אַ שיעור באַוואונדערט, ווייזען אַרוים כמעט אַ מיי־דעלשע ליבע פאַר'ן דאָזיגען מענשען, וועלכער איז געווען מענלי־כער און באַרימטער.

אין יעדער, מעהר אָדער ווייניגער וויכטיגער ביבליאָטעק,

*) Hettner, Die romantische Schule, 48.

מעג מען זיך זיכער ריכטען צו געפינען אַ קליין, שעהן־געדרוקט ביכעל, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין 1797, און רופט זיך
Herzeensergiessungen eines kunstliebenden Kloster-bruders
(„השתפכות הנפש פון אַ קונסט־ליבהאָבער, אַ מאָנאַך") דעם שרייבער'ס נאָמען ווערט ניט אָנגעגעבען. פאַראַן אַ וויניעט, ראַפאַעל'ס קאָפּ, וועלכער זעהט אויס מיט די גרויסע אויגען, פולע ליפּען, און שלאַנקען האַלז, וואָס מען גיט אָן אין זיינע פּאָרטרעטען, ווי עפּעס אַ הויך אינטעלעקטועלער קריסטליכער דינער פון וועניס'ן, וואָס איז שוין ווייט פאַרגאַנגען אין שווינדזוכט. די אויפשריפט אונטער'ן בילד איז ניט בלויז „ראַפאַעל", נאָר „דער געטליכער ראַפאַעל", ד. ה., דער ראַפאַעל פון די ראָמאַנטיקער. דאָס דאָזיגע געשמאַקע ביכעלע איז אַ מין ערשטע צעל פון'ם גאַנצען ראָמאַנטישען אָרגאַניזם. ארום איהם גרופּירען זיך די שפּעטערדיגע ווערק. כאָטש עס קומט ניט ארויס פון אַ מעכטיגער שאַפענדיגער קראַפט, איז אָבער זיין באַפרוכפּערונג כח געוועזען וואונדערליך גרויס. עס איז אַ בוך וואָס פאַרמאָגט בלויז פלאַנלאָזע, ארומפלעכטענדיגע אידעען, בלויז פּאַסיווע איינדרוקען; נאָר דער וואַקס אין וועלכען די איינדרוקען זיינען איינגעקריצט איז אַזוי ריין, אַז די איינדרוקען זיינען פעסט און בולט. דער נאָמען איז ניט פאַרפירעריש. דער שרייבער גיסט אויס זיין האַרץ אין אַ שטראָם פלאַמענדיגען און רעליגיעזען ענטוזיאַזם פאַר קונסט, אויסדריקענדיג עטליכע איינפאַכע אידעען אויף אַן איינפאַכען אומרעטאָרישען אופן. די איינציג דערלויבטע שטעלונג צו קונסט פאַר אַ מאָנאַך, איז איבערגעגעבענקייט. גרויסע אַרטיסטען זיינען אין זיינע אויגען געבענשטע, הייליגע צדיקים. זיין באַוואונדערונג פאַר זיי איז די באַוואונדערונג פון אַ קינד. אין דער שאַפונג פון דאָזיגען בוך האָט טיק מעהר ווי איין מאָל צוגעהאָלפען וואַקענראָדער'ן. אָבער די איינפאַכע ביאָגראַפיע פונ'ם יונגען מוזיקער, יאָזעף בערגלינגער, איז אין גאַנצען וואַקענראָדער'ס ארבייט. בערגלינגער'ס איידעלער כאַראַקטער דערמאָנט אונז אָן יאָזעף דעלאָראָם'ען, דעם פּיקטיוועז העלד, אין וועמען

דער יונגער ראָמאַנטיקער, סענט בעוו, האָט זיך אליין געשילדערט. בערגלינגער איז וואַקענראָדער. פונקט ווי וואַקענראָדער שטעלט ער זיך אנטקעגען דעם באַשלוס פון זיין פאָטער, אַז ער זאָל ניט ווערען קיין אַרטיסט, און גלייכצייטיג פירט ער אָן נאָך אַ שטאַרקערן קאַמף מיט זיך אליין בנוגע זיין פּאָזיציע אין באַצוג צו קונסט. עס באַפאַלט איהם אַ מורא — וועלכע, ווי מאָדנע עס זאָל ניט קלינגען, באַגעגענט דעם יונגען ראָמאַנטיזם דאָ, אויף דער סאַמע שוועל, ווי אַ שאָטען פון זיין מזל — די מורא טאָמער וועט ער ווערען אומפעהיג פאַר'ן אמת'ן לעבען ווען ער וועט צו טיף פאַרזינקען אין דער קונסט. ריקערט האָט מייסטערהאַפט אויסגעדריקט די דאָזיגע אידעע אין די פאָלגענדע שורות:

Die Kinder, lieber Sohun, der Gaukelschwertverschlucker
In Madras uben sich nicht an Confect und Zucker,
Von Bambus lernen sie die Spitzen zu verschlingen,
Um wachsend in der Kunst es bis zum Schwert zu bringen.
Willst du als Mann das Schwert der Wissenschaft verdaun,
Musst Du als jungling nicht Kunstzuckerbrodchen kaun. *)

יאָזעף דריקט עס אויס אַזוי: די קונסט איז אַ רייצענדיגע, פאַרבאָטענע פרוכט; דער וואָס האָט אַמאָל פאַרזוכט איהר זיסע, אינוויינינגסטע זאַפט איז אַ פאַרפאַלענער פאַר דער אַקטיווער, לעבעדיגער וועלט. די נשמה וועלכע די קונסט האָט צעוואַרימט, איז צעטומעלט און הילפלאָז ווען זי געפינט זיך פנים אל פנים מיט דער ווירקליכקייט. יאָזעף אַליין ווערט באַפרייט פונ'ם דאָזיגען אומגליקליכען צושטאַנד ערשט ווען הערליכע מוזיק הייבט איהם אויף איבער די צרות פון דער ערד. אָבער ער ווערט באַהערשט פון זיינע שטימונגען. ער פאַרגלייכט גאַנץ טרעפליך זיין נשמה צו דער „עאָלישער האַרף, וועמעס סטרונעס עס ציטערען

---

*) די קינדער פון די קונצענמאַכער וועלכע שלינגען שווערדען
אין מאַדראַס, איבען זיך ניט אויף קיין נאַשערייען.
זיי לערנען זיך די באַמבוס שפּיצען צו פאַרשלינגען,
זיי זאָלען ווייטער־צו עס ביז דער שווערד דערפירען
ווילסטו די שווערד פון וויסענשאַפט פאַרשלינגען גרויסערהייט
דאַרפסטו נאָך אינגעלווייז פון קיכעלעך ניט לעבען.

אויף פון אַן אָטעם וואָס קומט, קיינער ווייס ניט פון וואַנען, און אויף וועלכע די בייטענדיגע ווינטלעך שפּילען ווען זיי ווילען.״ מוזיק איז געווען די קונסט וואָס וואַקנעראַדער האָט געליבט און צום בעסטען פאַרשטאַנען; אין זיינע „פאַנטאַזיעס איבער דעם ענין פון קונסט״, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען נאָך זיין טויט, שטעלט ער זי אַוועק העכער פון אַלע אַנדערע קונסטען.

וואַקענראָדער איז ענליך צו נאָוואַליס׳ן בנוגע זיין גייסטיגען צוזאַמענשטעל, אָבער ער האָט פאַרמאָגט נאָך ווינציגער פעהיגקייט אַנטקעגען צו שטעלען זיך די שטורעמס פון לעבען. ער איז געווען אויף אַ געוויסער מאָס גוטהאַציג און גלויביג, דאָס איז געווען אַן עכטע ראָמאַנטישע גלויביגקייט, וואָס האָט אומעטום געזעהן סודות און נסים. די דאָזיגע נייגונג זיינע האָט געבראַכט דערצו אַז זיינע חברים זאָלען איהם אָפטאָן שפּיצלעך, כאָטש זיי אַליין זיינען אַלע געווען מעהר אָדער ווייניגער עלול צו זעהן האַלוצינאַציעס און געניינט צו גלויבען אין נסים. אַ באַריכט פון אַזאַ סאָרט שפּיצעל איז פאַרבליבען, אַזאַ אַנעקדאָט וואָס מען קען געפינען בלויז אין דער ביאָגראַפיע פון אַ ראָמאַנטיקער. אין דער אמת׳ן דאַרף מען זעהן די ראָמאַנטיקער אין זייער טאָג־טעגליך לעבען, און ביי זייערע שרייב־טישען כדי צו פאַרשטעהן זייערע טעאָריעס. וואַקענראָדער איז געווען אַ סטודענט מיט התמדה, און האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט קיין לעקציע מיט זיין אייגענעם ווילען. צוויי פון זיינע ווינציגער געוויסענהאַפטע פריינט זיינען אריין אין זיין צימער אין דער שעה פון אַ געוויסער לעקציע, וויסענדיג אַז ער וועט אין דער היים ניט זיין, און האָבען צוגעבונדען אַ הונט צו דער שטול לעבען זיין שרייב־טיש, אין אַ זיצענדיגער פּאָזע.ביידע לאַפּעס האָבען זיי פאָרזיכטיג אַוועקגעלייגט אויף אַ גרויס בוך וואָס איז געלעגען אָפען אויפ׳ן טיש. די קלוגע חיה, וואָס איז געווען געוואוינט צו אַזעלכע קונצען, איז געזעסען שטיל אין דער דאָזיגער לעבערליכער פּאָזיציע, און די צוויי פריינד האָבען זיך באַהאַלטען אין אַ דערבייאיג צימער צו זעהן וואָס עס וועט אַרויסקומען פון זייער קאָנספּיראַציע. אהיים קומענדיג אַ ביסעל פריהער ווי געוויינליך צו נעמען עטליכע פּאַפּירען, וועלכע ער האָט פאַרגעסען, איז וואַקענראָדער געבליבען

באַוועגלאָז, נשתומם, גאַפּענדיג אויפ'ן הונט און זיין נייער מלאכה. אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט צו פאַרנאַכלעסיגען זיין פליכט און ניט ווילענדיג מאַכען אַ סוף צו דער מערקווירדיגער ערשיינונג, האָט ער פּאַמעלעך גענומען די פּאַפּירען פון טיש און פאַרלאָזען דאָס צימער. ביינאַכט, ווען קיינער האָט ניט ארויסגעוויזען קיין פאַרלאַנג צו רעדען האָט ער פּלוצלונג איבערגעריסען די שטילקייט זאָגענדיג מיט גערירטקייט: „מיינע פריינד, איך וויל אייך זאָגען אַ וואונדערבאַרע זאַך: אונזער שטאַלמייסטער (דער הונט) קען לייענען".*)

לייענט זיך דאָס ניט ווי אַ סצענע פון טיק'ס „קעצעל אין שטיוועל" אָדער האָפמאַנ'ס מעשה פון'ם הונט בערגאַנצאַ? קוקען די דאָזיגע ביכער ניט אויס צו זיין, כאָטש זיי זיינען מאָדנע אומרעאַל,ווירקליכע קאָפּיעס פון'ם פּריוואַטען לעבען פון די ראָמאַנטיקער? אין „קאַטער מור" זאָגט די קאַץ: „אין צימער פון מיין בעל הבית האָט מיך קיין זאַך ניט אזוי צוגעצויגען ווי דער שרייב־טיש, וועלכער איז געווען פאַרזייט מיט ביכער, מאַנוסקריפּטען און אַנדערע מערקווירדיגע אינסטרומענטען. איך וואָלט געקענט רופען דעם דאָזיגען טיש אַ צויבער קרייז וואוהין איך בין געגען מיין ווילען אריינגעצויגען געוואָרען, און די גאַנצע צייט האָב איך געפיהלט אַ יראת הכבוד, וואָס האָט ניט דערלאָזט אַז מיינע נייגונגען זאָלען מיך גלייך בייקומען. אָבער אמאָל, ווען מיין בעל הבית איז ניט געווען, האָב איך איבערגעוועלטיגט מיין מורא און בין ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן טיש. וואָסער גליק צו זיצען צווישען די פּאַפּירען און ביכער און ארומנישטערן אין זיי!" דערנאָך גיט זי אַ פּלינקען עפּען אויף אַ גרויס בוך מיט איהרע לאַפּעס און סטאַרעט זיך צו לייענען די געדרוקטע צייכענס. אָבער אין דער זעלביגער רגע ווען די קאַץ פיהלט ווי אַ מערקווירדיגער גייסט באַזעצט זיך אין איהר, ווערט זי פאַרציטערט פון איהר בעל הבית, וועלכער קומט אריין מיט אַ געשריי „פאַרשאָלטענע חיה!" און לויפט צו צו איהר מיט אַ שטעקען. נאָר ער ציהט זיך גלייך צוריק, אויסרופענדיג: „קאַץ, קאַץ, דו לייענסט! דאָס

*) Kopfe: Tiecks Leben I, 177.

טאָר איך ניט און וועל דיר ניט שטערען. מיט וואָסער וואונדער־ליכען פאַרלאַנג צו וויסען דו ביסט געבוירען געוואָרען!"

אזא סצענע קען מעהר ניט קלינגען ווי אומנאַטירליך אין א ריין פאַנטאַסטישער מעשה בעת מיר האָבען געזעהן וואָס עס קען זיך טרעפען אין אמת'ן לעבען. עס דוכט אזוי ווי מיר וואָלטען געזעהן ווי דער רעגענבויגען פון דער פאַנטאַסטישער פאָרשטע־לונג שפּרייט אוים זיין געוועלב איבער דער גאַנצער ראָמאַנישער באַוועגונג פון איהר ערשטען מילדען, כאַטש ערנסטען, אָנזאָגער, ביז איהר לעצטען כשופ'דיגען, אריסטאָקראַטישען וואָרט־פירער, פון וואַקענראָדער'ן ביז האָפמאַנ'ען. ווען מיר באַגעגענען אין „טיק'ס לעבען" אָהן א שיעור באַריכטען פון ענליכע האַלוצינאַ־ציעס, הייבען מיר אָן חושד צו זיין אז ס'איז ניטאָ קיין זאַך, ווי פאַנטאַסטיש זי זאָל ניט זיין, וואָס מען קען געפינען אין די שריפ־טען פון די ראָמאַנטיקער, וואָס זייער פיבערישע פאַנטאַזיע האָט זיי ניט איינגערעדט אז זיי זעהען זי אין אמת'ן לעבען.

עס איז זעהר און זעהר אינטערעסאַנט צו באַמערקען, ניט בלויז די ווירקונג וואָס וואַקענראָדער'ס שטימונגען און געפיהלען האָבען אויף טיק'ן, נאָר אויך ווי אזוי טיק, וועלכער געפינט זיך אונטער אזא איינפלוס, באַטייליגט זיך אין וואַקענראָדער'ס אַר־בייט. דאָס ערשטע וואָס מיר באַמערקען איז, וואָס טיק, וועלכער האָט ביז איצט, בלויז אין די באַפרייאונג־מאָמענטען פון זיין שאַ־פען, געקענט אַרויס'כשופ'ן פון דער פינסטערניש ווילּיאַם לאָ־וועל־אַרטיגע שטימונגען און געבען זיין רייכען טאַלאַנט פרייע באַוועגליכקייט, לערנט פון וואַקענראָדער'ן צו גלויבען אין כח הדמיון און אין קונסט ווי מעכטיגע כחות אין מענשליכען לע־בען, און דורך דעם איז ער געקומען צום איינציגען פעסטען באַ־זים פאַר א וועלט אַנשויאונג, וועלכע ער האָט אַמאָל דערגרייכט. דאָס צווייטע איז, דער וויינינגער אומאָפּהענגיגער גייסט פון אָט די צוויי, געהענדיג אין וואַקענראָדער'ס טריט, שטרייכט ער אונטער אַלע זיינע טענדענצען, פירענדיג זיי צו ווילד־פאַנטאַסטישע, דאָך נאַטירליכע שלוסען.

בלויז אין די דאָזיגע טיילען פון דעם „השתפכות הנפש", וואו טיק האָט מיטגעאַרבייט ערשיינט די קאַטוילישע טענדענץ

אומפאַרשטעלט. טיק איז יענער, וואָס מאַכט אַז דער מאָלער אַנ־טאָניאָ זאָל פאַרגעטערן ניט בלויז די קונסט, נאָר אויך „די הייליגע בתולה און די הייליגע אַפּאָסטאָלען״; און דאָס ווערטעל, אַז די אמת'ע ליבע פאַר קונסט דאַרף זיין אַ „רעליגיעזע ליבע אָדער אַ באַליבטע רעליגיע״, געהערט טאַקע טיק'ן. אָבער דאָס מערקווירדיגסטע פון אַלץ, ווי אַ ביאָגראַפישער דאָקומענט, איז אַ בריוו, וועלכען טיק האָט זיכער געשריבען, כאָטש ער האָט עס געלייקענט, דער בריוו אין וועלכען אַ יונגער מאַן, אַלבערט דירער'ס אַ תלמיד, וואָס איז געקומען קיין רוים שטודירען קונסט, באַשרייבט זיין איבערגאַנג צום קאַטאָליציזם. עס קומט פאָר אין דער קירך פון הייליגען פעטער. „די קלינגענדיגע לאַטיינישע זמירות, וועלכע האָבען דורך זייער שטייגען און פאַלען לורכגעדרונגען די וואַקסענדיגע מוזיקאַלישע קלאַנגען פונקט ווי שיפען וואָס שניידען זיך דורך די כוואַליעס פון'ם ים, האָבען דערהויבען מיין נשמה אַלץ העכער און העכער. ווען די מוזיק האָט אַדורכגענומען מיין גאַנצע נשמה און איז געפלאָסען אין אַלע מיינע אָדערען, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון מיין אינערליכער ארייגעטראַכטקייט און זיך ארומגעקוקט, און דער גאַנצער טעמפּעל האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין לעבעדיג, אַזוי פאַר'שכור'ט בין איך געוועזן מיט דער מוזיק. אין דער זעלביגער רגע איז שטיל געוואָרען; אַ גלח איז צוגעגאַנגען צום הויכען אַלטאַר און מיט אַן איינדרוקספולער באַוועגונג האָט ער הויך אויפגעהויבען דאָס הייליגע ברויט אין די אויגען פון פאַרזאַמעלטען עולם. אַלע זיינען געפאַלען אויף זייערע קניהען, און טרומייטען, און איך ווייס ניט וואָסערע מעכטיגע אינסטרומענטען, האָבען אַריינגעדונערט און אַריינגעשאַלט דעם גייסט פון יראת הרוממות אין מיין סאַמע נשמה. דערנאָך האָט זיך מיר פּלוצלונג אויסגעוויזען אַזוי ווי דער גאַנצער קניהענדיגער עולם וואָלט געבעטען פאַר מיין נשמה און איך האָב אויסגעמישט מיינע תפלות מיט זייערע.״

די דאָזיגע ציטאַטע איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל זי אַנטהאַלט אַ זיכערען באַווייז (וואָס דער גרינדליכסטער פון אַלע באָאָבאַכטער און קריטיקער, העטנער, האָט פאַרזעהן), אַז די נייגונג צום קאַטאָליציזם האָט געהאַט איהרע וואָרצלען אין סאַמע

ערשטען פּרינציפּ פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג. סיי העטנער און סיי יוליאַן שמיט גיבען צו צופיעל וויכטיגקייט צום פאַקט אַז שלעגעל, אויף דער עלטער, איז זיין גוט־באַקאַנטען בריף צו אַ פראַנצויזישער דאַמע, שרייבט צו זיין קאַטוילישע נייגונג צו אַ predilection d'artiste (קינסטלער נאַטור). וואָרים די אורזאַך, דער אורשפּרונג פון דער קינסטלער נאַטור ליגט אינ'ם אָפּקערען זיך פון ראַציאָנאַלקייט.

אָבער די קאַטוילישע נייגונג איז ניט געווען די איינציגע נייגונג וואַקענראָדער'ס אָן וועלכער טיק און זיין שול האָבען זיך אָנגעכאַפּט און מגזם געווען. אין די „פאַנטאַזיעס איבער דער קונסט" לויבט וואַקענראָדער די מוזיק ווי די קונסט פון אַלע קונ־סטען, די קונסט וואָס, מעהר פון יעדער אַנדערער, איז פעהיג אָפּ־צוהיטען און קאָנדענסירען די געפיהלען פון מענשליכען הארצען, צו לערנען אונז, „פיהלען די געפיהלען". וואָס דען, וואָס נאָך האָבען די ראָמאַנטיקער געפיהלט? דאָס איז געווען ווי אָנגע־מאָסטען פאַר טיק'ן. וואַקענראָדער האַלט מוזיק העכער פון פּאָ־עזיע און באַהויפּט, אַז די שפּראַך פון דער מוזיק איז אַ סך רייכער. צו וועמען זאָל דאָס אַפּעלירען אַזוי שטאַרק ווי צום מענשען וועמעס לידער זיינען גיכער אַן אויסדרוק פון דער שטי־מונג אין וועלכער מען שרייבט פּאָעזיע איידער פּאָעזיע אַליין, ניכער קונסט־שטימונגען איידער קונסט־ווערק?

טיק געהט ווייטער פון וואַקענראָדער'ן און ער קלייבט אויס פון דער מוזיק די אינסטרומענטאַלע מוזיק אַלס די איינציגע וואו די קונסט איז ווירקליך פריי, באַפרייט פון אַלע באַגרענעצונ־גען פון דער דרויסיגער וועלט. אויך האָפמאַן, וועלכער איז גע־ווען סיי אַ מוזיקער און סיי אַ דיכטער, רופט אָן די אינסטרומענ־טאַלע מוזיק די ראָמאַנטישסטע פון אַלע קונסטען. און דאָס וואָס פונקט אין יענער צייט עמאַנציפּירט בעטהאָווען די אינסטרומענ־טאַלע מוזיק און הייבט זי אויף צו איהר העכסטער אַנטוויקלונג, קען דערמאָנט ווערען ווי אַ מערקווירדיגער ביישפּיל פון דעם צוזאַמענהאַנג וואָס עקזיסטירט תמיד צווישען די גרויסע אינטע־לעקטועלע ערשיינונגען פון אַן עפּאָכע, ווי אַ שטאַרקער באַוויז פונ'ם פאַקט אַז די ראָמאַנטיקער, מיט זייער גאַנצער כלומר'ש־

טער און ווירקליכער אומאָפּהענגיגקייט און ספּאָנטאַניטעט, האָ־בען זיך אומבאַוואוסט אונטערגעגעבען און נאָכגעפאָלגט אַן אַל־געמיינער טענדענץ.

אַזוי ווי דער ענטוזיאַזם פאַר דער מוזיקאַלישער טיפקייט און דעם מוזיקאַלישען פייער האָט זיך אַזוי אַרום אַריינגעריסען אין דער ליטעראַטור, איז טיק באַלד געקומען דערצו אַז ער האָט געהאַלטען דעם געפּיהלפולען מעלאָדישען קלאַנג פאַר דער איינ־ציג אמת׳ער, דער איינציג ריינער פּאָעזיע. זיין „ליבעס געשיכטע פון דער שעהנער מאַגעלאָנע״ איז אַ גוטער ביישפּיעל דערפון. אפילו אין דער פּראָזאַאישער טייל פון דער מעשה געפינט מען בלויז קלאַנגען און אָפּקלאַנגען, דאָס איז דעם העלד׳ס געפּיהלען און די לאַנדשאַפט וואָס דינט ווי אַ הינטערגרונד פאַר זיי. דער גראַף הערט גאָר ניט די קלאַנגען אַרום איהם; ווייל „די מוזיק אַרום איהם האָט פאַרטרונקען דאָס רוישען פון די ביימער און דאָס שפּריצען פון די פאָנטאַנען״. און די דאָזיגע אינערליכע מוזיק ווידער ווערט פאַרטרונקען פון די זיסע טענער פון ווירקליכע אינ־סטרומענטען. „די מוזיק איז געפלאָסען ווי אַ מורמלענדיג טייַ־כעל און ער האָט געזעהן דעם צויבער פון דער פּרינצעסין זיך וויגענדיג אויף אַ זילבער שטראָם, געזעהן ווי די כוואַליעס קושען דעם זוים פון איהר קלייד... מוזיק איז איצט געוועזען די איינציגע באַוועגונג, דאָס איינציגע לעבען אין דער נאַטור״. דערנאָך שטאַרבט אָפּ די מוזיק. „ווי אַ שטראָם בלוי ליכט״ פאַרשווינדט זי אינ׳ם רוים; און דערנאָך ערשט הייבט דער ריטער אַליין אָן צו זינגען.

אין „גאָרטען פון פּאָעזיע״ ווענען וועלכען מיר לייענען אין „צעברינאָ״ זינגט אַלץ, די רויזען און די טוליפּען, די פייגעל און די בלויקייט פון הימעל, פאָנטאַנען און שטורעמס, שטראָמען און גייסטער, אַלץ זינגט. אין „בלויען פויגעל״ לייענען מיר, אַז „די בלומען האָבען זיך געקושט מעלאָדיש״. אין דער דאָזיגער ליטע־ראַטור האָט אַלץ זיין מוזיק, — דאָס לבנה־ליכט, ריחות, מאַלע־ריי, אַלץ. אָבער פון דער אַנדערער זייט לייענען מיר ווענען די שטראַלען, דעם פאַרפום, און די פאָרמען פון מוזיק: „זיי האָבען געזונגען מיט מעלאָדישע העלזער צו טאַקט פון דער מוזיק פון די

לבנה שטראַלען". דער ראָמאַנטיזם האָט זיי אָפּגעווענדט פון דער מאַטעריעלערווירקליכקייט. אַ באַשטימטע, קערפּערליכע פאָרם, נאָך מעהר, אַ בולט'ע פאָרשטעלונג פון גייסטיגע צושטאַנדען איז פאַר זיי געווען אוממעגליך. ניט דאָס האָבען זיי געמיינט. אין זייערע אויגען אין דאָס ממשות'דיגע געווען גראָב און וואולגאַר. יעדע בולט'ע כאַראַקטעריסטיק צערינט אין עפּעס אַ מין אויפלייזענדיגען בליק. זיי האָבען מורא צו פאַרלירען אין טיפקייט און אומענדליכקייט, דורך דעם וואָס זיי וואָלטען אפשר געקענט געווינען אין צוריקגעהאַלטענקייט און אין פּלאַסטישער קראַפט.

אַלע וואָרט־פירער פון דער שול זיינען מסכים דערצו. דער ערשטער און וויכטיגסטער איז נאָוואַליס. זיינע „הימנען צו דער נאַכט", און אַלע זיינע לירישע לידער זיינען אין דער אמת'ן פּאָעזיע פון דער נאַכט און פון בין השמשות, און אין דער טונקעלקייט זיינען בולט'ע שטריכען אוממעגליך. זיין פּסיכאָלאָגישער צוועק איז, ווי ער אליין זאָגט, צו דערגרונטעווען די נאָמענלאָזע, אומבאַוואוסטזיניגע קרעפטען פון דער נשמה. דערפאַר איז זיין עסטעטישע טעאָריע, אַז די שפּראַך דאַרף ווערען מוזיקאַליש כדי זי זאָל ווידער ווערען אַ ליד; און ער האַלט אויך, אַז אין פּאָעטישער ארבייט דאַרף ניט זיין קיין שום איינהייט אַ חוץ די איינהייט פון גייסט די איינהייט פון דער אידעע און פון דער האַנדלונג איז ניט נויטיג. „מען קען זיך פאָרשטעלען, זאָגט ער, דערציילונגען מיט ניט מעהר צוזאַמענהאַנג ווי עס איז דאָ אין די פאַרשידענע טיילען פון אַ חלום, לידער וואָס זיינען מעלאָדיש און פול מיט שעהנע ווערטער, נאָר זיי האָבען ניט קיין געדאַנק און קיין פאַרבינדונג; דאָס העכסטע איז אַ באַגרייפליכער סטראָף דאָ און דאָרטען, ווי שטיקער פון לחלוטין אומפאַרבונדענע זאַכען. די דאָזיגע אמת'ע פּאָעזיע קען, פאַרשטעהט זיך, בלויז האָבען אַן אַלגעמיינע אַלעגאָרישע באַדייטונג און אַן אומדירעקטע ווירקונג, ווי מוזיק."

ווי געגנצליך דאָס האַרמאָנירט מיט פרידריך שלעגעל'ס טעאָריעס! שלעגעל, וואָס זיין טבע איז באַשטאַנען פון אַ רייה שטימונגען, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט גענוג ווילענס־קראַפט אויסצופירען אַ פּלאַן, וואָס זיין אייגענע קאַריערע איז ענליך

צו אַן אַראַבעסק וואָס האָט אַ בעזים־אַרטיגען אָנהייב און ענדיגט זיך מיט אַ צלם געמאַכט פון אַ גאָפּעל מיט אַ מעסער, ער זאָגט: „דער אַראַבעסק, וואו די ליניע אַליין ווייזט זיך איינפאַך מוזיקאַ־ליש, איז די עלטסטע, די אורשפּרינגליכע פאָרם אין וועלכער עס דריקט זיך אויס די מענשליכע פאַנטאַזיע. זיינע קאָנטורען זיינען ניט בולט'ער פון די קאָנטורען פון די וואָלקענס אין אָוונט הימעל". דער דאָזיגער געדאַנק איז אַ טרעפליכער ווען מען ווענדט איהם אָן ניט אויף דער פאַנטאַזיע בכלל נאָר אויף דער פאַנטאַזיע פון די ראָמאַנטיקער. טיק'ס לירישע לידער זיינען ענליך צו געטע'ס ווי די וואָלקענס אויפ'ן האָריזאָנט זיינען ענליך צו שניי־באַדעקטע בערג. אונזער שטעלונג צו דער לי־רישער פּאָעזיע פון די ראָמאַנטיקער איז ענליך צו פּאָלאָניוס'עס שטעלונג צו די וואָלקענס: „זעהסטו יענעם וואָלקען וואָס זעהט אויס כמעט ווי אַ קעמעל? — בנאמנות, ער זעהט ווירקליך אויס ווי אַ קעמעל. — עס דוכט מיר, אַז ער זעהט אויס ווי אַ וויזעל.— ער האָט אַ רוקען ווי אַ וויזעל. — אָדער גאָר פון אַ וואַלפיש? — זעהר ענליך צו אַ וואַלפיש". אין נאָוואַליס'ן, לכל הפּחות, אין די לידער זיינע, געפינען מיר דאָך אַ ממשות'דיגע, בולט'ע אַר־טיסטישע פאָרם, אין טיק'ס שריפטען שווימט אַלץ אַרום אין דער פאָרם פון אַ מין נעפּעל אָדער פּאַרע, וואָס דאַרף אַנטשפּרעכען דעם מיסטעריעזען און געהאָפּטען פייער פון דער טעמע. די קונסט־אַרבייט ווערט אָפּגעשטעלט און בלייבט אין איהר ערשטער עמ־בריאָנישער מדרגה פון אַ פּאַרע קנויל. אָט דער עלעמענטאַרער פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע ווערט באַצייכענט ווי פּרימיטיווע פּאָעזיע. כדי נאָכאַמאָל צוריקצופירען אַ קלאָר אַרויסגעבראַכטע פּאָעטישע קונסט צו פּרימיטיווער פּאָעזיע, דאַרפען אַלע בולט'ע פאָרמען זיך אויפלייזען און זיך צוזאַמען קנעטען. טיק האָט מעהר געהאַלטען פון די ווערק פון די גרויסע דיכטער, וועלכע זיי האָבען געשריבען איידער זייער סטיל איז געוועזען אַנטוויקעלט, אָדער וועלכע עס האָט זיך זיי פאַרוואַלט איבערצולאָזען מעהר אָדער ווייניגער אָהן אַ פאָרם (ער איז מודה אַז קיין איינע פון שעקספּיר'ס דראַמעס האָט ניט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף איהם ווי „פּעריקלעס", וואו בלויז איין טייל איז עכט), און ער אַליין,

געהענדיג אין וועג פון פעריקלעס, האָט געשאַפען אַזעלכע ווערק ווי „גענאָוועוואַ" און „אָקטאַוויאַן" וואו די עפּישע, לירישע און דראַמאַטישע סטילען זיינען אַלע צונויפגעמישט.

דער דאָזיגער געמיש פון סטילען איז אָנגענומען געוואָרען אין דענעמאַרק. דאָס איז געווען גוט צוגעפּאַסט צו איילענשליי־נער'ס St. Haus Aften Spil, און אויך אַ ביסעל צו זיין Aladdin. טיילמאָל זיינען די רעזולטאַטען דערפון געווען זעהר שלעכטע, ווי למשל, אין האוק'ס Hamadryaden.

אַזוי ווייט דערגרייכט טיק'ס פאָרמלאָזיגקייט, אַזוי אוממענ־ליך איז עס פאַר איהם (אין זיין ראָמאַנטישער פעריאָדע) צו קאָנ־דענסירען, אַז ער איז ווייניג פּרוכטבאַר אַפילו אין לירישער פּאָעזיע. ער מעג זיך אַ סך רעדען וועגען מוזיק און וועגען דער מוזיק פון ווערטער, אָבער ער איז ניט באַשאָנקען מיט קיין ריטם; ווי עס ווייזט אויס האָט ער קיין גוט אויער ניט געהאַט. א. וו. שלעגעל איז טויזענט מאָל העכער געווען פון טיק'ן אינ'ם דאָזיגען פונקט, ווי מען קען עס זעהן פון זיינע וואונדערבאַרע איבערזעצונגען פון די לידער אין As You Like It. עס איז אָבער אמת וועגען טיק'ן און וועגען די מייסטע ראָמאַנטיקער, אַז ניט קוקענדיג אויף זייערע רייד וועגען אַ מעלאָדישען סטיל, זיינען זיי אַליין געווען מעלאָדיש בלויז דעמאָלט ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו יענעם דרום'דיגען מעטער, אונטער וועמעס פּינקטליכע כללים זיי האָבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען. פּונקט ווי פרווען פּילען אָן מיט העפטעריי אַ צייכענונג אויף קאַנווע, אַזוי האָבען זיי אָנגעפילט דעם פּלאַן פון דעם סאָנעט און קאַנצאָנעט, אָנפּאַקענדיג אַזאַ שפע מיט גראַמען, אַז דער זין האָט זיך אָפט פאַרלוירען אין זיי. טיק שרייבט אין מאַגעלאָנע:

"Errungen
Bezwungen
Von Lieb ist das Gluck,
Verschwunden
Die Stunden,
Sie Fiehen zuruck;
Und selige Lust
  Sie stillen

Erfullet
Die trunkene, wonneklopfende Brust.'' *)

אין באגעסען'ס פאוסט געפינען מיר די פאלגענדע, שוין אבי־סעל צו שטארקע, פאראדיע אויפ'ן דאזיגען ראמאנטישען קלינג־קלאנג:

''Mit Ahnsinn Wahnsinn, Lachelndweinend,
Einend,—
Mit Schiefe, Tiefe, dunkelmeinend,
Scheinend—
Der Enge Lang entflammt in weiten Breiten,
Muss licht der Dichter druch die Zeiten gleiten.''

און ניט בלויז דעם מעטער האבען די ראמאנטיקער געבארגט ביי די שפאניער און איטאליענער, נאר אלע סארטען טעכנישע קונצען. זיי האבען זיך נאאיוו גענומען צו דער ארבייט ארויסצו־ברענגען א לירישע בילד מיט דער הילף פון ענליכע קלאנגען און טראגישע וואקאל־קלאנגען. זיי האבען איינס נאכ'ן אנדערען באנוצט יעדען וואקאל און קאנסאנאנט פונ'ם אלף בית. מען האט געדענקט אז פערציג קלינגענדיגע „א'ס" איינס נאך ס'אנדערע ברענגען אריין דעם לעזער אין א פרעהליכער שטימונג, און ארום צוואנציג אומעטיגע, טרויעריגע „או'ס" צוטרייסלען זיין נשמה. נעמט למשל טיק'ס מעלאנכאלישען אור־ראמאנס פונ'ם אלטען הער וואולף וועמען דער טייוועל כאפט אוועק. דארטען געהט ער אזוי ווייט אז ער באנוצט „בעגונטע" אויפ'ן ארט פון „בעגאן" צו־

*) דאס גליק איז
פון ליבע
געוואונען, באצוואונגען,
פארשוואונדען
די שעה'ן
זיי פליהען צוריק.
און הייליגע פרייד,
זי שטילט מיך
און פילט אן
דאס פאר'שכור'טע פריידיג־קלאפענדיגע הארץ.

ליב'ן טראַגישען עפעקט. ווען מען שלעפּערט איין דעם לעזערס נערוועס א האלבע שעה צייט מיט זאַזעלכע ענדונגען ווי

אונקע — שטורמע — הינונטער — בעגונטע — פּער־
דונקעלן — פערשלונגען — וואולפען — מינצע גול־
דען — גראַסען, קלופטען — רוקע — דרוקע —
טוען — צונפטען — לוגען — בעדונקעלן — ער־
שלוגע — אנהובע — מיט טיפען ברונסטען — פיעלען
אונקען, די הוילטען אונד וואונקען — צו דעם רעק־
וויעם דעם טאַטען וואולפען, דען דער דונקלע סאַטאַן
מיט פיעלען וואונדען — ערשלוגע —

ווען אינ'ם אויער קלינגט בלויז אר־טו־טו, דערגרייכט מען דעם קלימאַקס, די שפּראַך איז געוואָרען מוזיק, און מען שווימט אוועק אויפ'ן שטראָם פון לויטער געפיהל. אין דער דראַמע איז די דאָזיגע וואָקאַל־מוזיק צום מעהרסטען קאָמיש. אין פרידריך שלעגעל'ס אלאַקראָס געפינט מען אָהן א שיעור גלייך־קלאַנגען און אליטעראַציעס (בסדר'דיגע זילבען הויבען זיך אָן מיט'ן זעלביגען אות). דער העלד פאַרענדיגט טיילמאָל יעדע שורה, אויף דריי אָדער פיער זייטען בסדר, מיט'ן זעלביגען וואָקאַל־קלאַנג:

''Ihr manner all; Pilaster dieser alten Burg,
Genossen tapfre! die umkranzt mein Ritterthum,
Dess Glorie wir oft neu gefarbt mit hoher Lust
In unseres Kuhnen Herzens eignen heissen Blut—
Die alte Ehi in tiefer Brust, der lichte Ruhm,
Dem festen Aug' in Nacht der einzig helle Punkt,
So folgten Einem Stern wir all' vereint in Bund;
Der Bund ist nun zerschlagen durch den herben Fluch,
Mich zwingt, von hier zu eilen, ein geheimer Ruf,
Nach fernen Arten muss ich in drei Tagen, muss
Ein gross Geschaft vollenden und die Frist ist Kurz.''

און אזוי געהט עס ווייטער:

בורג, לוסט, מוט, שוץ, קונד, ברוסט, פורכט, אונד, רומס, טון, בונד, אונז, א. אז. וו., א. אז. וו. מען האָט פונקט אזוי פיעל פאַרגעניגען פון די גלייך־קלאַנגען אליין ווי פון די גאַנצע שורות.

ווען מען האָט „אַלאַקראַס" פאַרגעשטעלט אין ווייַמאַר, האָט דאָס פּובליקום געפּלאַצט פון געלעכטער. געטע האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטול און געשריען מיט א דונערדיגער שטים: „לאַכט ניט!" און געוואונקען צו דער פּאָליציי אַז זיי זאָלען ארויסוואַרפען יעדען וואָס וועט לאַכען. מיר, וועלכע לייענען „אַלאַקראָס" איצט, זיינען דאַנקבאַר וואָס קיינער האָט קיין רעכט ניט אונז ארויסצוּוואַרפען.

מען דאַרף ניט קיין סך זוכען די אורזאַך פון דעם וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען אויף זיך גענומען די גאַנצע מעטרישע באַגרענעצטקייט. אַזעלכע געצוואונגענע קאַלטע מעטרען זיינען ווי אָנגעמאָסטען פאַר שרייבער וועלכע פאַרמאָגען מעטרישע געשיקטקייט אָהן דער מינדסטער ערפינדערישקייט. אָבער אַזעלכע פּאָעטישע מאָסען ווי „טערצא רימא", „אָטאָווא רימא" און סאָנעטען זיינען אַ גאַנץ גוטע מאַסקע פאַר דער פּאָרמלאָזיגקייט פון זייער אינהאַלט. ווען דער נעפּעל איז אַזוי גערדיכט אַז מען קען איהם שניידען מיט אַ מעסער, צעשניידען איהם די ראָמאַנטיקער אויף פּערצעהן שטיקער און רופען עס אַ סאָנעט.

אין די פרייע מעטרען דערגרייכט די פּאָרמלאָזיגקייט און די פּראָזאאישקייט דעם סאַמע שפּיץ. ווי קען מען פאַרטיידיגען אַזעלכע שורות ווי די פּאָלגענדע, פון טיק'ס „רוימישע רייזע".

„ווייט הינטער אונז ליגט רוים.
ערנסט איז אויך מיין פריינד,
וואָס מיט מיר קיין דייטשלאַנד פאָרט,
וואָס מיט אַלע לעבענס כחות
גיט זיך אָפּ דער אַלטער און נייער קונסט.
דער איידעלער רומאַר,
זיין חבר'שאַפט האָט אָפט אין שווערע צייטען
טרייסט אין לעבען מיר געשאָנקען".

דער גוט-באַקאַנטער געוואַגטער קריטיקער פון די ראָמאַנטיקער, אַרנאָלד רוגע, האָט געשריבען אַ צוגאָב צום דאָזיגען ליד, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„הויכגעשעצטער הער הויפראַט,
מיט דעם בעסטען ווילען

זייט איהר מיר זיכער מוחל
די דאָזיגע אוממיטעלבאַרע ליריק,
כאָטש סיי אין אַלטער סיי אין נייער פּאָעזיע
קען מען אַזעלכעס ניט געפינען,
סיידען אפשר די דאָזיגע
שוואַכע פּראָבע זיך פריי צו אימיטערען".

אָבער דער פּאַרזוך צו באַזייטיגען שפּראַך צוליעב מוזיק האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט ווען טיק געהט אַזוי ווייט אַז ער באַשענקט די מוזיק אַליין אָדער די מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטען מיט שפּראַך פעהיגקייט. טיילמאָל איז דער רעזולטאַט קאָמיש ווי אין „שטערנבאַלד" (ערשטע אויסגאַבע), וואו אַלע אינ־סטרומענטען רעדען. די פליוט זאָגט:

„אונזער הימעל־בלויער גייסט
פירט דיך אין דער בלויער ווייטקייט.
ווייכע טענער ציהען זיך,
אַ געמיש פון פיעלע קלאַנגען.
ליב קומט אונזער וואָרט אריין,
ווען די אַנדערע זינגען פרייליך.
מיר דערציילען פונ'ם ליבען
הימעל, וואָלקען, בלויע בערג,
מיר, דער וויטסטער הינטערגרונד
פון די גרינע פרישע בוימער."

דער דאָזיגער סאָרט געדאַנק האָט באַקומען זיין קלאַסישסטען אויסדרוק אינ'ם ליד מיט וועלכען „פאַנטאַזוס" ענדיגט זיך. די טעמע ווערט דאָרטען איבערגע'חזר'ט מיט אָהן אַ שיעור וואַ־ריאַציעס אַלאַ קאַלדעראָן.

ליבע דענקט אין זיסע טענער,
וויל געדאַנקען שטעה'ן צו ווייט.
נאָר אין טענער איז זי גרייט
יעדע זאַך צו מאַכען שענער.
ווען דער טאָן הויבט זיך אָן רעגען
און די שפּראַך האַלט זיך צוריק,
קומט די ליבע פול מיט גליק

אומעטום, אויף אַלע וועגן.
ליבע קען זיך ניט באַוועגן
אָהן דעם אָטעם פון מוזיק".

די דאָזיגע איבערמענשליכע ליבע, וואָס אונטערשיידט זיך פון געוויינליכער מענשליכער ליבע דערמיט וואָס זי קען ניט באַנוצען די שפּראַך ווי אַ פּאַרמיטלער, געפינט אַן אַבסאָלוט פּאַסיגען אויסדרוק אין מוזיק; די שפּראַך ווערט בלויז באַנוצט זי אַליין צו פאַרדאַמען און צו דערקלערען אַז זי האָט אָפּגעגעבען איהר פּלאַץ דער מוזיק. דער ראָמאַנטיזם פירט ביסלעכווייז צו אַזאַ גראַד סובטיליטעט און איבער־ראַפינירטקייט.

דער וויטערער שריט איז דאָס וואָס טיק נעמט אריין אין זיין קאָמעדיע „די פאַרקערטע וועלט", דהיינו, דאָס באַנוצען די שפּראַך בלויז צוליב איהר מוזיקאַלישע אייגענשאַפטען. צו דער קאָמעדיע איז צוגעגעבען, אַלס אַן אָווערטורע, אַ סימפאָניע, וועלכע, מיט איהר אינערליכער מוזיקאַלישער אומבאַשטימטקייט, ווייזט ארוים אַן אמת קלאַסישע אָריגינאַליטעט. מען האָט נאָך קיינמאָל ניט ביז דעמאָלט פּאַראַפראַזירט מוזיק מיט ווערטער אויף אַזאַן אופן. דערפאַר באַטראַכט מען ביז איצט דעם דאָזיגען עקספּערימענט ווי זעהר און זעהר טיפּיש. דער מענש וואָס האָט דעם קוראַזש צו פירען זיין משוגעת צו איהר לעצטער קאָנסעקווענץ, ניט אריין אין דער דאָזיגער משוגעת — אין וועלכער, אגב, עס איז פאַראַן אַ מעטאָדע — אַ לעבעדיגע קרעפטיגקייט.

סימפאָניע

אַנדאַנטע אין D מאַיאָר

„אויב מיר ווילען געניסען, איז עס ניט אַזוי וויכטיג ווי אַזוי מיר טוען עס, ווי דאָס וואָס מיר טוען עס מיט אַן אמת. מיר געהען פון ערנסטקייט צו פריידיגקייט; דערנאָך, זייענדיג מיד פון פריידיגקייט, קערען מיר זיך אום צו ערנסטקייט. אָבער ווען מיר באַטראַכטען זיך צו נאָהנט און האָבען אָהן אַן אויפהער אין

זין אונזער ציל אין וועלכען ניט איז פון די צוויי פאלען, און גלייך ענדיגט זיך סיי די אמת'ע ערנסטקייט, סיי די ניט געמאכטע פריידיגקייט".

„אָבער פאסען זיך אַזעלכע סאָרטען געדאַנקען אין א חימ־פאַניע? פארוואָס אָנהויבען אזוי געלאסען? ניין, באמת ניין! איך וועל טאקע גלייך אָנשטעלען אלע אינסטרומענטען צו שפּי־לען צוזאמען".

קרעסטשענדאָ

„אלץ וואָס איך דאַרף איז בלויז וועלען, בלויז וועלען מיט שכל; וואָרים דער שטורעם הויבט זיך ניט אויף מיט אמאָל, אין א רגע. ער זאָגט אָן אז ער קומט, ער שטייגט, אויף אזא'ן אופן רופט ער ארוים סימפּאַטיע, יראה, מורא און שמחה; אַנ־דערש וואָלט ער בלויז ארויסגערופען א פוסטען וואונדער און שרעק. עס איז שווער צו לייענען פון בלויזען אָנבליק, וויפיעל שווערער איז עס צו הערען פון בלויזען אָנבליק! אָבער איצט זיי־נען מיר אין סאמע טומעל. דונערט איהר קעסעל פּויקען! טרו־מייטען, שאַלט!"

פּאַרטיסימאָ

„אָה, דאָס גערודער, דער אָנפאַל, דער פארצווייפעלטער קאמף פון קלאַנגען! וואוהין איילט איהר זיך? פון וואַנען קומט איהר? זיי וואַרפען זיך אריין ווי העלדען אין דער היץ פון שלאכט; טייל פאלען און געהען אוים, אַנדערע קערען זיך אום פארוואונדעט און שוואך און זוכען טרייסט און פריינדשאַפט. האָרכט, די פליהענדיגע, סאָפּענדיגע פערד! די אָרגלען טראָגען זיך ווי א דונער צווישען בערג. א ברילעריי און א גערויש ווי א וואסערפאַל, וואָס זוכט פארצווייפעלטערהייט זיין אייגענעם חורבן, גיט זיך א צעשיט איבער'ן נאקעטען פעלד, און טראָגט זיך אראָפּ טיפער, אלץ טיפער אראָפּ אין באָדענלאָזען אָפּגרונד".

וויאָלינאַ פרימאַ סאָלאָ

„וואָס! מען טאָר ניט, עס איז אוממעגליך צו דענקען אין קלאַנגען און צונויפשטעלען מוזיק פון ווערטער און געדאַנקען? וואָלט דאָס געווען אמת, ווי שווער וואָלט געווען דאָס מזל פון אונז, קינסטלער! וואָסער אָרימע שפּראַך און נאָך אָרימערע מוזיק! דענקט איהר ניט אַ סך געדאַנקען וואָס זיינען אַזוי דער־ליקאַט, אַזוי פאַרגייסטיגט, אַז אין פאַרצווייפלונג גיבען זיי זיך איבער דער מוזיק, דאָרטען זיך ענדליך אָפּצורוהען? ווי אָפט טרעפט זיך עס אַז אַ גאַנצע טאָג פול מיט שאַרפע געדאַנקען לאָזט גאָר ניט איבער אַ חוץ אַ טומעל אין קאָפּ, וואָס בלויז די צייט אַליין פאַרוואַנדעלט איהם אין אַ מעלאָדיע?"

פ אָ ר ט ע

„אַלץ איז איינגעאָרדענט. די בינע איז אראַנזשירט. דער סופליאָר איז אויף זיין אָרט. דאָס פובליקום איז שוין דאָ. די נייגירינקייט איז אויפגעוועקט, דאָס וואונדער־געפיהל — אויפגע־רייצט. אָבער ווייניג מענשען טראַכטען פון'ם סוף פון דער שפּיל, און וואָס זיי וועלען דעמאָלט זאָגען: „איז עס דען געווען אומ־געוויינליך?" גיט גוט אכטונג! איהר מוזט, ווען ניט וועט אַלץ אויסקומען אַ צעמישעניש. זייט אָבער ניט צו נייגעריג, וואָרים איהר קענט נאָך זעהן און הערען מעהר וויפיעל עס איז געמיינט. הערט און גיט אכטונג. אָבער גיט אכטונג אַזוי ווי איהר דאַרפט עס טאָן! אָ, האָרכט! האָרכט! האָרכט! ! האָרכט! ! ! *)

מען קען איינזעהן אַז קירקעגאַרד, אין זיין גוט באַקאַנטער עסיי וועגען „דאָן זשואַן" (וואו, — אין לעצטען כאָר־געזאַנג: „הער, הער מאָצאַרט'ס דאָן זשואַן", — דוכט זיך אַז מען הערט דעם קאָמענדאַנטס טריט) געהט בלויז אַ ביסעל ווייטער אין דער ריכטונג אויף וועלכער טיק האָט אָנגעוויזען; און עס איז

*) Tieck v. 285.

זעהר קלאָר וואָסער נאָהענטער שייכות עס איז פאַראַן צווישען טיק'ס ערשטער אויפפאַסונג וועגען דעם ראָמאַנטישען אידעאַל און האָפּמאַנ'ס פּאַרוואַנדלען מוזיק אין השתפכות הנפש און כשופ'דיגע וויזיאָנען פון „קרייזלעריאַנאַ."

אָבער האָפּמאַן, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ גרויסען און אָרי־גינעלען מוזיקאַלישען טאַלאַנט, — אַז מען קען איהם ניט באַ־טראַכטען בלויז ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ פּאָעט־קאָמפּאָזיטאָר — איז געווען אַ סך ערנסטער ווי טיק אין דאָזיגען ענין פון צונויפ־שטעלען מוזיק פון ווערטער. ער האָט געלעבט, זיך באַוואויגען און געהאַט זיין נשמה אין מוזיק. ער איז געווען פּונקט אַזוי פּרוכטבאַר אַלס קאָמפּאָזיטאָר ווי אַלס שרייבער. און פיעל פון זיינע שריפטען זיינען פאַנטאַזיעס וועגען מוזיק אָדער וועגען די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען. ווען ער איז געווען ניט געזונט פלעגט ער, אין זיינע פיבערישע געדאַנקען־וואַנדערונגען, צעטומ־לען זיינע באַזוכער מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. וועגען איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ ווייכע, פאַרשמאַכטע שטים, האָט ער געזאָגט: „היינט האָט מיך געפּייניגט די פלייט." וועגען אַן אַנדערן מיט אַ טיפער, באַסאָווער שטים: „אָט דער אומפאַר־טרעגליכער באַסאָן האָט מיך געפּלאָגט דעם גאַנצען נאָכמיטאָג."

ווען ער פירט אריין גלוק'ן אין זיינע „פאַנטאַזישטיקע" מאַכט ער אַז גלוק זאָל ריידען וועגען די הפסקות אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען לעבעדיגע ברואים: „עס איז ווידער געוואָרען נאַכט. צוויי ריזען אין שיינענדיגע ברוסט־שילדען האָבען זיך געלאָזט אויף מיר: דער „ג ר ו נ ד ט אָ ן" און דער „פּ י נ פ ט ע ר"! זיי האָבען מיך געכאַפּט, אָבער זייערע אויגען האָבען מילד געשטראַלט אויף מיר: איך וויים פון וואָס דיין ברוסט איז פול מיט בענקשאַפט; דער איידעלער, ליבליכער יונגלינג, דער „ד ר י ט ע ר", וועט באַלד ערשיינען צווישען די ריזען." ער מאַכט אויך אַז קרייזלער זאָל ריידען וועגען שטעכען זיך מיט אַ ריזיגען „פּ י נ פ ט ע ן". דאָס וואָס ביי אַנדערע ראָמאַנטיקער איז פאַנטאַסטישע סענטימענטאַליטעט, ווערט ביי האָפּמאַנ'ען אַ פאַר'כשופ'טער בורלעסק.

אין זיין סקיצע וואָס רופט זיך „קרייזלער'ס מוזיקאַליש־

פּאָעטישער קלוב", שרייבט ער צו צו די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען פון געוויסע טענער די נעמען פון קאָלירען און דערביי ברענגט ער ארויס א בילד פון א פארבונדענער סעריע גייסטיגע איינדרוקען. ער האָט געהאַט דעם קלאָרען בליק, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאר געוויסע דעליקאַט אָרגאַניזירטע, נערוועזע טעמפּעראַמענטען, איבער דעם שייכות וואָס עקזיסטירט בלי ספק צווישען קלאַנג און קאָליר.

ווי א ביישפּיעל פון האָפמאַנ'ס וויטערען שריט נאָך טיק'ס פּראָבע אויסצודריקען מוזיק דורך ווערטער, באַמערקט די שורות וואָס באַשרייבען ווי, נאָך דעם ווי קרייזלער האָט געשפּילט, האָט זיך געהערט א וואונדערבארער שטראָם פון גרויסאַרטיגע קלאַנגען און אַקאָרדען אין דער פּיאַנאָ־פאָרטע אליין. פאראַן אַן עכט ראָמאַנטישער צונויפגוס פון די איינדרוקען פון די פאַר־שידענע חושים אינ'ם פארזוך צו געבען א געוויסען באַגריף פון אזא מין מוזיק: „איהר גוטער ריח האָט געפינקעלט אין פלאַ־מענדיגע, מיסטעריעזע דורכגעפלאָכטענע צירקלען". דערנאָך קומט א רעפּרעזענטאַציע אין אַן עמאָציאָנעלער שפּראַך פון די פאַר־שידענע קלאַווישען און אַקאָרדען, א זאַך וואָס מען האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט אונטערגענומען.

אַקאָרד A מאָל מינאָר (מעצאָ פאָרטע)

„אָ זיי טראָגען מיך אוועק אין לאַנד פון אייביגער בענק־שאַפט; אָבער ווען זיי כאַפּען מיך אָן, וועקט מיך אויף א שרעק און צרייסט מיין ברוסט."

מאַיאָר זעקסטער (אַנקאָראַ פּיו פאָרטע)

„בלייב פעסט, מיין הארץ! ווער ניט צעריסען, ווען דיך טרעפט א פלאַמיגער שטראַל וואָס האָט דורכגעשטאָכען מיין ברוסט. זיי פול מיט מוט, מיין נשמה! שטייג הויך אינ'ם עלעמענט וואָס האָט דיך געבוירען און איז דיין היים!"

מאיאר דריטער (פארטע)

זיי האָבען מיך געקריינט מיט א רומפולער קרוין, אָבער דאָס פינקלען און בלישטשען פון זיינע דימענטען זיינען די טויזענט טרערען וואָס איך האָב פארגאָסען, און אין זיין גאָלד גליהט דאָס פייער וואָס האָט מיך פארצערט. מוט און קראפט, צו־טרוי און כח פאסען זיך פאר דעם, וואָס איז גערופען געוואָרען צו הערשען אין דער גייסטיגער וועלט.״

מינאָר (הארפעדזשיאנדא דאלטשע)

„פארוואָס וואָלסטו געוואָלט אנטלויפען, מיין ליב מיידעל? דו קענסט ניט, ווייל אומזעהבארע הענט האלטען דיך. דו קענסט אויך דאָס וואָס האָט זיך באזעצט אין דיין ברוסט. עס איז ווי א נאָגענדיגער וועהטאָג, דאָך ווירקט עס אז דו זאָלסט ציטערען פון פרייד. אָבער דו וועסט אלץ וויסען ווען איך וועל צו דיר ריידען צערטליך אין יענער גייסט־שפראך וואָס איך קען ריידען און דו קענסט פארשטעהן...״

מאָל מאיאר (פארטע)

„געה איהם נאָך! געה איהם נאָך! זיין טראכט איז גרין ווי די גרינקייט פון וואלד. די ליבע טענער פונ׳ם האָרן קלינגען אפ אין זיינע פארטראכטע ווערטער! הער זיך צו צום גערויש אין די קוסטען, הער זיך צו צום בלאָזען פון האָרן, פול מיט התלהבות און וועהטאָג! דאָס איז ער! לאָמיר איילען איהם צו באגעגענען!״

צום סוף האָבען מיר א פאראָדיע אויף דעם אלעם אין „קאטער מור״, וואו האפמאן רעפראָדוצירט אין פערזען דאָס מיאוקען פון קעץ, דערביי ניט ער א ווערטער־ליסט פאר די פארשידענע קלאנגען.

אָט אין דער דורכאויס מוזיקאלישער דיכטונג דערגרייכט וואקענראָדער׳ס קונסט אידעאל זיין געטרייסטען און העכסטען

אויסדרוק. דער קרעפטיגער פאַנטעאיזם וואָס איז ביי גנעטע'ן פּלאַסטיש, און דריקט זיך אויס אין אזא ווערק ווי „דיאַנא דער עפייזער", ווערט ראַ מוזיקאַליש. אין טיק'ס אַלע ערשטע ווערק, מיט זייער פיטעטע און גשמיות'דיגקייט, מיט זייערע זכרונות פון וואקענראָדער'ן און גנעטע'ן, פיהלען מיר דעם שטראָם פון אַ שטאַרקער, ברייטער כוואַליע פונ'ם ראָמאַנטישען פאַנטעאיזם. למשל, אין „שטערנבאַלד" שרייבט ער: „מיר הערען זיך אָפּט צו אויפמערקזאַם און בליקען אריין אין דער צוקונפט, זיך ריכ־טענדיג מיט נייגיריגקייט אויף די נייע ערשיינונגען וואָס וועלען באַלד פאַרקומען פאַר אונז אין פיעלבאַרביגער צויבער קליידער. אין אַזעלכע צייטען פיהלען מיר עפּעס אַזוי ווי דער באַרג שטראָם וואָלט זיך געסטאַרעט צו זינגען קלאָרער זיין ניגון, עפּעס אַזוי ווי די שטימען פון די ביימער וואָלטען זיך באַפרייט כדי זייער גע־רויש זאָל זיין פאַר אונז אַ פאַרשטענדליך ליד. גלייך הערט זיך פון דער ווייטענס די פלייט־אַרטיגע טענער פון דער ליבע. אונזערע הערצער קלאַפּען שטאַרק ווען זי קומט; די צייט בלייבט שטיל אַזוי ווי אַ צויבער וואָרט וואָלט זי פאַרהאַלטען; די פינק־לענדיגע רגע'ס וואַגען ניט אוועקצופליהען. מיר זיינען אַרומ־גערינגעלט פון אַ צויבער קרייז פון מעלאָדיען, און שטראַלען פון אַ נייער, גענענדערטער עקזיסטענץ דרינגען אריין ווי אַ מיסטעריעז לבנה ליכט אין אונזער ווירקליך לעבען." און ווייטער: „אַ אימפּאָנטענטע קונסט! ווי שטאַמלענדיג און קינדיש זיינען דיינע אויסדרוקען אין פאַרגלייך מיט די הויך שטייגענדיגע אָרגעל טענער וואָס שטראָמען אַרויס פון די טיפסטע טיפעניש'ען פון באַרג און טאָל, וואַלד און טייך! איך הער, איך פיהל ווי דער אייביגער וועלט־גייסט שוועבט פאַרביי אַלע סטרונעס פון דער שרעקליכער האַרף מיט באַצווינגענדיגע פינגער, ווי אַלע פאַר־שידענסטע פאָרמען ווערען געבוירען פון זיין שפּילען און טראָגען זיך דורך דער גאַנצער נאַטור אויף גייסט־פליגעל. מיין קליין מענשליך הערצעל נעמט אָן דעם קאַמף מיט ווילדען ענטוזיאַזם און שלאָגט זיך ביז עס ווערט מיד און מאַט פון ראַנגלען זיך מיט'ן העכסטען... די אייביגע מעלאָדיע, פול מיט יובעל און שמחה, שטורעמט פאַרביי פאַר מיר.

דאָ ווערען סיי לעבען סיי פּאָעזיע רעדוצירט צו מוזיק.
אין אַלע צייטען און אין יעדען ווינקעל פון דער קונסט
האָט זיך דעם קינסטלער טיילמאָל פאַרוואָלט אַרויסווייזען אַז ער
באַהערשט זיין מאַטעריאַל דורך דעם וואָס ער רייצט זיך דערמיט
בעת ער באַנוצט עס. אין דער געשיכטע פון דער סקולפּטור איז
געווען אַ צייט ווען סקולפּטאָרען, זייענדיג דערבייזערט צוליב
דער שווערקייט פון שטיין, האָבען זיך געסטאַרעט צו צווינגען
דעם שטיין אויסצודריקען לייכטקייט און לופטיגקייט; אָדער
אַנדערש, זיי האָבען — פּונקט ווי די מאַניעריסטען פון דער
ראָקאָקאָ*) פּעריאָדע — נאָכגעמאַכט די קונסט פון׳ם מאַלער.
אַזוי האָט זיך אויך די ראָמאַנטיקער שטאַרק פאַרוואָלט אַז מען
זאָל באַטראַכטען די שפּראַך בלויז ווי עפּעס וואָס שטעהט נאָ־
הענט צו מוזיק; זיי שטרעבען צו באַנוצען ווערטער מעהר צוליב
זייער קלאַנג ווי צוליעב זייער זין. זיי האָבען זיך געסטאַרעט צו
שאַפען אַ ווערטער־מוזיק, ווי למשל די פּראָזע שרייבער פון דער
איצטיגער צייט סטאַרען זיך צו שאַפען ווערטער־בילדער. עס
איז ניט שווער איינצוזעהן וואָס עס האָט געבראַכט דעם דאָזיגען
ספּעציעלען קאַפּריז. זייער אַנטיפּאַטיע פאַר אַ תּכלית, זייער
איבערגעבענקייט צו איראָניע, האָט, פאַרשטעהט זיך, אין זיי
אַריינגעבראַכט דעם פאַרלאַנג ניט צו זיין געבונדען פון ווערטער
און ניט צו זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיי. זיי באַנוצען ווער־
טער איראָניש אַזוי, אַז זיי זאָלען זיי קענען צוריקציהען. זיי ווי־
לען ניט אַז די ווערטער זאָלען שטעהן פעסט, ווי זיי וואָלטען
אָנגעוויזען אויף אַ ציל אָדער אַ תּכלית. פּונקט ווי דורך דעם
וואָס זיי האָבען אויפגעפאַסט פרייהייט ווי הפקרות, האָבען זיי
זיך אומגעקערט צו אַ צושטאַנד אַז זיי האָבען געקענט טאָן אַלץ
אין דער וועלט, ווי די פאַנטאַזיע האָט זיי אָנגעטראָגען, אַזוי אויך
דאָ, צוליב דעם, וואָס זיי האָבען אויפגעפאַסט די שפּראַך בלויז
ווי קלאַנגען, האָט זיך זיי איינגעגעבען צו מאַכען זי פאַר אַ גע־

---

*) אַזאַ סטיל אין דער אַרכיטעקטור, וואָס האָט געהערשט אינ׳ם
אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. דער דאָזיגער סטיל האָט זיך אויסגעצייכענט
מיט אָהן אַ שיעור באַצירונגען. — איבערזעצער.

פיהל־פּאַרמיטלערין אָהן שום טענדענץ, ד. ה. אָהן שום שייכות
צו לעבען און האַנדלונג. אָבער אַזוי ווי זיי האָבען ניט געשטרעבט
אַרויפצוצו אין פּאַראויס, האָבען זיי זיך געצויגען אַראָפּצוצו און
צוריקוועגס. און אַזוי ווי זיי האָבען תמיד געצוואונגען די ווער־
טער זיך צו דערקלערען פאַר אומקאָמפּעטענט און איבערגעבען
זייער טראָן דער מוזיק, איז עס דאָך געווען גאַנץ נאַטירליך אַז די
קאָמפּאָזיטאָרען, זייענדיג אונטער'ן איינפלוס פונ'ם צייט־גייסט,
זאָלען אויך שטרעבען אויסצודריקען די ראָמאַנטישע אידעע אין
זייער קונסט מיט די מיטלען מיט וועלכע די דיכטער האָבען אין
זייער אוממעכטיגקייט כסדר זיך געסטאַרעט צו באַנוצען.

טיק'ס דראַמאַטיזירטע צויבער־מעשיות — פון וועלכע „דער
בלויער פויגעל" קען דינען ווי אַ מוסטער — זיינען זעהר ענליך
צו אָפּערע ליברעטאָס. די פאַנטאַסטישע, לעגענדע־אַרטיגע שאַ־
פונגען פון די ראָמאַנטיקער זיינען טאַקע אין דער אמת'ן דער
שטאָף וואָס די אָפּערע פאַרלאַנגט. טיק וואָלט געהאַט אַ צו־
קונפט ווי אַ שרייבער פון אָפּערע ליברעטאָס. דער פאַקט איז
אַז ער האָט בלויז געשריבען איין ליברעטאָ און די דאָזיגע איז
קיינמאָל ניט איינגעשטעלט געוואָרען אין מוזיק. פון דעסט־
וועגען האָבען די אידעען פונ'ם ראָמאַנטיזם געפונען אַ פּאַסיגען
אויסדרוק אין דער מוזיק. ע. ט. א. האָפמאַן שטעלט מיט זיך
פאָר דעם איבערגאַנג פונ'ם ראָמאַנטישען שרייבער צום ראָמאַנ־
טישען קאָמפּאָזיטאָר. אלס אָפּערע קאָמפּאָזיטאָר איז ער ניט
בלויז דער מוזיקאַלישער אויסטייטשער פון קאַלדעראָנען, דעם
פּאָעט פון פאַרגאַנגענע צייטען, וועלכע די ראָמאַנטיקער באַוואונ־
דערען צום מעהרסטען, נאָר ער אַרבייט ברידערליך צוזאַמען מיט
ראָמאַנטיקער פון זיין צייט. ער שרייבט מוזיק צו ברענטאַנאָ'ס
„די לוסטיגע מוזיקאַנטען" און צו צאַכאַריאַס ווערנער'ס „דאַס
קרויץ אָן דער אָסטזייע" און שאַפט אַ גרויסאַרטיגע דריי־אַקטיגע
אָפּערע געשטיצט אויף פוקיי'ס „אונדין".

אָבער ווי אַן אָפּערע שרייבער איז ער ניט אַזוי ווייט אַ
מוזיקאַלישער גאון ווי אַ טאַלאַנטפולער איבערזעצער פון פּאָעזיע.
אין דער מוזיקאַלישער שפּראַך, לויט דער מיינונג פון קאָמפּע־
טענטע קריטיקער איז ער געווען אין גאַנצען ערפאָלגרייך בלויז מיט

טעמעס וואָס האָבען הארמאָנירט מיט זיין אייגענער ליטעראַרי־שער געניינטקייט צום שרעקליכען און איבערנאַטירליכען. צום בעסטען איז ער, למשל, אין די לידער פון די ווילדע, אוממענש־ליכע טעווטאָנען אין „דאס קרויץ אַן דער אָסטזייע" מיט זייערע אויסדרוקען פון אומבאגרענעצטער ליידענשאַפט, און אין די צויבער־מעשה־אַרטיגע, איבערנאַטירליכע סצענעס פון „אונדין" וואָס רופט אַרויס אַ געפיהל פון אַנגענעמער פאַר'כשופ'טקייט.

ניט קיין קלענערער אויטאָריטעט ווי קאַרל מאַריא פאָן וועבער האָט הארציג געלויבט די לעצט־דערמאָנטע אָפּערע. און וועבער אַליין איז, אָהן אַ פאַרגלייך, דער גרעסטער פון די קאָמ־פּאָזיטאָרען וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען אויסצודריקען אין מוזיק די ראָמאַנטישע טעאָריע. לויט די טעמעס וואָס ער קלייבט אויס פאָלגט ער נאָך זעהר גענוי דעם גאַנג פון די ראָמאַנטיקער. אין „פּרעציאָזאַ" ווערט דערהויבען די פרייד פונ'ם פרייען וואַגאַ־בונדען לעבען, פּונקט ווי אין טיק'ס „פראַנץ שטערנבאַלד" און אין אייכענדאָרף'ס „לעבען איינעס טאַוגעניכטס", אין „אָבעראָן" טראָגען מיר זיך אַריבער אין דער צויבער וועלט פון שעקספּיר'ס „חלום פון אַ זומער נאַכט", די פּיעסע וואָס האָט געדיענט ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר טיק'ס אַלע פאַנטאַסטישע קאָמעדיעס. און אין „דער פריישיץ" באַנוצט זיך וועבער אין זיין קונסט, ווי די ראָמאַנטיקער פון שפּעטערע צייטען, מיט פּאָפּולערע, מיט נאַ־ציאָנאַלע, פּאָפּולערע מעלאָדיעס, פּונקט ווי די ראָמאַנטיקער פון דייטשלאַנד און דענמאַרק האָבען זיך באַנוצט מיט נאַציאָנאַלע, פּאָפּולערע לידער, און, פּונקט ווי זיי, פירט ער אַריין פּאָפּולערע טראַדיציעס און אַבערגלויבענס. בייוואוינענדיג אַ פאָרשטעלונג פון „דער פריישיץ" אין אַ דייטשישען טעאַטער קען קיינער אויף קיין איין רגע ניט צווייפלען — אפילו ווען ער זאָל זיין טויב — אַז דאָס איז אַ ראָמאַנטישע אָפּערע. ער זעהט די מרה שחירה־דיגע היילען וואו עס לעבען די גייסטער פון דער נאַטור, דעם כשופ'דיגען טאַנץ פון לבנה ליכט (סצענעס וועלכע דערמאָנען אָן די נסיונות פונ'ם היילינגען אַנטאָן אין אַלטע האָלענדישע ביל־דער), און ענדליך, דאָס געיעג אין וועלכען אַ מין מאַגישע לאָמ־טערנע וואַרפט אָן שאָטענס, וועלכע יאָגען איינס ס'אַנדערע אין

דער לופט מיט א וואונדערליך פארבלענדענדיגען עפעקט. אָבער פאר'ן מבין ליגט דער אמת'ער אינטערעס אינ'ם קאָמפּאָזיטאָר'ס שטעלונג צו די דאָזיגע אלע דרויסיגע באדינגונגען. ער פיהלט אז וועבער באהאנדעלט זיין טעמע ווי די ראָמאַנטיקער למשל באהאנדלען זייערע, נאָר מיט מעהר גאונות. אויך ער טרייבט זיין קונסט צו אייגעם פון איהרע עקסטרעמען. פונקט ווי די ראָ־מאַנטיקער זיינען געניינט אויפצופאסען די שפּראך ווי קלאנג און ריטעם, אזוי איז ער געניינט צו באהאנדלען מוזיק אזוי ווי זי וואָלט געווען בלויז ריטעם. למשל סאמועל'ס „מאָטיף" איז מעהר ריטמיש ווי מעלאָדיש, און ממילא ברענגט זי ארויס א פראָסטערע, רעאַליסטישערע, אָבער אויך א קונסט־פולערע וויר־קונג. די ראָמאַנטיקער שרייבען מוזיקאַלישע פּאָעזיע; וועבער שאפט בילדליכע מוזיק. בעת בעטהאָווען גיט אונז א ריין פּסי־כאָלאָגיש בילד, עפּעס וואו עס איז גאָר ניטאָ קיין ממשות'דיגס, גאָרניט א חוץ זיין אייגענע נשמה, גיט אונז וועבער א פיזישע כאראקטעריזאַציע. ער שטיצט זיך תמיד אויף אומצווייפעלדיגע אויסערליכע ערשיינונגען, אויף עפּעס וועגען וואָס זיין פּובליקום האָט שוין א פריהער־געשאפענע אידעע, ווי למשל, פייען. א חוץ אין דער „פאסטאָראַלע סימפאָניע", מאָלט בעטהאָווען בלויז דעם איינדרוק; וועבער מאָלט די זאך אליין. ער אימיטירט די קלאנ־גען פון דער נאַטור. ער מאכט אז די פידלען זאָלען קלאָגען פאר־צושטעלען דאָס קלאָגען פון די ביימער; ער זאָגט אָן און מאָלט דעם אויפגאנג פון דער לבנה מיט אן אקאָרד. ווען ער גיט אונז א ריטמישע רייה ניט־אָפּקלינגענדיגע טאַקטען אָנשטאָט קלאנגען כוואַליעס, ד. ה. ער באנוצט מוזיק אויף א פולשטענדיג קינסט־ליכען אבסטראַקטען אופן; ווען ער באגרענעצט זיך אויף לידער און איינפאכע הארמאָניעס, ד. ה. עס ווילט זיך איהם זיין נאאיוו און פּאָפּולער; אָדער ווען ער גיט אינסטרומענטען אזעלכע ראָלעס וואָס ליגען אויסער זייער פעלד און כחות (למשל טיפע טענער פאר קלארנעטען), כדי ארויסצוברענגען א גראָטעסקען רייסענ־דיגען און סענסאַציאָנעלען עפעקט, ד. ה. ער באנוצט די מעג־ליכקייטען פון זיין קונסט אויף א מעהר משונה'דיגען און עקס־צענטרישען אופן ווי מען האָט זיי פריהער באנוצט, — אין די

דאָזיגע אַלע פאַלען איז ער א פולשטענדיגער ראָמאַנטיקער, אַ מענש, וואָס מיט זיין גרעסערען טאַלאַנט און פיעל פאסיגערער קונסט פאַרדעקט די חסרונות וואָס שטעהען אונז שטענדיג פאַר די אויגען אין די ווערק פון די ראָמאַנטישע פּאָעטען.*)

*) זעה: זשאָרזש זאַנד: פאָרוואָרט צו Mouny Robin

קאַפּיטעל 10.

די שטעלונג פונ'ם ראָמאַנטיזם צו קונסט און נאַטור.

דאָס ליטעראַרישע איטאַליען; נירעמבערג און די ראָמאַנטיקער; געטע'ס קריטיק אויף „שטערנבאַלד"; די געדאַנקען אין „שטערנבאַלד"; די אידעע אַז קונסט דאַרף זיין אַלעגאָריש; די קאָלעקציע פון די ברידער בואַסעריי; רוכאָ און די ראָמאַנטיקער; די ווירקונג פון דער אומגעבונג אויף טיק'ן; דער ראָמאַנטיזם און די לבנה; טיק און שעקספּיר; די ראָמאַנטישע אויפפאַסונג פון דער נאַטור.

וואַקענראָדער'ס בוך, וואָס איז אַ מין אָנווייזער בנוגע דער שטעלונג פונ'ם ראָמאַנטיזם צו מוזיק, ווייזט אויך אָן וואָס זיין שטעלונג וועט זיין בנוגע קונסט. פּונקט ווי ווינקעלמאַן האָט מיט זיינע ערשטע ענטוזיאַסטישע שריפטען אויפגעוועקט דעם פאַרלאַנג צו שטודירען די אַנטיקע קונסט, אַזוי רופט וואַקענראָדער אַרויס סימפּאַטיעס פאַר דער מיטעלאַלטער.

אין זיין נאַאיווען ענטוזיאַזם פאַנגט ער אָן מיט איבערזעצען און פאַראַפראַזירען יענע טיילען פון וואַסאַרי'ס אַלטע ביאָגראַפיעס פון די באַרימטע מאַלער, וועלכע באַשרייבען די גרויסקייט און די גייסטיגע דערהויבענקייט פון די איטאַליענישע מייסטער. צווישען אַנדערע לויבט ער לעאָנאַרדאָ'ן; אָבער ער באַגרייפט ניט די כאַראַקטער־שטריכען פון אָט דעם מענשען און ער גיט ניט קיין אינטעליגענטע אָפּשאַצונג פון זיין קונסט. ער לויבט איהם בלויז אונטער'ן קעפּעל: „אַ מוסטער פון אַ קונסטרייכען און טיף געלערנטען מאַלער, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אין לעבען פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי'ן." דאָס אַרטיקעל פאַנגט זיך אָן מיט אַזאַ האַסטיגער באַהויפּטונג: „די תחית המתים צייט פון

דער קונסט פון מאַלעריי אין איטאַליען האָט אַרויסגעבראַכט מענ־שען אויף וועלכע דער איצטיגער דור דאַרף קוקען ווי אויף היילינגע מענשען". ער איגנאָרירט אין גאַנצען דעם פאַקט, וואָס וואַסארי האָט קלאָר פאַרצייכענט, אַז די גרויסע מאַלער פון דער איטאַ־ליענישער רענעסאַנס האָבען געפירט אַ זעהר ניט־הייליג לעבען. דער זאַמע וואָרצעל פון דער ראָמאַנטישער אויפפאַסונג פון דער קונסט איז פאַר'סם'ט פון דער פאַרקאָכטקייט אין געפיהלען. דער קריטיקער פאַרלייגט זיינע הענט מתפלל צו זיין און פאַרגעסט צו עפענען זיינע אויגען צו זעהן.

צווישען די איבערגעזעצטע פראַגמענטען ברענגט וואַקענראָ־דער אין אייגענע עסיי אונטער'ן נאָמען „די בענקשאַפט נאָך אי־טאַליען" וואו מיר געפינען צום ערשטען מאָל דעם ענטוזיאַזם פאַר איטאַליען וואָס ווערט שפּעטער ניט בלויז אַן אַלגעמיינע זאַך, נאָר כמעט אַ חוב. די ליבע און בענקשאַפט נאָך איטאַ־ליען איז ניט געווען קיין נייעס אין דייטשלאַנד. געטע'ס פאָ־טער, וועלכער איז ניט געווען קיין ענטוזיאַסט, האָט שוין פאַר־מאָגט אַזאַ געפיהל. אָבער איצט איז אַ געצענדינערייִ צו איטאַ־ליען — וואָס איז לחלוטין ניט ענליך געווען צו דער אמת'ער איטאַליען — געוואָרען אַ נויטיגע טייל פונ'ם גלויבען פון יעדען עכטען ראָמאַנטיקער. אין דער פּאָעזיע האָט זיך די בענקשאַפט נאָך איטאַליען אויסגעדריקט אין אָהן אַ שיעור לירישע לידער, ווערטער און צערטליכקייטען פון מיניאָנ'ס געטליך ליד, וואָס איז ניט אַ ליד נאָר אויך אַ בילד. מיניאָן באַגנוגענט זיך מיט די ווערטער: „די מירטע האָך אונד שטיל דער לאָרבייער שטעהט"; די ראָמאַנטישע פּאָעטען דריקען זיך אויס אין סופּער־לאַטיווען. דאָס ליטעראַרישע איטאַליען קען מען אפשר צום בעסטען און קירצסטען דעפינירען אַלס דאָס איטאַליען פון לעאָפּאָלד ראָבערט'ן (כאָטש די דאָזיגע דעפיניציע איז אפילו צו פּינקטליך), אַ לאַנד וואָס האָט קיינמאָל אויף קיין מאַפּע ניט עקזיסטירט אַ חוץ אויף דער ראָמאַנטישער מאַפּע. דאָס אמת'ע איטאַליען מיט איהרע העלע קאָלירען און איהר לוסטיג לעבען קען מען ניט געפינען. אידעאַלע פאָרמען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון קאָליר; די באַוועגונג איז טויט כדי זי זאָל ניט שטערען די

שפּיל פון שעהן פלימענדיגע ליניעס. פאַר די ראָמאַנטיקער איז איטאַליען געוואָרען דאָס, וואָס דולצינעא איז געווען פאַר דאָן קיכאָט׳ן, אַ אידעאַל וועגען וועלכען זיי האָבען כמעט גאָר ניט געוואוסט אַ חוץ דאָס וואָס עטליכע אַלגעמיינע, פלאַכע באַשריי־בענדיגע פראַזען האָבען אויסגעדריקט. ווען אַ באַשטימט ווירק־ליך לאַנד שטייגט צו דער מדרגה פון ווערען אַן אָביעקט פון מענש־ליכער בענקשאַפט, אַ היים פאַר שעהנקייט, פאַרלירט עס בים־לעכווייז אין זייערע שילדערונגען זיין גאַנץ אמת׳ע לעבעדיגע שעהנקייט. אָבער די שפּעטערדיגע ראָמאַנטיקער האָבען ניט גע־ליבט די אמת׳ע, לעבעדיגע איטאַליענישע שעהנקייט. צו זיי האָט אפּעלירט איטאַליען אַלס אַ חורבה, דער קאַטאָליציזם אַלס אַ מומיע, דער איינגעשרומפּענער און צוריקגעבליבענער פאָלקס־גייסט — וואָס האַלב עם הארצות׳דיגע און האַלב אַמביציעזע און שווינדלערישע גלחים האָבען איינגעוויגט אין סודות — וועלכער איז געבליבען ניט אויפגעקלערט און נאַאיוו. דאָ, ווי אומעטום, האָבען זיי באַוואונדערט די בלאַסע, בלוטלאָזע פּאָעזיע פון זייער צייט וועלכע איז געווען קאַלט און טויט.

אָבער דער דאָזיגער קולט פון איטאַליען און פון די הייליגע, אָדער שיינבאַר הייליגע, איטאַליענישע מאַלער איז בלויז געווען אַ טרעפּ דורך וועלכען דער „קלויסטער־ברודער" איז צוגעקומען צו דינען זיין אייגענעם ספּעציעלען אָפּגאָט, אַלבערט דירער. מיט׳ן ענטוזיאַזם פאַר׳ן דאָזיגען אַפּאָסטאָל פון דער דייטשישער קונסט איז פאַרבונדען דער ענטוזיאַזם פאַר׳ן אַלטען נירעמבערג. ווען טיק און וואַקענראָדער האָבען צוזאַמען געמאַכט אַ רייזע אין דייטשלאַנד אין 1793, איז נירעמבערג געווען דער הויפּט־ציל פון זייער רייזע. וואָס אָפטער זיי האָבען געזעהן די דאָזיגע שטאָט אַלץ מעהר ליבע, אַלץ מעהר איבערגעבענקייט האָט זיי צוגעבונדען צו איהר. „דאָס דייטשישע קונסט־לעבען האָט זיך דאָרט פאַר זיי אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער פולקייט. דאָס וואָס עס האָט זיך זיי פריהער אויסגעדוכט בלויז ווי אַ מעגליכקייט איז דאָ שוין לאַנג געווען אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט. ווי רייך אין מאָנומענטען פון אַלע קונסטען איז געווען די דאָזיגע שטאָט מיט איהרע קירכען פון הייליגען זעבאַלד און פון הייליגען לאָ־

רענץ, מיט איהרע ווערק פון אַלבערט דירער'ן, פישער'ן און קראַפט'ן. דאָס אַרטיסטישע געפיהל און די שטאַרקע פלייסיג־קייט האָט דאָ דערהויבען פאַך־אַרבייט צו דער מדרגה פון קונסט. יעדעס הויז איז געווען אַ מאָנומענט פון דער פאַרגאַנגענהייט; יעדער ברונען, יעדע באַנק איז געווען אַן עדות פון די בירגער פונ'ם שטילען, פשוט'ען, געדאַנקפולען לעבען פון זייערע זיידעס. די ציוויליזאַציע האָט נאָך ניט געהאַט געבראַכט די הייזער צו אַן איינפאָרמיגקייט, אַזוי זיינען זיי געשטאַנען אין זייער גאַנצער מאַיעסטעטישקייט, יעדעס הויז מיט זיינע אויסגעקריצטע ביל־דער, געגומען פון לידער און לעגענדעס. אַטניט, זיגענאַט, דיט־ריך און אַנדערע אַלטע העלדען האָט מען געקענט זעהן איבער די טירען באַוואַכענדיג און באַשיצענדיג די היים. איבער דער אַל־טער קעניגליכער שטאָט מיט איהרע וואונדער און איהרע מאָד־נעקייטען האָט געהאַנגען אַ געשמאַקפולקייט, וואָס אין אַנדערע ערטער האָט דער ווינט פון פּאָליטישע ענדערונגען און אויפקלע־רונג שוין לאַנג געהאַט אוועקגעבלאָזען.*)

נירעמבערג איז טאַקע אין דער אמת'ן אַ גרויסאַרטיגע אַלטע שטאָט. אָבער עס איז לייכט זיך משער צו זיין פאַרוואָס זי האָט באַזינדערס אַפּעלירט צו צוויי שפּראָצענדיגע ראָמאַנטיקער מיט איהר מיטעלאַלטערליכקייט, איהרע אַלטע קאַטוילישע קירכען, איהרע אַלטע הייזער מיט די ניבעלונגען העלדען איבער די טירען. זאָל דער אמת געזאָגט ווערען, זייער ענטוזיאַזם פאַר די אוצרות פונ'ם אַלטען נירעמבערג איז אַ סך נאַטירליכער ווי די לאַנגע בלינדקייט פונ'ם אַכצעהנטען יאָרהונדערט צו זיי. פּונקט ווי פאַר לעסינגען האָט דאָס וואָרט „גאָטיש" פּשוט געמיינט „באַר־באַריש", אַזוי איז פאַר ווינקעלמאַנ'ען די דייטשישע רענעסאַנס געווען אַ פאַרזיגעלט בוך. איצט האָבען נייגיריגע אויגען גע־נאַפּט אויף די שעהנקייטען פון נירעמבערג. אין אַ מין עסטעט־טישער פאַר'שכורט'קייט האָבען די דאָזיגע חברים געוואַנדערט אַרום די קירכען און בית עלמינ'ס. זיי זיינען געשטאַנען ביי

*) Kopke: Ludwig Tiëck, I, 139.

די קברים פון אַלבערט דירער און האַנס זאַקס; אַ פאַרשוואונ־דענע וועלט איז אויפגעשטאַנען פאַר זייערע אויגן, און דאָס לעבן פון אַלטען נירעמבערג איז פאַר זיי געוואָרען דער ראָ־מאַנס פון דער קונסט. דאָס קאַפּיטעל אין „השתפכות הנפש" וואָס רופט זיך „צום אנדענקען פון אַלבערט דירער" איז די ער־שטע פרוכט פון די דאָזיגע געפיהלען, און אין דערזעלביגער צייט אַן אויסדרוק פון די וואַרימע פּאַטריאָטישע געפיהלען פונ'ם שרייבער. „אין די טעג ווען אַלבערט האָט באַהערשט דעם פּענ־זעל, האָט דער דייטש נאָך געשפּילט אַ באַזונדערס כאַראַקטע־ריסטישע און אָנגעזעהענע ראָלע אויף דער וועלט בינע; און דירער'ס בילדער גיבען איבער געטריי דעם ערנסטען, אָפענ־הארציגען, שטאַרקען דייטשישען כאַראַקטער, סיי זיין גייסט, סיי זיינע אויסווייניגסטע ליניעס. אין אונזערע טעג איז דער דאָ־זיגער פעסטער דייטשישער כאַראַקטער פאַרשוואונדען סיי אין דער קונסט, סיי אין לעבען... די דייטשישע קונסט פון יענער צייט איז געוועזען אַ גאָטספאַרכטיגער בחור, וואָס איז אויפגעהאָ־דעוועט געוואָרען אין דער היים אין אַ קליין שטעטעל צווישען זיינע קרובים. איצט איז זי געוואָרען אַ בכבוד'ער וועלטליכער מענש וועלכער האָט פאַרלוירען דעם אויסדרוק פון קליינעם שטעטעל און צוזאַמען דערמיט זיין אָריגינאַליטעט."

דאָך איז דאָס דאָזיגע פּאַטריאָטישע געפיהל אין קונסט ניט קיין פונדאַמענטאַל געפיהל ביי וואַקענראָדער'ן. דאָס קליינע ביכעל פּראָטעסטירט כסדר אנטקעגען יעדער אומטאָלעראַנץ אין קונסט. צו זיין פריי פון יעדען געצוואונגענעם כלל, אַ פרייהייט וואָס שטיצט זיך אויף אַן עכטער ליבע פאַר שעהנקייט, אָט דאָס פּראָקלאַמירט ער אין אַ שפּראַך וואָס ווייזט אַרויס די מימאָזא־ענליכע עמפּינדליכקייט פונ'ם דאָזיגען נביא פון דער נייער קונסט תורה. „דער, וואָס זיינע זעהר עמפּינדליכע נערוועז ווע־רען שטאַרק אָנגערעגט פון דער מיסטעריעזער צוציהונג וואָס ליגט באַהאַלטען אין דער קונסט — זאָגט וואַקענראָדער — וועט אָפט זיין טיף גערירט פון עפּעס וואָס לאָזט אַן אַנדערן קאַלט. ער האָט דאָס גליק צו האָבען מעהר געלעגענהייטען ווי אַנדערע מענשען פאַר געזונטער גייסטיגער אָנרעגונג און טעטיגקייט."

אַזאַ אָנרעגונג און טעטיגקייט זיינען, ווי מיר האָבען געזעהן זעהר לייכט און נאַטירליך אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער מו־זיקאַלישער באהאנדלונג פון פּאָעזיע און דורך מוזיק אַליין, און ווייט ניט אַזוי נאַטירליך דורך בולט'ע קערפּערליכע קונסט־פאָרמען.

אויב אונזער באהויפּטונג, אַז וואַקענראָדער'ס קונסט־טעאָריע געפינט איהר אמת'ע און העכסטע אַנטוויקלונג אינ'ם כאַראַקטעריסטיש מוזיקאַלישען טיפּ פון פּאָעזיע, איז אמת, וועט עס זיין לייכט פאַראויסצוזאָגען וואָס עס וועט זיין דער רעזול־טאַט פון טיק'ס באַשלוס צו שרייבען (מיט דער הילף פון די שריפטען וואָס זיינען געבליבען נאָך זיין פריינד'ס טויט) אַ מעשה וואָס נעמט אַריין דעם „קלויסטער־ברודערס" בענקשאַפטען און טעאָריעס. די בריף וואָס דער דייטשישער מאַלער פון רוים האָט געשריבען קיין נירעמבערג איז געוואָרען די זריעה פון אַ נייעם קונסט־ראָמאַנס, „די וואַנדערונגען פון פראַנץ שטערנבאַלד, אַ מעשה פון אַלטען דייטשלאַנד." דאָס בוך טראָגט דעם נאָמען פון זיין העלד, אַ מאַלער פון די צייטען פון אַלבערט דירער. די שילדערונג פונ'ם כאַראַקטער איז טונקעל און שוואַך. די האנד־לונג ווערט דערטרונקען אין דיאַלאָג; געשעהענישען שפּילען זיך אָפּ אַזוי פריי און אַזוי פאַנטאַסטיש ווי אין אַ חלום (און חלומות האָבען מיר דאָרט אָהן אַ שיעור), און שוואַך רעדענדיגע פיגורען וועלכע טוען די אַרבייט פון העלדען און העלדינס; און אפילו די כסדר'דיגקייט פון אָט די געשעהענישען ווערט תמיד איבערגע־האַקט דורך אַן אַריינגעשטעלט ליד וואָס ווערט געמאַכט אויף באַשטעלונג, און וואָס קען צום בעסטען געשילדערט ווערען דורך אַ ציטאַטע פון שטערנבאַלד'ס פריינד, פלאָריסטאַן, אַז מען וואָלט געדאַרפט קענען בויען מיט ווערטער און סטראָפען אַ גאַנץ געשפּרעך וואָס זאָל באַשטעהן בלויז פון קלאַנגען. ווען דער פאָדים פון געשעהענישען ווערט שטאַרק אויסגעגלעט און דאָס זייד פונ'ם סטראָף — זעהר דין געשפּונען, דעמאָלט ערשיינט די אמת'ע מוזיק. די פּרימיטיווע טענער פונ'ם האָרן און דעם פייפעל ווערען אַזוי אָפט באַנוצט, אַז דער שרייבער אַליין, אין זיין שפּעטערדיג ווערק „צעברינאָ", מאַכט חוזק פון צופיעל האָרן־מוזיק.

אין איינעם פון קאַראָלינע שלעגעל׳ס בריף געפינען מיר געטע׳ס טרעפליכע קריטיק אויפ׳ן בוך. ער זאָגט אַז מען וואָלט עס אין דער אמת׳ן געדאַרפט רופען „מוזיקאַלישע וואַנדערונגען״; אַז מען געפינט דאָרטען אַלץ וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען אַ חוץ אַ מאַלער; אַז אויב די כונה איז געוועזן צו שאַפען אַ קונסט־ראָמאַן, האָט די קונסט געדאַרפט באַקומען גאָר אַן אַנדערע און פולערע באַהאַנדלונג; אַז אין בוך איז קיין ממשות׳דיגס ניטאָ, און אַז זיין אַרטיסטישע טענדענץ איז אַ פאַלשע; אַז עס פאַרמאָגט שעהנע זון־אונטערגענג, אָבער זיי חזר׳ן זיך איבער צו אָפט. אָבער אַ סך גרויזאַמער און דורכדרינגליכער איז די קריטיק פון קאַראָלינע׳ן אַליין: „בנוגע דער ערשטער טייל בין איך נאָך אַלץ אין ספק צו טיק האָט ניט געוואָלט פאָרשטעלען שטערנבאַלד׳ס איבערגעגעבענקייט צו דער קונסט ווי אַ באַדויערענסווערטע, טעות׳דיגע, פרוכטלאָזע איבערגעגעבענקייט, ווי למשל ווילהעלם מייסטער׳ס. אויב דאָס איז אמת, געפינט זיך דאָרט נאָך אַ חסרון, דהיינו, דאָס וואָס עס פעלט *מענשליכער* אינטערעס אין דער מעשה. די צווייטע טייל באַלייכט ניט דעם ענין. דאָ געפינען מיר דיזעלביגע טונקעלקייט, די זעלביגע אוממעכטיגקייט. מען האָפט תמיד אויף עפּעס אַנשלאָסענס, מען ריכט זיך תמיד אַז פראַנץ וועט מאַכען אַן אָנגעזעהענעם שריט אין איין ריכטונג אָדער אין אַ צווייטער. אָבער ער טוט דאָס קיינמאָל ניט. ווידער און אָבער אַמאָל לייענען מיר וועגען שעהנע זון־אויפגאַנג, וועגען דעם צויבער פונ׳ם פרילינג, דעם איבערגאַנג פון טאָג און נאַכט, דעם ליכט פון דער זון, לבנה און שטערען, דעם געזאַנג פון די פויגעל. אַלץ איז זעהר צויבערדיג, אָבער עס פעלט ממשות׳דיגעס, און עס איז פאַראַן עפּעס אַ נישטיגקייט סיי אין שטערנבאַלד׳ס שטימונגען און געפיהלען און סיי אינ׳ם אופן ווי זיי ווערען געשילדערט. פאַראַן דאָרטען שוין צופיעל לידער און זיי האָבען אַזאַ שוואַכע פאַרבינדונג צווישען זיך ווי די קינסטליך צונויפגעטשעפּעטע געשעהענישען און אַנעקדאָטען, נאָך מעהר, אין אַ סך אַנעקדאָטען פיהלט מען ווי ער מאַכט נאָך אויף פאַרשידענע אופנים.״

אָבער אויב דאָס בוך פאַרמאָגט קיין האַנדלונג ניט, וואָס

זשע דען האָט עס? געדאנקען, קודם כל וועגען קונסט און דערנאָך וועגען דער נאַטור.

לכתחילה גיט ער אונז מעדיטאַציעס און אָהן א שיעור אפאָריזמען וועגען קונסט און פּאָעזיע דורכגעוואָרפען מיט שוואכע לירישע לידער, וועלכע מען קען קוים אונטערשיידען איינס פונ'ם אנדערען. צווישען אַלע איז בלויז דאָ איין ליד, א היבשע פּאָעמע, איבער אַריאָנע'ן *) וואָס האָט עפּעס אין זיך. עס ווייזט אָן אויפ'ן גייסט פונ'ם בוך. די דריי פירער פונ'ם ראָמאַנטיזם, א. וו. שלעגעל, טיק און נאָוואַליס, אַלע האָבען געזונגען לויב לידער צו אַריאָנען, און אביסעל שפּעטער האָט פּ. ל. מאָלער געזונגען וועגען איהם אין דעניש. עס איז געווען נאַטירליך אַז די הערצער פון ראָמאַנטיקער זאָלען זיין גערירט פון דער לעגענדע פונ'ם דיכטער וואָס האָט באַזיגט די נאַטור, וועלכע האָט אויפגעוועקט ענטוזיאַזם אין די חיות פונ'ם ים, איז געריטען אויף א דעלפין, געווען אומפּאַרוואונדבאַר, אומבאַזיגבאַר, און פאַרמאָגט אומשטערבליכען רום. ער איז געווען זייער סימבאָל, זייער העלד. זייער גאַנצע פּאָעזיע איז אין א געוויסען זין א פאַרזוך צו דערקלערען די לעגענדע וועגען אַריאָנ'ען; וואָס דען זיינען אַלע אָפּקלאַנגען און נאָכמאַכונגען פון זייערע ביכער, די ביכער וואָס גלאָריפיצירען דיכטער, אַרטיסטען, אַקטיאָרען, טרובאַדורען, העלדישע און אייזען־פעסטע האַלטונגען? די פיגור פון נארציסוס וואָלט געווען א פּאַסיג שער־בילד אויף אַלע זייערע ביכער.

דער אמת איז אַז די הויפּט עלעמענטען פון „שטערנבאלד" זיינען אויסגעדראָשענע אָפּענטפערונגען אויף אויסגעדראָשענע טענות אַנטקעגען קונסט — אַז זי איז נוצלאָז, — קליינליכע אור־

---

*) אַריאָן — אַ גריכישער זינגער און האַרף שפּילער. רויבער זיינען איהם אַמאָל באַפאַלען אין מיטען ים און איהם געוואָלט הרג'ענען. ער האָט בײ זײ געבעטען אַ דערלויבעניש צו שפּילען אַ ליד פאַר'ן טויט. ווען ער איז דערנאָך אַריינגעשפּרונגען אין ים, האָט איהם אַ דעלפין (אַזאַ פיש) געראַטעוועט דורך דעם וואָס ער האָט איהם אַוועקגעטראָגען אויפ'ן ברעג. דער דאָזיגער דעלפין איז געשטאַנען לעבען דער שיף אויס באַגייסטערונג פאַר אַריאָנ'ס שפּילען. — איבערזעצער.

זאַכען פּאַרוואָס קונסט איז נאַציאָנאַל, („וואָרים מיר זיינען דאָך
ניט קיין איטאַליענער, און אַן איטאַליענער קען קיינמאָל ניט
פיהלען ווי א דייטש"), און לויב־געזאַנגען צו אַלבערט דירער'ן.
די באַגייסטערונג פאַר דירער'ן ברענגט צוזאַמען די צוויי געליב־
טע, פּונקט ווי ווערטער און לאָטע האָבען זיך לכתחילה פאַראיי־
ניגט צוליב זייער געמיינזאַמען ענטוזיאַזם פאַר קלאָפּשטאָק'ן.
די זעלביגע אידעען האָבען געפונען זייער אויסדרוק אין דעניש
אין סיבערג'ס „גאַבריעלים" און איילענשלעגער'ס „קאָרעדזשאָ".
א טייל פון'ם ספור המעשה פון „קאָרעדזשאָ" ווערט פאַראויס־
געזעהן; נעמט למשל, דעם אַרטיסט וואָס מאָלט זיין אייגען ווייב
אַלס די מאַדאָנאַ, און זיין צער וואָס ער מוז זיך צעשיידען מיט
זיין אַרבייט. מיר האָבען א לאַנגע ווערטער־סימפּאָניע לכבוד דעם
שטראַסבורגער קאַטעדראַל, און גלייך דערנאָך א ביטערע אַטאַקע
אויף די „אומגעלומפּערטע מאַסען שטיינער אין מילאַן און פּיזא,
און אויף דער צעוואָרפענער געביידע, דעם קאַטעדראַל פון לוקא".
דערנאָך געפינען מיר באַוואונדערונג און לויב פאַר טיל אוילענ־
שפּיגלען און האַנס וואורשט'ן (די דאָזיגע הערן האָבען עס גע־
דאַרפט פאַרשטעלען פאַנטאַזיע און איראָניע), און א סך ענטו־
זיאַזם פאַר דירער'ס הירש מיט'ן צלם צווישען זיינע הערנער,
און פאַר'ן „פּשוט'ן, פרומען, און הארציגען" אופן אויף וועלכען
דער ריטער וואָס שטעהט פון פאָרענט בייגט זיינע קניה. דאָס
דאָזיגע בילד איז בלי ספק א שעהן, איינפאַך ווערק, מיר מוזען
אָבער שמייכלען פון'ם ערנסטען פאַרזוך וואָס ער מאַכט צו באַ־
ווייזען אַז פון די אַלע אופנים אויף וועלכע א מענש קען פאַרביי־
גען זיינע פיס בעת ער קניהט איז דאָס דער סאַמע קריסטליכסטער.

ווידער און אָבער באַווייזט זיך דער געדאַנק אַז אמת'ע
קונסט דאַרף זיין אַלעגאָריש, ד. ה. אָהן מאַרך און אָהן בלוט.
די מייסטע לידער זיינען אַלעגאָריעס. דאָס הויפּט־ליד איז די
לאַנגע אַלעגאָריע וועגען פאַנטאַזוס, נישטיגע שורות אָהן יעדען
פונק פאַרשטעלונג:

„דער מאָדנער פאַנטאַזוס,
דער וואונדערליכער זקן,
געהט תמיד נאָך זיין נאַריש געמיט.

איצט האָבען זיי איהם געבונדען
אַז ער זאָל אויפהערען זיינע קונצען,
ניט שטערען דעם שכל'דיגען געדאַנק,
ניט פאַרפירען דעם אָרימען מענשען". א. ז. וו. א וו

אין אַנדערסענ'ס צויבער מעשיות קען מען דאָ און דאָרט געפינען זכרונות פון אַזאַ סאַטירע אויף די אַטאַקעס וואָס די פּראָזע שרייבער האָבען געמאַכט אויף דער פאַנטאַזיע, דאָס ליד וואָס ווערט דעקלאַמירט אין לבנה ליכט ווייזט אָן דעם מאַלער אַ אידעאַלע טעמע, אַ פרומער וואַנדערער אין לבנה־ליכט, דער עמבלעם פון דער מענשהייט: „וואָרים וואָס זיינען מיר אויב ניט בלאָנדזשענדיגע פרומע וואַנדערער? איז דען פאַראַן עפּעס אַ חוץ דאָס ליכט פון אויבען צו באַלייכטען אונזער וועג?" פאַראַן קלאָרע סימנים פון דער זעלביגער טענדענץ אין אונזער אייגענעם דיכטער, האוק'ן, מיט זיין שטענדיגען טייטלען „ארויפצוצו" און זיין פאַרטייאישקייט בנוגע פרומע וואַנדערער און פּרושים.

אָבער אין דער איצטיגער מדרגה פו'ם ראָמאַנטיזם, ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער בלוטלאָזער גייסטיגקייט, רייסט זיך ארויס אַ שטאַרקע און ניט צוריקגעהאַלטענע כוואַליע פון פראָטעסט־לייַדענשאַפט. פראַנץ שטערנבאַלד, דער שטודירטער אַרטיסט, האַלט אַז טיטיאַן און קאָרעדזשאָ זיינען העכער פון אַלע אַנ׳ ע מאַלער. וועגען קאָרעדזשאָ'ן, פון וועמען ער האַלט באַזונדערס, זאָגט ער אַזוי: „ווער וועט וואַגען זיך צו פּרובירען מיט איהם, לכל הפחות אין פאָרשטעלען צעלאָזענע ליבע? צו קיין אַנדערען מענשען איז ניט געקומען אַזאַ'ן אַנטפּלעקונג פון דער דערהויבענקייט פון דער חושים־וועלט."

ווי יעדער איינער ווייס האָבען זיי דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט שנעל פאַרלאָזען, כדי צו זיין אויסגעהאַלטען האָבען זיי אָנגענומען אַן אַנדערען. די ברידער סולפּיס און מעלכיאָר בואַסעריי פון קעלן זיינען געווען אין פּאַריז אין 1802 ווען פרידריך שלעגעל האָט דאָרט שטודירט, און זיי האָבען פון איהם גענומען פּריוואַטע לעקציעס. די אַלטע דייטשישע בילדער אינ'ם לואַווער מוזעאום האָבען די דאָזיגע יונגע לייט דערמאָנט אָן

אלטע געמעלעכצען פון זייער געבורטס שטאט, וועלכע דער הערשענדיגער אקאדעמישער געשמאק האט פאראורטיילט צו פארגעסענהייט. צוליעב נאפאלעאנ'ס סיסטעמאטישער רויבעריי פון בילדער, האט זיך געפונען אין פאריז א גוטע קאלעקציע דייטשישע בילדער און דורך דעם האט מען זיי לייכט געקענט שטודירען.

די בעסטע אידעע פון דעם וואס די דייטשישע מיטעלאלטערליכע ארטיסטען האבען געשאפען האט מען געקענט באקומען פון די צאלרייכע געמעלעכצען און שטיינערנע און הילצערנע שניץ־ארבייט וואס זיינען אריינגעקומען אין מארק נאך דעם ווי מען האט אונטערדריקט קלויסטערס און צדקה אינסטיטוציעס. אין יענער צייט האבען מענשען פארלוירען יעדע אכטונג פאר קונסט ארבייט; מיט דער גרעסטער גלייכגילטיגקייט האבען זיי ביינעוואוינט ווי פון קירכען זיינען געווארען חורבות און טייערסטע ארטיסטישע אוצרות זיינען צעשפרייט געווארען אויף אלע שבעה ימים. מייסטערווערק זיינען פארקויפט געווארען פאר א קליינינקייט און מען האט ווירקליך באדויערט די קונים פון די דאזיגע אלטע שמאטעס. פון אלטאר זאכען האט מען געמאכט לופטשיקעס, טויבען־שלאקען, טישען און שינדלען; די אכטונג נעבער פון די קלויסטערס האבען אפט באנוצט אלטע געמעלעכצען אויף האלץ איינצוהייצען, ווייל בדרך כלל האט מען אפילו די בעסטע ניט אונטערשיידט פון רויך, שטויב און מיסט.*)

נאך דעם ווי פרידריך שלעגעל האט אין זיין צייטשריפט „אייראפא" געצויגען אויפמערקזאמקייט צום אוצר פון אלטע דייטשישע געמעלעכצען, האבען די ברידער בואסעריי אנגעהויבען צו זאמלען די צעזייטע דייטשישע אוצרות, רייזענדיג ארויף און אראפ דעם רהיין און איבער גאנץ האלאנד אויפצוזוכען די לאנג פארהאסטע ווערק. ארום 1805 האבען זיי שוין געהאט צונויפגעזאמעלט א קאלעקציע פון פלעמישע און דייטשישע מייסטער, וואס האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דער געשיכטע פון דער קונסט.

---

*) Sepp: Gorres und seine Zeit, 89, 90.

די ווידעראויפלעבונג פונ'ם ענטוזיאזם פאר דער אלטער דייטשישער קונסט האָט געפיהרט צו אַ פאָרליבע פאר די פאָר־ראַפאַעלישע איטאַליענישע מאַלער. נעמט אראָפּ די היטלען פאר די פאָר־ראַפאַעליטען! פון פיעזאָלע'ן און דזשאָטאָ'ן ביז מאַזאַ־טשאָ'ן, באָטיטשעלי'ן, גירלאַנדאַיאָ'ן, לוקא סיניאָרעלי, פערו־זשינאָ'ן און פינטוריטשאָ'ן גיט זיי גאַנץ אייראָפּא אָפּ דעם כבוד וואָס זיי פארדינען. אָבער פרידריך שלעגעל, אין זיין ארטיקעל וועגען ראַפאַעלן אין „אויראָפּאַ" הויבט אויף די פאָר־ראַפאַעליטען אויפ'ן חשבון פון דער נאָכקומענדיגער פעריאָדע. ער זאָגט: „מיט דער דאָזיגער נייער שול, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט פון אַזעלכע נעמען ווי ראַפאַעל, קאָרעדזשאָ, דזשיולאָ ראָמאַנאָ און אַנדזשעלאָ, הויבט זיך אָן דאָס פאַלען פון דער קונסט." און דאָס האַלט מען פאר אַזאַ באַשיינפּערליכען פאַקט אַז שלעגלען פאלט נאָר ניט איין אַז ס'איז נויטיג צו באַרעכטיגען זיין באַהויפּטונג. נאָך מעהר, מיט איין בלעטעל ווייטער איז ער בפירוש מודה אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן קיין שום ווערק פון אַנדזשעלאָ'ן. אָט דאָ געפינען מיר דעם העכסטען פונקט פון דער ראָמאַנטישער חוצפה. אָט איז אַ מוסטערהאַפטער קונסט־קריטיקער וועלכער — כדי וואָס מעהר צו לויבען די אַלטע מאָנאַרכישע בילדער — זאָגט אַז דאָס פאַלען פון דער קונסט הויבט זיך אָן מיט ראַפאַעל'ן, קאָרעדזשאָ'ן, טיטיאַנ'ען און אַנדזשעלאָ'ן, און איז מודה, אָהן דעם מינדעסטען געפיהל פון בושה, אַז ער האָט ניט געזעהן אפילו קיין איין ווערק פונ'ם גרעסטען פון די דאָזיגע מענשען. ער פאַראַכט אַזאַ נישטיגע זאַך ווי וויסען און ער משפט איהם לויט זיין אינערליך באַוואוסטזיין.

עס איז אָבער ניט נויטיג צו קוקען פאַראויס; וואָרים אין „שטערנבאַלד" אַליין שטעהט אויף תחית המתים די מאָנאַרכישע פרומקייט מיט איהר גאַנצען פארשמאַכטען פאַנאַטיזם און מיט אַ דבקות וואָס האָט קיין גלייכען ניט. אָט דאָס האָט אַזוי געאַרט נעטע'ן. ער האָט תמיד חוזק געמאַכט פון דער אידעע אַז פיע־טעט ליגט אין סאַמע פונדאַמענט פון יעדער אמת'ער קונסט, אַ טעאָריע, וואָס די גאַנצע שול פון די ניי־דייטשישע „נאַצאַרענישע" מאַלער האָבען אַזוי שנעל אָנגענומען. ריידענדיג וועגען די „נאַ־

צאָרענער" האָט ער אָפט באַנוצט דעם אויסדרוק אַז זיי „שטערנ־באַלדיזירען."

די עסיי וועגען ווינקעלמאַנ'ען, וואָס געטע האָט אַרום יענער צייט פאַרעפּענטליכט איז געווען אַ דירעקטע אַטאַקע אויף די ראָ־מאַנטיקער. דאָרטען שרייבט ער: „די דאָזיגע שילדערונג פונ'ם אַנטיקען מח מיט זיין קאָנצענטרירען זיך אויף דער עולם הזה און איהרע ברכות, פירט דירעקט צום געדאַנק אַז אַזעלכע מעלות זיי־נען בלויז אין הסכם מיט אַ געצענדינערישען גייסט. דאָס זיין זעלבסטשטענדיג, דאָס לעבען און האַנדלען אינ'ם „היינט", די פשוט'ע אַכטונג פאַר די געטער אַלס אורעלטערן און דאָס באַוואונ־דערען זיי אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען קונסטווערק, דאָס אונטער־וואַרפען זיך אַן אומפאַרמיידליכען שיקזאַל און דאָס גלויבען אין אַ צוקונפט וואָס באַשטעהט פון אַ פיעל געשעצטער באַרימטקייט נאָכ'ן טויט, — דאָס אַלץ צוזאַמען שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ אומצעטיילבאַרע גאַנצקייט, זיי פאַראייניגען זיך אויף אַזאַ אופן צו פאָרמירען די מענשליכע עקזיסטענץ וואָס די נאַטור אַליין האָט געפּלאַנעוועט, אַז יענע געצענדינער ווייזען זיך אַרויס צו זיין שטאַרק און געזונט סיי אין די העכסטע מאָמענטען פון גענוס און סיי אין די שרעקליכע מאָמענטען פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג און פאַרניכטונג. אָט דער געצענדינערישער גייסט איז בולט אין אַלע ווינקעלמאַנ'ס האַנדלונגען און שריפטען... און מיר דאַרפען האָבען אין זין דעם דאָזיגען גייסטיגען פּרצוף זיינעם, די דאָזיגע ווייטקייט, נאָך מעהר, אַנטיפּאַטיע צום קריסטליכען שטאַנדפּונקט, בעת מיר אורטיילען דעם אַזוי־גערופענעם רעליגיעזען אומבייט זיינעם. ווינקעלמאַן האָט געפיהלט אַז כדי צו זיין אַ רוימער אין רוים, כדי ווירקליך צו לעבען דאָס לעבען פונ'ם לאַנד, איז נוי־טיג פאַר איהם צו ווערען אַ מיטגליד פון דער קאַטוילישער קירך, אָננעמען איהרע גלויבענס און זיך פירען לויט איהרע מנהגים... דער דאָזיגער באַשלוס איז נאָך געווען לייכטער פאַר איהם דער־פאַר, ווייל זייענדיג פון געבורט אַ געצענדינער, איז דאָס פּראָ־טעסטאַנטישע הייליגע וואַסער ניט גענוג געווען צו מאַכען איהם פאַר אַ קריסט... עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז יעדער מענש וואָס בייט זיין אמונה פאַרדינט אַ געוויסען פאָרוואורף, וואָס מען קען

באין אופן ניט אויסמיידען. דאָס באַווייזט אַז פעסטקייט איז אַ זאַך וואָס מענשען האַלטען צום טייערסטען. און נאָך טייערער ווערט זי פאַר זיי ווייל, כאָטש זיי אליינזיינען צעטיילט אין פאַרטייען, האָבען זי אָבער תמיד אין זין זייער פרידען און זיכערקייט, דאָרט וואו דאָס מזל, פיעל מעהר איידער דער אייגענער אויסקלייב, האָט אונז אַוועקגעשטעלט, דאָרט דאַרפען מיר בלייבען... דאָס אַלץ איז געזאָגט מכח דער ערנסטער זייט פון דער פראַגע. זי פאַרמאָגט אַ פיעל ליכטיגערע און פרייליכערע זייט.. געוויסע פאָזיציעס וואָס מענשען פאַרנעמען, מיט וועלכע מיר זיינען ניט מסכים, און געוויסע מאָראַלע פאַרברעכען רייסען זיך מיט אַ באַזונדערען כח צו אונזער פאַנטאַזיע... די מענשען וועגען וועלכע מיר וואָלטען געדענקט אַז זיי זיינען באַרימטע אָדער ליבליכע, קוקען איצט אויס פאַר אונז מיסטעריעז, און מען קען ניט אָפּלייקענען, אַז ווינקעלמאַנ׳ס שמד האָט פיעל צוגעגעבען צום „ראָמאַן" פון זיין לעבען און כאַראַקטער".

מיר קענען זיך פאָרשטעלען ווי שטאַרק אַזעלכע ווערטער האָבען אויפגערעגט די ראָמאַנטיקער, וועלכע האָבען דעמאָלט אַלע געהאַלטען ביים אַריבערגעהן צום קאַטאָליציזם. פון דעמאָלט אָן האָט מען געטע׳ן מעהר ניט פאַרגעטערט. טיק איז געווען אין רוים, און עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז ער האַלט ביים אָננעמען די קאַטוילישע אמונה, וואָס זיין ווייב און טאָכטער האָבען שוין געהאַט אָנגענומען. פרידריך שלעגעל האָט זיך צוגעגרייט צו מאַכען דעם לעצטען שריט. ער האָט געלייענט לעקציעס אין קעלן, אָבער ער האָט געמאַכט אַפּליקאַציעס צו באַקומען אַ שטענדיגע שטעלע וואו עס זאָל ניט זיין, קעלן, פּאַריז, ווירצבורג, מינכען, א. אַז. וו. „ווען איך זאָל באַקומען ווירקליך צוציהענדיגע באַדינגונגען — האָט ער געשריבען אין יוני 1804 — וואָלט איך געפאָרען אַפילו קיין מאָסקווע אָדער דאָרפּאַט". „אָבער — גיט ער צו — ביי מיר איז בילכער די רהיין פּראָווינץ". איז עס געווען דערפאַר ווייל דאָס איז געווען אַ קאַטוילישע פּראָווינץ? בשום אופן ניט. „דאָרט האָט דער לאַקס ניט קיין גלייכען צו זיך, דאָס איז אויך אמת וועגען די ראַקעס, שוין ניט רײדענדיג וועגען דעם וויין." מעטערניכ׳ס געלט מתנה האָט איהם צוגערעדט צו מאַ־

בען דעם לעצטען שריט און ווערען א קאַטאָליק. ער איז געוואָרען
ווילד איבער דער עסיי וועגען ווינקעלמאַנ'ען און ער האָט אויסגע־
דריקט פאַר איהם פאַראַכטונג אָהן א גרענעץ. אָבער דאָס אמו־
זאַנטסטע פון אַלץ איז געווען צו זעהן ווי די דאָזיגע קליינע אַר־
בייט איז געפאַלען ווי א באָמבע צווישען די ווינער עכטע פּאָלי־
טישע רעאַקציאָנערען. גאַנץ איז שוין באַלד געווען אין דער מדרגה
וועלכע ער האָט דערגרייכט בעת ער האָט געשריבען צו ראהעל'ן
(אין 1814) אַז ער איז געוואָרען שרעקליך אַלט און שלעכט, און
ער שילדערט זיין צושטאַנד אַזוי: „איך מוז דיר געבען א באַגריף
וועגען דער פאָרם וואָס מיין ציניזם און מיין עגאָאיזם האָבען אָנ־
גענומען. אַזוי שנעל ווי איך האָב נאָר א מעגליכקייט אָוועקצו־
לייגען מיין פעדער, גיב איך אָפּ מיינע געדאַנקען און מיין גאַנצע
צייט איינצושטעלען מיינע צימערען. איך פּלאַנעווע ווי אַזוי צו
קריגען מעהר געלט אויף מעבעל, פערפומען און אויף יעדער שעהנ־
קייט פון דעם אַזוי גערופענעם לוקסוס. מיין אַפּעטיט איז צום
באַדויערען אַוועק. די איינציגע מאָלצייט אין וועלכער איך בין
פאַראינטערעסירט איז דאָס אָנבייסען".

אין 1805 שרייבט גענץ צו זיין חשוב'ען פריינד, אדאַם מי־
לער: „אין אייער בריף האָט מיך צום שטאַרקסטען באַרירט
אייער קריטיק אויף גענטע'ס לעצטע צוויי שאַפונגען. איך קען זיי
ביידע, אָבער איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואָגט צו שרייבען אַזוי
ווי איהר, כאָטש איך לייקען ניט אַז מיין מיינונג וועגען זיי איז
די זעלבינע וואָס אייערע, בלויז נאָר אביסעל ערגער. די נאָטיצען
וועגען „ראַמאָ" זיינען פּשוט נודנע און אויסגעדראָשען. צו שריי־
בען היינט אַזעלכע פלאַפּלעריייען וועגען וואָלטער'ן און ד'אַלאַמ־
בער'ן, קען מען א מענשען ווי גענטע ניט מוחל זיין. די אַרטיקלען
וועגען ווינקעלמאַנ'ען זיינען אַטעאיסטיש. איך וואָלט קיינמאָל
ניט געגלויבט אַז גענטע אַזוי ביטער און פאַררעטעריש דאָס
קריסטענטום, כאָטש איך האָב איהם שוין לאַנג חושד געווען אין
פאַרברעכערישקייט בנוגע דעם דאָזיגען ענין. וואָסער אומאָרענט־
ליכע, ציניש, מיאוס'ע פריידע ער האָט עם געמוזט דערפיהלען ווען
ער האָט געמאַכט די גרויסע אַנטדעקונג אַז דערפאַר ווייל ווינ־
קעלמאַן איז געווען א „געבוירענער געצענדינער" איז ער געווען

אזוי גלייכגילטיג צו די פאַרשידענע פאָרמען פון דער קריסטליכער רעליגיע. נײן, אפילו געטע וועט ניט אזוי לייכט וואַקסען אין מיין אָפּשאַצונג נאָך די דאָזיגע צוויי ביכער!"*)

ווי מיר זעהען האָט געטע'ס עסיי געטראָפען גלייך אין פּינ־טעל. די ראָמאַנטיקער האָבען געפיהלט אזוי ווי זיי וואָלטען באַ־קומען אַ פּאַטש אין פּנים ווען ער האָט דערקלערט זיין פיינדליכע שטעלונג צו זייער קונסט טעאָריע.

מיר דאַרפען זיך איצט אַביסעל אָפּשטעלען אויף דער אויפ־פאַסונג פון דער נאַטור וואָס געהט האַנט אין האַנט מיט דער דאָ־זיגער אויפפאַסונג פון דער קונסט. אין „שטערנבאַלד", ווי געטע און קאַראָלינע ווייזען אָן, ווערט דער אינטערעס אָפּגעצויגען פון די העלדען און די האַנדלונגען דורך די באַשרייבונגען פון דער אַרו־מיגקייט.

מיר האָבען באַמערקט אַז רוסאָ איז געווען דער מענש וואָס האָט אויף ס'ניי אַנטדעקט דעם חוש פאַר דער נאַטור. ווי סענט־בעוו זאָגט ערגיץ, שפּילענדיג מיט רוסאָ'ס אייגענע ווערטער ווע־גען דער שוואַלב וואָס האָט געבויט איהר נעסט אונטער'ן אָפּדאַך פון איהר פריהערדיגער היים: „ער איז געווען די שוואַלב וואָס האָט פאַראויסגעזאָגט דאָס אָנקומען פונ'ם זומער אין דער ליטע־ראַטור". דאָס זעלביגע געפיהל פאַר דער נאַטור, ווי עס איז שוין אויך אָנגעוויזען געוואָרען, ערשיינט אויך אין „ווערטער". די ענדערונג וועלכע איז איצט פאָרגעקומען איז געווען אָט וואָס: „רוסאָ'ס שטאַנדפּונקט איז געווען אַן ע מ אָ צ י אָ נ ע ל ע ר, דער שטאַנדפּונקט פון די ראָמאַנטיקער — אַ פ אַ נ ט אַ ס ט י־ש ע ר. דערפון נעמט זיך וואָס זיי האָבען זיך אומגעקערט צו לעגענדעס און צויבערמעשיות, צו שדים און רוחות פון די פאַר־שפּרייטע אַבערגלויבענס. געטע האָט געזאָגט:

„די נאַטור האָט ניט קיין קערנדעל אָדער שאָל,
זי איז אַלצדינג מיט איין מאָל"

*) Briefwechsel zwischen Gentz und Adam Muller, 48.

די ראָמאַנטיקער האָבען דורכאויס געוואָלט האָבען צו טאָן בלויז מיט'ן קערנדעל, מיט'ן מיסטעריעזען אינווייניגסטען שטאָף, וואָס זיי האָבען געוואָלט אויפקניפען נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך אליין דערין אריינגעפלאָנטערט. דער מיסטישער גייסט האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער נאַטור און האָט אין איהר גאָר ניט געזעהן אַ חוץ מיסטעריעס. טיק, ווי יעדער ווייס, האָט געשאַפען דאָס וואָרט „וואלד־איינזאַמקייט" (זיינע פריינד האָבען געהאַלטען אַז עס דאַרף זיין „וואַלדעס איינזאַמקייט"). דער ראָמאַנטיזם האָט געשריגען מיט אַ ציטעריגער שטים אין דער וואַלד־איינזאַמקייט, אין דער עכאָ האָט אָפּגעקלונגען ציטערדיגע ענטפערס.

אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלט האָט אָנגעוויזען אַז די גריכען האָבען אין דער אמת'ן בלויז געזעהן שעהנקייט אין דער נאַטור ווען זי האָט געשמייכעלט צו מענשען פריינדליך און „ניצליך". ביי די ראָמאַנטיקער איז עס פאַרקערט. פאַר זיי איז די נאַטור ניט שעהן אין פּראָפּאָרציע. צו איהר ניצליכקייט, און צום שענ־סטען איז זי אין איהר ווילדקייט אָדער ווען זי וועקט אויף אַ גע־פיהל פון טונקעלער מורא. זיי פרעהען זיך מיט'ן חושך פון דער נאַכט מיט טיפע היילען און מיט אבסאָלוטער איינזאַמקייט וואָס רופט ארויס אַ ציטער פון שרעק. און טיק'ס פולע לבנה שיינט בסדר אָהן אָן איבערבייט אזוי ווי זי וואָלט געווען אַ טעאַטער לבנה פון פאַפיר אָנגעשמירט מיט אייל און מיט אַ לאָמפּ פון הינ־טען. איך רוף עס טיק'ס לבנה, ווייל טיק איז בלי שום ספק דער שאַפער פון דער ראָמאַנטישער לבנה־באַלויכטענער לאַנדשאַפט. עס איז אויך ניט שווער צו פאַרשטעהן פאַרוואָס דוקא ער און ניט קיין אנדערער פון די יונגע שרייבער, שאַפט אַזעלכע אויסדרוקען ווי „וואַלד־איינזאַמקייט", „כשופ'דיג באַלויכטענע נעכט", א. אז. וו. א. וו. טיק איז געבוירען געוואָרען אין בערלין, פון אַלע גרויסע שטעט איז זי אפשר די איינציגע וועמעס סביבה עס פאַרמאָגט דעם קלענסטען נאַטירליכען רייץ. די זאַמדיגע שטרעקעס פון בראַנדענבורג מיט זייערע הויכע, איינצעלנע סאָסנעס וואָס שטעהען גלייך אין רייהען ווי פּרייסישע סאָלדאַטען, שאַפען די אָרימסטע לאַנדשאַפט וואָס מען קען געפינען. בעת רוסאָ, לע־בענדיג אין אַ סביבה פון גן עדן שעהנקייט (די נעגענד ארום זשע־

נעווע און מאַן בלאַן), איז געווען שטארק און דירעקט באאיינ־פלוסט פון דער נאטור, האט טיק, אין זיין ניט אנגענעמער סביבה, דערפיהלט דעם שטאטמאַנ׳ס קראנקע בענקשאפט נאך וואלד און בארג; און די דאָזיגע בענקשאפט האט געבוירען א פאנטאסטי־שע אויפפאסונג פון דער נאטור. דער קאלטער גלאנץ פונ׳ם בער־לינער טאג־ליכט און איהר מאָדערנער צפון דייטשישער ראציאָנא־ליזם האט ארויסגערופען א בענקשאפט נאך די אוראלטע וועלדער און א נייגונג צו פרימיטיווער פאָעזיע.

כדי איינצוזעהן דעם אמת פון אָט דער באהויפּטונג דארף מען בלויז לייענען אַן אויסצוג פון טיק׳ס ביאָגראפיע, ווי, למשל, דעם פאָלגענדען באריכט פון זיין פארברענגען אין האלע אין 1792: „ווי אין גאנצען אנדערש איז געווען די נאטור וואס האט זיך אָנ־געשלאָגען אין זיינע אויגען דאָ אין גרינעם טאָל פון דער זאלע. ווי פיעל רייכער און פריינדליכער ווי די פלאכע שטרעקעס וואס רינג־לען ארום בערלין! דאָס געפיהל פון אומבאגרענעצטער בענק־שאפט האט איהם ארומגעכאפט מיט טאָפּעלטער קראפט, און אָנ־געפילט זיין הארץ מיט א כמעט פיינליכער אויפרעגונג בעת ער האָט געוואנדערט דורך די וועלדער אין פרילינג צייט. ער איז ווידער געוואָרען פאר׳שכור׳ט פון דער נאטור; עפּעס ווי א מיס־טעריעזע קראפט וואלט איהם געטריבען פאראויס. זיין באליבטער אָפּרוה פּלאץ איז געווען די „העלטי״ באנק לעבען גיביכענשטיין, פון וואנען ער האט געזעהן דעם טייך און דעם טאָל. ווי אָפט פלעגט ער אכטונג געבען אויף דער זון, בעת זי איז פארגאנגען הינטער די וואָלקענס, און אויף דער לבנה ווען זי האט זיך גע־שפּיגעלט מיט טויזענטער גאָלדענע שטראלען אין ציטערדיגען וואסער, אָדער פאר׳חלומ׳ט געפינקעלט דורך די צווייגען. דאָ איז ער געלעגען פיעל זומער נעכט ארייַנזויגענדיג דעם פרייען געטראנק פון דער נאטור.״

איז דען ניט אזא בענקשאפט נאָך דער נאטור ביי א מענשען וועלכער איז ווייט פון איהר, דער באגריף פון דער נאטור וואס אין זיין הינטערגרונד ליגט דער שטאָטישער טראָטואר?

אין דער שילדערונג פון א פארמאטערנדיגען שפּאציר וואס טיק און וואקענראָדער האבען גענומען אין די פיכטעלגעבירגע

זעהט מען אז טיק'ס אויפפאסונג פון דער נאטור איז נאך בולט'ער פארבונדען מיט זיינע פערזענליכע איינדרוקען: „וואקענראָדער, ניט זייענדיג געוואוינט צו אזא מידקייט, האט זיך גלייך געוואָר־פען אויפ'ן בעט, אָבער טיק איז געווען צו פאנאנדערגעשרויפט. ער האָט ניט געקענט שלאָפען נאך די אלע ערפארונגען פונ'ם טאָג. די גייסטער פון דער נאטור האָבען זיך אויפגעכאפט. ער האָט גע־עפענט דאָס פענסטער. עס איז געווען איינס פון די מילדסטע, שענסטע זומער נעכט. די לבנה האָט געגאָסען איהרע צארטע, ליכטיגע שטראַלען אויף איהם. אָט איז זי געווען פאר זיינע אוי־גען, די לבנה־באלויכטענע, כשופ'דיגע נאכט, די נאטור מיט איהר אַלטען דאך שטענדיג נייעם צויבער! ווידער אמאָל איז זיין הארץ פול געווען. צו וועלכען ווייטען, אומבאקאנטען ציל האָט עס איהם געצויגען מיט אומווידערשטעהליכער קראפט? ליכט און לאשטשענדיג האָבען זיך געגאָסען אין דער נאכט די קלאָרע טענער פון א האָרן. א געפיהל פון טרויער האָט איהם ארומגעכאפט, און דאָך איז ער געווען זעהר און זעהר גליקליך."*)

באמערקט, אפילו דער האָרן פעהלט ניט אויס. דאָס וואָס עס פעלט יאָ, וואָס טיק האָט ניט, איז א באשטימטער ציל. דאָס זעלביגע האָבען מיר אין „שטערנבאלד" וואו דער וואנדערער אר־טיסט, זייענדיג אונטער'ן איינפלוס בלויז פון זיין בענקשאפט און זיין נביא'שען ענטוזיאזם, פארגעסט שטענדיג, ווי ער אליין איז מודה, זיין אמת'ן ציל. „עס איז אוממעגליך — זאָגט איינער פון די העלדען פון בוך — צו פארגעסען א ציל, דערפאר ווייל דער שכל'דיגער מענש אָרדענט זיך אזוי איין, אז ער האָט ניט קיין ציל." קיינער קען ניט פארפעלען צו זעהן די ענגע פאר־בינדונג צווישען דעם דאָזיגען ספעציעלען סאָרט געפיהל פאר דער נאטור און דער ראָמאנטישער קינסטליכקייט, און אויך ווי אזוי ביידע אנטוויקלען איינס ס'אנדערע.

לאָמיר זעהן וואָסערע לאנדשאפטען פראנץ שטערנבאלד פאר־שטעהט און מאָלט, און ווי אזוי ער פארשטעהט און מאָלט זיי. אין איין טייל פונ'ם בוך לייענען מיר: „דאָס איז געווען די

*) Kopke I, 139, 163.

לאַנדשאַפט וואָס פראַנץ שטערנבאַלד האָט געוואָלט מאָלען; אָבער
די אמת'ע לאַנדשאַפט האָט זיך איהם אויסגעוויזען זעהר פּראָזאַ־
איש אין פאַרגלייך מיט איהר אָפּשפּיגלונג אין וואַסער.״ קלאָרע
ליניעס, באַשטימטע פאָרמען, זיינען טרוקענע פּראָזע; אָבער די
אָפּשפּיגלונג אין וואַסער, דער גלגול פונ'ם בילד, אזוי צו זאָגען,
דאָס איז ראָמאַנטישע פיינקייט, טאַפּעלטקייט, גלאָריפיקאַציע.
אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט פראַנץ: „איך וואָלט גיכער געוואָלט
מאָלען איינזאַמע, שרעקליכע בילדער: חרוב'ע,צעפאַלענדיגע בריי־
קען וואָס הענגען צווישען צוויי משופּע'דיגע פעלזען און וואו אונ־
טען אינ'ם אפּגרונט זיצען שוימענדיגע שטראָמען; בלאַנדזשענדיגע
אַרומפאָרער מיט צעשפּרייטע פאָלעס אין נאַסען ווינט; שרעק־
ליכע גזלנים אַרויסלויפענדיג פון זייערע היילען וואָס שטעלען אָפּ
פורען און באַרויבען זיי און שלאָגען זיך מיט רייזענדער.״ דאָס
זיינען אמת'ע בינע סצענעס מיט מעלאָדראַמע אלס צוגאָב! און
אין וואָסער גייסט ווערט די נאַטור פאַרשטאַנען? „טיילמאָל,
זאָגט פראַנץ, נעמט מיין דמיון אַרבייטען און רוהט ניט ביז ער
ברענגט אַרויס עפּעס נאָך ניט געהערטס. מיין דמיון וואָלט גע־
וואָלט איך זאָל מאָלען מאָדנע זאַכען, געבויט אויף אַ קאָמפּליציר־
טען און אומפאַרשטענדליכען אופן, פיגורען וואָס באַשטעהען פון
טיילען פון אַלע סאָרטען חיות וואָס זייערע אונטערשטע ברעגען
זיינען פלאַנצען; אינסעקטען און שלאַנגען וואָס האָבען אין זיך
עפּעס מאָדנע מענשליכעס, וואָס דריקען אויס מענשליכע שטימונ־
גען און ליידענשאַפטען אויף אַ וואונדערבאַרען און שרעקליכען
אופן״.

וואָסער בילד! וואָסער געמיש פון מורא'דיגע ברואים!
הערט איהר ניט ווי האָפמאַן דערנעהנטערט זיך שנעל מיט זיינע
קאַראַוואַנען מיט מאָנסטער? דער העלפאַנט שטעהט אויפ'ן קאָפּ
און האָט אַ רוקען־ביין וואָס פאַרענדיגט זיך אין אַ פיש; די קאַץ
שרייבט איהרע מעמואַרען, דאָס קלאַפּען אין טיר קומט אין דער
אמת'ן פון אַן אַלטער מארק־פרוי, א. א. וו. דערמאָנען מיר זיך דאָ
ניט ווידער, ווי אין „דער פריישיץ״, פון הייליגען אַנטאָנ'ס נסיונות
ווי דאָס ווערט געמאָלען פון טעני רס'ן, אָדער נאָך בעסער, פון העלען
ברויגהעל'ן, מיט אַ רעגולערען מכשפה'שען שבת. פאַר די עכטע

ראָמאַנטיקער קוקט אויס די נאַטור מיט אַלע איהרע מיליאָסען לעבעדיגע פאָרמען און באשעפענישען ווי א קינדערש קרעדענצעל וואו אַלע שפּילעכלעך גאָדערן און פלאַפלען פונקט ווי אין אנדערסענס צויבער מעשיות.

לייענט די דאָזיגע באשרייבונג פון א ראָמאַנטישער לאַנדשאַפט, גענומען פון נאָוואַליסעס „היינריך פאָן אָפטערדינגען". פון דער הויך האָבען זיי אראָפּגעקוקט אויפ׳ן ראָמאַנטישען לאַנד, פול מיט שטעט און שלאָסען מיט טעמפּלען און קברים, א לאַנד, וואָס האָט פאַראייניגט די איידעלע שעהנקייט פון באַוואוינטע פעלדער מיט דער שרעקליכער שעהנקייט פון מדבריות און משופּע-דיגע בערג. די שענסטע קאָלירען האָבען זיך גרויסאַרטיג צוזאמענגעמישט. בערג שפּיצען האָבען געבלישטשעט ווי פייערווערק אין זייער צודעק פון אייז און שניי. דאָס שמייכלענדיגע פעלד איז געווען אָנגעטאָן אין דער פרישסטער גרינקייט. די ווייטקייט האָט זיך פאַרדעקט מיט יעדער שאַטירונג פון בלוי, און די טיפע בלויקייט פון ים האָט בולט ארויסגעשטעלט די צאָלרייכע העלע פאָנען וואָס האָבען געציטערט אויף די מאַסטען פון צאָלרייכע שיפען. אין הינטערגרונט האָט מען געקענט זעהן א חרוב׳ע שיף, אין פאָדערגרונט — א פרייליכע דאָרף סעודה; פון דער ווייטענס — א שרעקליך שעהנער אויסברוך פון א וואולקאַן און א חורבן וואָס אַן ערד־ציטערניש האָט אָנגעמאַכט; און גלייך דערלעבען — א פאַרליבט פּאָרל הייס אומאַרמענדיג איינס ס׳אַנדערע אונטער באַשיצענדיגע ביימער. אויף איין זייט פון אָט דער סצענע האָט געשטורעמט א מורא׳דיגע שלאַכט, און ניט גאַנץ ווייט פון דער שלאַכט האָט זיך געזעהן א טעאַטער וואו א קאָמישע פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען. פון דער אנדערער זייט, אין פאָדערגרונט, איז דער קערפּער פון א יונג מיידעל געלעגען אין אַן ארון און דערלעבען האָבען געקניהט אַן אומגעטרייסטער פאַרליבטער און וויינענדיגע עלטערן. אין הינטערגרונט איז געזעסען א ליבע מוטער מיט איהר קינד ביי דער ברוסט, מלאכים האָבען גערוהט ביי איהרע פיס און דורכגעקוקט דורך די צווייגען איבער איהר קאָפּ".

וואָסער אומזין! און איבער דער גאַנצער זאַך גיסט זיך דאָס אומפאַרמיידליכע בלאַסע, געלע ליכט פון׳ם פריינט און גליק־וויג־

שער, באשיצער און פארדעטער פון אלע פארליבטע, דעם העכסטען ניריסטער און אַפּגאָט פון די ראָמאנטיקער — דאָס מענשעלע פון דער לבנה. ער איז זייער תקון. זיין קיילעכיג פּנים און זיין פּראָפיל האָבען פונקט דעם גראַד בולט'קייט וואָס אַ ראָמאנטיש פּנים מעג אָדער קען האָבען. אלע ריטער פונ'ם ראָמאנטיזם האָבען געטראָגען זיין געלען יוניפאָרם. און אַן אמת'ערען ריטער פון דער לבנה ווי עס איז געווען פראנץ שטערנבאַלד, קען מען ניט געפינען.

„הלואי, זאָגט ער, וואָלט איך געקענט אָנפילען די גאַנצע וועלט מיט מיין ליבע-ליד, און באַוועגען דאָס לבנה-ליכט און דעם ראָזעווען באַגינען, אַז זיי זאָלען אָפּקלינגען מיין צער און גליק, ביז די ביימער, צווייגען, בלעטער און גראָזען זאָלען אלע איבערנע־מען דעם ניגון, און איבער'חזר'ן איהם מיט מיליאָנען צונגען". און גלייך נאָך דעם זינגט ער אַ „לבנה-ליכט געזאַנג".

Hintern Wasser wie flimmernde Flammen,
Berggipfel oben mit Gold beschienen,
Neigen rauschend und ernst die grunen
Gebusche die blinkenden Haupter zusammen.
Welle, rollst du herauf den Schein,
Des Mondes rund freudlich Angesicht?
Es merkts und freundlich bewegt sich der Hain,
Streckt die Zweig entgegen dem Zauberlicht.
Fangen die Geisster an auf den Fluthen zu springen,
Thun sich die Nachtblumen auf mit Klingen,
Wacht die Nachtigal im dicksten Baum,
Verkundigt dichterisch ihren Traum.
Wie helle, blendende Strahlen die Tone nieder fliessen,
Am Bergeshang den Wiederhall zu grussen.'' *)

---

*) אויף יענער זייט וואסער — אַ שפּילען פון פלאַמען,
אויבען בערגשפּיצען מיט גאָלד באַלויכטען
די בלישטשענדע קעפּ פון די גרינע קוסטען
בויגען זיך שטאָלץ און ערנסט צוזאַמען.
כוואַליע, ברענגסטו צו אונז דעם שיין
פון דער לבנה'ס רונד פריינדליך געזיכט?

אט האבען מיר עס אין גאנצען! די שיינענדיגע שטראלען פון דער לבנה, קוסטען מיט בלישטשענדיגע קעפ, כוואליעס וואס קייקלען זיך און טראגען פאראויס דאס פנים פון דער פולער לבנה, גייסטער וואס טאנצען אויף די וועלען, א נאכט לויט נאוואליס'עס שילדערונג, נאכט בלומען, און א נאכטיגאל, וואס איהר געזאנג פליסט ווי קלארע, בלענדענדיגע לבנה שטראלען.

און פונקט דאס זעלביגע חזר'ט זיך כסדר איבער. פראנצ'ן חלומ'ט זיך: „ניט באמערקענדיג האט ער געמאלט דעם פרוש און זיין מסירת נפש, דעם װאלד און זיין לבנה שיין; עס איז איהם אפילו געלונגען — אליין ניט וויסענדיג ווי אזוי — ארײנצושפינען דער נאכטיגאל'ס געזאנג אין זיין בילד." א, די דאזיגע מוזיקא־לישע בילדליכע קונסט! איז ניט געטע גערעכט געווען ווען ער האט געזאגט אז אין דעם בוך איז פאראן מעהר מוזיק ווי מאלעריי?

עס איז וויכטיג צו דערמאנען, אז דער מענש וואס האט זיך אזוי פאר'שכור'ט מיט די פאנטאסטישע אנרעגונגען פון א געגענד וואו די נאטור איז געווען ארים און טרוקען האט אין גאנצען פאר־פעלט אפצושאצען די רייכקייט און גרויסארטיגקייט, די שפע פון געזונטער זאפט און קראפט מיט וואס דרום ענגלאנד צייכענט זיך אויס. שעקספיר האט געהאט בלויז עטליכע אזעלכע פייערדיגע באוואונדערער ווי טיק; און טיק האט נאטירליך געהאט דעם פאר־לאנג צו זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען די נאטור סביבה וואו זיין גרויסער לערער און רבי האט פארברענגט זיין לעבען, זיין לערער פון וועמען ער האט באקומען זיינע ערשטע איינדרוקען. ער האט זיך געריכט אויף א סך, אבער, גאט, וואסער אנטוישונג! דאס הארץ וואס האט זיך גערעכענט פאר זעהר ענליך צו שעקספיר'ס האט

דער בוים באמערקט עס און שטרעקט פריינדליך אויס
זיינע צווייגען געגען דעם בשוף ליכט.
הויבען די גייסטער אן אויף די כוואליעס צו שפרינגען,
עפענען די נאכט־בלומען זיך מיט א קלינגען,
וואכט די נאכטיגאל אין דיקסטען בוים,
זאגט אן דיכטעריש איהר טרוים.
ווי העל בלענדענדיגע שטראלען די זיסע טענער פליסען
כדי אויף דער בארג זייט דעם עכא צו באגריסען.

קיין ליבליכקייט ניט געפונען אין דער לאַנדשאַפט אַרום שעקספּיר'ס היים. דער הויפּט כאַראַקטער שטריך פון די דאָזיגע געגענדען איז כמעט אַן אומגלויבליכע גרויסאַרטיגקייט און קרעפטיגקייט אין בליהונג. אָבער די דאָזיגע שפע אין געוויקסען איז פאַר'ן ראָמאַנ־טיקער ניט פּאָעטיש, ווייל זי איז ניצליך, ווייל זי האָט אַ צוועק. בלויז די בליהונג וואָס ברענגט ניט קיין פרוכטען איז ראָמאַנטיש. מיר פאַרשטעהען די דאָזיגע אַנטווישונג. אין ערגיץ זעהט מען ניט אַזעלכע מעכטיגע ברייטע דעמבעס, אַזא הויך און זאַפטיג גראָז. ווי ווייט דאָס אויג קען גרייכען שפּרייט זיך אויס דער גרינער די־וואַן איבער די כוואַליענדיגע פעלדער און די רייכע לאַנקעס וואו פעטע בהמות פּאַשען זיך און מעלה גרה'ן. אַ סך ווייסע, געלע און בלויע בלומען פון לאַנקע און פעלד שאַפען אָפּ די איינטאָניגקייט פון דעם קאָליר און אָטעמען אַרויס אַ פּערפום וואָס די פייכטקייט פון דער לופט האַלט תמיד אַזוי פריש אַז ער וועפט זיך קיינמאָל ניט אויס. דאָס דאָזיגע בליהעניצ איז קודם כל פריש, און ניט בולט אין זיינע קאָנטורען ווי דאָס בליהעניצ פון דרום. די וואַסערדיגע, זאַפטיגע פלאַנצען לעבט ניט לאַנג. דאָס לעבען שטראָמט דורך איהר דורך און פאַרשווינדט. די פייכטע לופט רינגעלט אַרום בוימער און פלאַנצען מיט אַ מין ליכטיגער פאַרע וואָס כאַפּט אויף און צו־מישט די זון שטראַלען; און, ווי אין דענעמאַרק, וואַנדערען שטענ־דיג אַרום שטיקער וואָלקען איבער'ן בלייך־בלויען הימעל. ווען עס מאַכט זיך אַז דער דאָזיגער הימעל איז אויף אַ קורצער ווייל לחלוטין קלאָר, און די זון דערגרייכט די ערד ניט דורכגעהענדיג דורך נעפּלען, דעמאָלט פינקלען די רעגען טראָפּענס און דער טוי אויפ'ן גרינעם גראָז און אויף די זיידענע און אַטלאַסענע בלעטלעך פון די מיליאַרדען העלע בלומען נאָך בלענדענדיגער ווי דימענטען. וואָס איז דען אויב עס איז באַשערט מען זאָל דאָס גראָז אויפעסען? ליגט דען ניט אַ טייל פון זיין שעהנקייט אין זיין נאַרהאַפטען אויסזעהן? וואָס מאַכט עס אויס וואָס די פרוכטבאַרע פעלדער ווע־רען באַאַרבייט מיט דער הילף פון די נייעסטע אַגריקולטור מאַשי־נען, אָדער וואָס מען גיט אַכטונג אויף די בהמות מיט שכל און פאַרשטאַנד? איז דען ניט דאָס טאַקע די אורזאַך דערפון וואָס סיי חיות און סיי פלאַנצען קוקען אויס אַזוי שטאַרק, אַזוי גוט געשפּייזט

און אזוי נארהאפט? אמת, מיר געפינען דאָ ניט די איינדרוקפולע שעהנקייט פון דער מדבר, פונ'ם ים, אָדער פון דער שווייצארישער לאַנדשאַפט. אָבער האָט דען ניט די דאָזיגע לאַנדשאַפט איהר אייגענע פּאָעזיע? ווי קען מען עס פארברענגען אין אָוועגט אין קיו גאַרדענס און זיך ניט פאַרשטעלען אין געדאַנק דעם טאַנץ פון די קאַרליקעס פון „חלום פון א זומער־נאכט", אָדער „די פרייליכע ווייבער פון ווינדזאָר", טאַקע אין דער דאָזיגער סביבה, אין אָט די שעהנע פּארקען מיט זייערע ריזיגע אַלטע דעמבעס? אין דער דאָזיגער סביבה האָט זיי טאקע שעקספּיר געשריבען. מיר קענען זיך פאַרשטעלען מיט וואָסערע אויגען ער האָט געקוקט אויף אָט דער לאַנדשאַפט. מיט וואָסערע אויגען קוקט אויף זיי טיק?

„ווען ער האָט געזעהן לאָנדאָן — זאָגט קעפּקע — האָט ער זיך אויך געוואָלט באַקענען מיט אַנדערע טיילען פון ענגלאַנד, וואו האָט ער זיך געזאָלט פאַרקירעווען אויב ניט צו שעקספּיר'ס געבורטס־פּלאַץ? אויפ'ן וועג האָט ער באַזוכט אָקספאָרד. אָבער דאָ איז די נאַטור סביבה אויך ניט געווען לויט זיין געשמאַק. די געגענד וואו זיי זיינען פאַרבייגעפאָהרען איז געווען רייך אין גרינקייט, גרויס־אַרטיג באַארבייט, אָבער זי איז געווען צו גוט איינגעאָרדענט, צו קינסטליך (קיין פּרימיטיווע פּאָעזיע!); זי האָט געהאַט פאַרלוירען איהר אורשפּרינגליכקייט. לויט זיינע ווערטער האָט איהר געפעלט די איינפאַכקייט, די הייליגקייט, וואָס רירט דאָס הארץ, און א דאנק וועלכער ער איז אזוי אָפט געווען גערירט אפילו אין די אומפּרוכטבארסטע טיילען פון זיין היים־לאַנד. דאָ האָט די אינדוסטריע צושטערט דעם פּאָעטישען אראָמאַט".

עס איז אַלזאָ קלאָר אז עפּעס האָט געמוזט זיין אין די לאַנדשאַפטען פון טיק'ס פאָטערלאנד וואָס האָט אַפּעלירט צו זיין פּערזענליכער פאַרליבע. די פאַנטאַסטישע אויפפאַסונג פון דער נאַטור וואָלט ניט געפירט געוואָרען צו אזאַ עקסטרעם גראַד אין דאָזיגען לאַנד אויב עס וואָלט ניט געווען עפּעס פאַנטאַסטישעס אין דער דאָרטיגער נאַטור סביבה. אָבער ניט קוקענדיג אויפ'ן „שווארצען וואַלד" און די „בלאַקסבערג" קען מען ניט זאָגען אז די דייטשישע נאַטור איז ווירקליך פאַנטאַסטיש. ווארים, ווי טען זאָגט, בלויז די שעהנקייט פון דער קונסט איז פאַנטאַסטיש, די שעהנקייט פון

דער נאַטור איז מעהר ווי פאַנטאַסטיש; דאָס פאַנטאַסטישע עק־זיסטירט בלויז אין אונזער מענשליכען מארך. דאָך קען די נאַטור אליין זיין אַן אַנטשולדיגונג פאַר אַ געוויסען סכום פאַנטאַזיע. מען דאַרף ספּעציעל געדענקען, אַז אין דער כאַראַקטעריסטישער דייטשי־שער לאַנדשאַפט איז קיין ים ניטאָ, און צוזאַמען דערמיט פעלט דאָס געפיהל פון ברייטקייט און פרייקייט וואָס בלויז דער ים קען געבען. אין דער לאַנדשאַפט פון טייך און בארג איז קיינמאָל ניטאָ דער ברייטער, אָפענער האָריזאָנט צו וועלכען מיר דענער זיינען געוואוינט.

אָבער כדי איך זאָל ניט פאַרקריכען אין אַלגעמיינקייטען, לאָמיך געבען אַ באַגריף פון דער נאַטור סביבה וואו טיק האָט צום לענגסטען געלעבט — פון יענער געגענד ארום דרעזדען וואָס רופט זיך די זאַקסישע שווייץ. איך וועל שילדערען אין עטליכע ווערטער איהר איינדרוק אויף מיר, און דערנאָך געהן ווייטער און אָנווייזען וואָסער איינדרוק זי האָט געלאָזען אויף׳ן ראָמאַנטישען פּאָעט. איך קען דאָס טאָן מיט זיכערקייט און גענויקייט, ווייל איך האָב פער־זענליך געקענט עטליכע ראָמאַנטישע פּאָעטען און בין אַנומעלטען דורכגעפאָרען די דערמאָנטע געגענד צוזאַמען מיט אַן אַלטען פּאָעט מיט ראָמאַנטישע טענדענצען.

מיר האָבען פאַרבראַכט עטליכע טעג אין דער קלאָרער בארג־לופט, און אַראָפּגעקוקט אויף׳ן הויכען פרייען לאַנד און די פעלזיגע שפּיצען פון באָהעמיען, וואָס זיינען ענליך צו אַ ים מיט שאַרף גע־צייכענטע בערג, וואָס שטאַרען ארוים ווי אינזלען — אַן אומענד־ליכע אויסשפּרייטונג פון פעלדער און פעלזען באַדעקט מיט סאָס־נעס. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם אוטענוואַלדער גרונד ביז דער באַסטיי. דער טאָל איז ארומגעצאַמט מיט הויכע, פאַנטאַסטישע זאַמד־שטייניגע פעלזען, אָנגעוואָרפען אין שיכטען און יעדער שפּאַלט איז אָנגעפילט מיט סאָסנע ביימער. די העכערע טייל פון׳ם פעל בייגט זיך אָפט אריבער מיט שרעק איבער דער אונטערשטער, עס קומט אוים ווי אָט, אָט פאַלט זי. מען זעהט דאָ אַ סך מאָדנע נאַטורשאַפונגען, ווי טויערען, אפילו דרייפאַכיגע טויערען. ווען מען קלעטערט ארויף צו דער באַסטיי באַמערקט מען פון לינקס די וואונדערבאַרע לאַנדשאַפט מיט די משופע׳דיגע פעלזען וואָס שטאַ־

רען אַרויס ווי ריזיגע מצבות, אַ טראַגיש, פורכטבאַר בילד ; עס וואָלט געקענט דינען ווי אַ פּאַסיגער הינטערגרונט פאַר'ן טאַנץ פון די טויטע מאַנאַשקעס אין Robert le Diable ווען מען שטעהט אויף דער באַסטיי קוקט מען אַראָפּ אויפ'ן גרויסען פלוין מיט זיינע משופּע'דיגע בערג אינזלען (די פעסטונג פון קעניגשטיין איז געבויט אויף איינעם פון די דאָזיגע בערג), גלייכע, פעסטע ליניעס, לחלוטין אָהן רייץ. קוסטאַל איז אַ ריזיגער קופּאָל פון פעלז. דאָס גאַנצע בילד זעהט אויס ווי אַ מענש וואָלט עס געצייכענט, ווי עס וואָלט געווען אַ פאַנטאַסטיש קונסטווערק. דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב עס געזעהן, אין שטראַלענדיגער זון שיין, איז עס געווען וואונדערבאַר איינדרוקספול. די שפּיצען פון די ביימער האָבען אויסגעזעהן ווי פילץ אָדער וואָל, און איבער'ן גרויסען סאָסנע וואַלד, וואָס באַדעקט די אונטערשטע שפּיצען, איז געלעגען אַ בלויליך גרינער דונץ, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויף די זייטען פון די אַרומיגע בערג. די טשעבישע דערפלעך זיינען געלעגען גרופּעס־ווייז און געלויכטען ווי שויבען אין דער זון, ווייטער־צו זיינען געשטאַנען באַזאַלטישע בערג, און דערנעבען — פּיראַמידען־אַרטיגע, קוואַדראַטנע, אָבעליסק־פאָרמיגע פעלזען. וואו עס איז נאָר געשטאַנען אַן איינציגער פאַלענדיגער בוים צווישען די סאָסנעס, האָבען זיינע געלע הערבסט בלעטער געשיינט אין זייער טונקעלער אַרומיגקייט ווי שטיקער גאָלד. אַ חוץ דעם איז דאָס איינציגע געלע אָרט געווען אויף געוויסע פעלזען מיט שטיין מאָך. די דאָזיגע פעלזען האָבען אויסגעקוקט אַזוי ווי ריזען וואָלטען זיך איינס ס'אַנדערע פאַרוואָרפען מיט זיי אין די ששת ימי בראשית, פּונקט ווי קינדער פאַרוואַרפען זיך איינס ס'אַנדערע מיט שטיינער, אָדער עס איז ביי זיי געווען אַ שפּיל אָנצואוואַרפען זיי איינס אויפ'ן אַנדערען.

די בערגלאַך פון די ווינטערסבערג זעהען אויס ווי רעשטלעך פון אַ ציקלאָפּישער שטאָט. אַ ריזיגער פעלז, משופּע און גלאַטיג ווי אַ וואַנט, שטעהט אין צענטער פון אַ ברייטער לאַנדשאַפט, באַדעקט מיט טענענבויבער. דער פעלז פּרעבישטאָר מאַכט מסתמא דעם שענסטען איינדרוק אויפ'ן אָנקוקער. דאָ האָבען אויך די פעלזען אַ פאַנאַסטיש אויסזעהן, זיי קוקען אויס ווי אַ טויער. אַ ריזיגער שטראַל־אַרטיגער פעלז האָט זיך אָוועקגעלייגט ווי אַ בריק

איבער צוויי פעלז־טורעמס. זיצענדיג פון אונטען, פאַלט דאָס אויג אויף צוויי באַזונדערע לאַנדשאַפטען, איינע זעהט מען דורכ'ן גע־וועלב, אויף לינקס, די אַנדערע ליגט פריי אויף רעכטס. בעת איך בין דאָרט געזעסען אין אַ נאָכמיטאָג, איז די ערשטע געווען טרו־קען, קאַלט, שטרענג; איבער דער אַנדערער האָט זיך די זון גע־זעצט, רויט או גליהענדיג. די ערשטע איז געווען אין אַ מאַיאָר טאָן, די אַנדערע אין אַ מינאָר, אַזוי צו זאָגען. די ערשטע איז געווען ווי אַ פּנים אָהן אויגען, די אַנדערע האָט געגליהט און געשטראַלט.

אָט אַזוי האָט אויסגעקוקט די נאַטור אין די אויגען פון אַ גע־וויינליכען, ניכטערן רייזענדען. מיין באַלייטער, דער ראָמאַנטיקער איז, דוכט זיך, ווייניגער געווען גערירט פון די בילדער ווי איך; ער האָט לכל הפּחות ווייניג גערעדט דערפון דעם גאַנצען טאָג. אָבער ווען די נאַכט איז צוגעפאַלען, בעת מיר זיינען אַראָפּ פון באַרג האָט זיך זיין פאַנטאַזיע פלוצלונג אָנגעצונדען. עס איז געווען היבש־לאַך פינסטער, און די פינסטערניש האָט געווירקט אויף די נערוועו. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז וואָס פינסטערער עס ווערט קומען ארוים אַלץ מעהר און מעהר גייסטער פון דער נאַטור. און ווען מיר האָבען דערזעהן פון דער ווייטענס די ערשטע ליכט פינטע־לעך וואָס שיינען ארוים פון די הייזער אויף די באַרג־זייטען, די הייזער וואָס מיר האָבען פריהער ניט געקענט באַמערקען צוליב דער פינסטערניש, האָט ער דערפיהלט אַז די דאָזיגע פענסטער מו־זען זיין אין פעלז אַליין, און אַז מיר וואָלטען געקענט אָהן אריינ־קוקען אויב מיר וואָלטען געווען גענוג נאָהענט. די באַלויכטענע שוי־בען זיינען פאַר איהם געווען גרויסע אויגען מיט וועלכע דער באַרג־גייסט האָט געקוקט אויף אונז. ער האָט געפיהלט אַזוי ווי די וואַל־דיגע באַרג־זייט וואָלט אויף אונז אַכטונג געגעבען. ער איז געווען אין אַ פאַר'כשופ'טער, עקסצענטרישער עכט ראָמאַנטישער שטי־מונג, און איך האָב איהם ניט געקענט נאָכפאָלגען. אָבער ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָב איך געהאַט אַ מעגליכקייט אויסצוגע־פינען דורך פערזענליכער באָאָבאַכטונג ווי אַזוי אַ דייטשישער ראָ־מאַנטיקער פון די אַלטע גוטע צייטען האָט באַטראַכט די נאַטור; ווי די נאַטור איז פאַר איהם קיין אמת'ע נאַטור ניט געווען ביז די נאַכט איז צוגעפאַלען; ווי ער האָט געקוקט אויף איהר בלויז פון

איין זייט אָדער פון הינטען; און באַמערקענדיג וויפיעל מעהר ווי איך, און דאָך וויפיעל וויינינגער, מיין באַגלייטער האָט געפיהלט די נאַטור זייענדיג מיט איהם פנים אל פנים, האָב איך אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן די געזעצליכקייט און שמאָלקייט, די אומנאַטירליכקייט און די פּאָעזיע פון דער ראָמאַנטישער אויפפאַסונג פון דער נאַטור.*)

*) דאָס אויביגע איז אַ געטרייער באַריכט פון דער ווירקונג וואָס די דאָזיגע נאַטור־בילדער האבען געהאַט אויפ'ן דענישען פּאָעט מ. גאָלדשמיט אין פרילינג פון 1872.

קאַפּיטעל 11

די ראָמאַנטישע טאָפּעלטקייט און פּסיכאָלאָגיע.

קונסט און אילוזיע; טעאַטער און רעאַליזם; דער שפּיגעל־זאַל ביי קירקערגאַרד'ן; די צעשטערונג פון קאָנוועַנציעס; הייבערג און די ראָמאַנטיקער; די אידעע פון אַ „דאָפּעלגענגער"; טעאָדאָר האָפּמאַן; דער ראָמאַנטיזם און דער „איך"; אַדאַלבערט פאָן שאַמיסאָ; דער ארטיסטישער שטאַנדפּונקט פון ראָמאַנטיזם.

יענע פון מיינע לעזער וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ צימער אַרומגעשטעלט מיט שפּיגלען, און האָבען געזעהן זיך און אַלץ אַרום רעפלעקטירט אָהן אַ סוף, אויבען, אונטען און אויף יעדער זייט, האָבען אַ געוויסע פאָרשטעלונג פון דער שווינדלעניש וואָס ווערט צייטענווייז פאַראורזאַכט פון שטודירען די ראָמאַנטישע קונסט.

יעדער איינער, וואָס האָט געלייענט האַלבערג'ס Ulysses von Ithalia, געדענקט ווי נאַריש עס קוקט אויס ווען די העלדען — ווי זיי טוען עס שטענדיג — מאַכען חוזק פון זיך אַליין און פון אַלץ וואָס זיי שטעלען פאָר, ווען, למשל, אוליסעס ווייזט זיין לאַנגע באָרד וואָס האָט אָנגעוואַקסען אין משך פון זיינע צעהן יאָהר מלחמות, אָדער ווען מיר לייענען אויף אַ לייוועַנט „דאָס איז טרוי", אָדער ווען, ביים סוף פון דער דראַמע, לויפען אריין די אידען און רייסען אַראָפּ פון'ם אַקטיאָר די קליידער, וואָס ער האָט געבאָרגט כדי צו שפּילען אוליסעס. די עפעקטען פון דער היסטאָריאָנישער קונסט הענגען אָפּ, ווי יעדער איינער ווייס, פון אילוזיעס. און די אילוזיע איז אַ צוועק, וואָס עס שטעלען זיך אַ סך פון די קונסטען. אַ סטאַטוע און אַ געמאָלט בילד נאַרען אָפּ כמעט אַזוי פיעל ווי אַ טעאַטער שפּיל, די אילוזיע צווינגט זיך אַרויף אויף אונז אין דער רגע ווען מיר נעמען אָן דעם שטיין פאַר אַ מענש־

ליך באַשעפעניש, און דעם געמאָלענעם פלאַך פאַר אַ בולט'ער ווירקליכקייט, פונקט ווי מיר פאַרגעסען דעם אַקטיאָר אין זיין ראָלע. אָבער די דאָזיגע אילוזיע איז פולשטענדיג בלויז איין רגע. פאַר אַ לחלוטין אומגעבילדעטען מענשען איז עס ווירקליך מעגליך צו זיין אין גאַנצען אונטער דער אילוזיע. אַן איטאַליענישער סאָלדאַט אין קאַלקוטאַ האָט געשאָסען אַן אַקטיאָר וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אָטעלאָ, אויסרופענדיג: „זאָל מען קיינמאָל ניט זאָגען אַז אַ נעגער האָט גע'הרג'עט אַ ווייסען אין מיין אַנוועזענהייט!“ אָבער ביי אַ געבילדעטען מענשען קומט די אילוזיע און פאַרשווינדט באַלד; זי קומט אינ'ם מאָמענט ווען די טראַגעדיע פילט אָן זיינע אויגען מיט טרערען, און זי פאַרשווינדט אין דער רגע ווען ער נעמט ארויס זיין נאָז־טיכעל און קוקט אויף זיין שכן. דער עפעקט פון אַ קונסטווערק ווערט, אַזוי צו זאָגען, קאָנצענטרירט אין דער דאָזיגער אילוזיע. די אילוזיע איז די אָפּשפּיגלונג פון'ם קונסטווערק אינ'ם צוקוקער'ס נשמה, — די שיינבאַרקייט, די שפּיל דורך וועלכער דאָס אומווירקליכע ווערט ווירקליך פאַר'ן צוקוקער.

עס איז אָבער ניט שווער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי די אילוזיע וואָס די קונסט ברענגט ארויס קען באַקומען אַ געוויסען רייץ. ווען, למשל, אַ הערמעס, אָדער אַן אַנדער אָפּגאָט ווערט פאָרגעשטעלט אין אַ באַרעליעף, ווען אַ בילד שטעלט פאָר אַ סטודיאָ אָדער אַ צימער מיט בילדער אויף דער וואַנט, געפינען מיר דאָ אַ בולט'ן אָנווייז„ אַז עס איז ניט די כונה פונ'ם באַרעליעף צו מאַכען אויף אונז דעם איינדרוק פון אַ סטאַטוע, און ניט פונ'ם בילד צו מאַכען אויף אונז דעם איינדרוק פון אַ געמעלאַכץ. און דער זעלביגער סאָרט איינדרוק ווערט ארויסגעבראַכט ווען אַ געוויסער העלד פון אַ קאָמעדיע שרייט: „האַלסטו מיך פאַר אַ טעאַטער פעטער?“

די טעאַטער אילוזיע ווערט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט, אָדער צו זיין מעהר גערעכט, ווערט נאָך לחלוטינ'דיגער פאַרגעסען ווען געוויסע העלדען אין אַ פּיעסע שטעלען אַליין פאַר אַ פּיעסע ווי אין „האַמלעט“ אָדער אין „אַ חלום פון אַ זומער נאַכט“. עס קוקט אויס ווי אומגעוויינליך אָדער אוממעגליך אַז די צוקוקער פון דער דאָזיגער צווייטער פאָרשטעלונג זאָלען אויך שפּילען טעאַטער. די אילוזיע ווערט דאָ קינסטליך פאַרשטאַרקט, און דאָך אָפּגעשוואַכט

אין דער זעלביגער צייט דורך דעם וואָס זי ציהט די אויפמערק־זאַמקייט צו זיך. עס איז קלאָר אַז אַזאַ שפּיל מיט אילוזיעס האָט טיק'ן געוואַלטיג צוגעצויגען. און דאָס איז געווען אומפאַרמיידליך. וואָרים בלויז די אילוזיע מאַכט אַז די קונסט זאָל זיין אַן ערנסטע ווירקליכקייט פאַר'ן צוקוקער, בלויז דורך צושטערען די אילוזיע הויבט ער אָן צו פיהלען אַז די קונסט איז אַ פרייע, פאַנטאַסטישע שפּיל.

טיק מאַכט דערפאַר חוזק פון די זאַכען וואָס מען איגנאָרירט געוויינליך כדי ניט צו צעשטערען די אילוזיע. אין „דאָס קעצעל אין שטיוועל", זאָגט דער קעניג צו פּרינץ נאַטאַניעל'ן: „אָבער זאָג, איך בעט דיך, ווי קומט עס וואָס דו, ניט קוקענדיג וואָס דו לעבסט אַזוי ווייט פון אונז, קענסט רעדען אונזער שפּראַך אַזוי פליסיג?" נאַטאַניעל: „שווייג!" דער קעניג: „וואָס?" נאַטאַניעל: „שווייג, שווייג! טו עס צוליב וואָס דו ווילסט, נאָר זיי שטיל, אויב ניט וועט דאָס פּובליקום אויך אויסגעפינען ווי אומנאַטירליך עס איז". און ווי דער שטייגער איז, באַמערקט גלייך איינער פון די צוקוקער: „רבונו של עולם, פאַרוואָס זאָל דער פּרינץ ניט רעדען קיין פרעמדע שפּראַך און זאָל זיין איבערזעצער זי איבערזעצען? וואָסער פולשטענדיגער אומזין דאָס אַלץ איז!" די דאָזיגע לעצטע רעדע איז, פאַרשטעהט זיך, סאַרקאַזם, געצילט אַנטקעגען דער פאָדערונג פון רעאַליזם אין דער קונסט, וואָס איפלאַנד און קאָצעבו האָבען פאַרטיידיגט. מיר האָבען איין אויסדרוק פון דער דערמאָנטער פאָדערונג אין דער פראַנצויזישער שלעכטער אויפפאַסונג פון אַריסטאָטעל'ס טעאָריע בנוגע דער איינקייט פון צייט און אָרט. שרייבענדיג וועגען אָט דעם ענין האָט שלעגעל, נאָכטוענדיג לעסינג'סביישפּיל, באַמערקט, אַז נאָך דעם ווי מען מאַכט דעם גרויסען שפּרונג און מען באַטראַכט די בינע ווי די וועלט, איז שוין זיכער לייכט צו מאַכען דעם קלענערען שפּרונג און דערלאָזען אַז טיילמאָל זאָל די דאָזיגע בינע פאָרשטעלען פאַרשיידענע פּלעצער. און די ראָמאַנטיקער זיינען קיינמאָל ניט מיד געוואָרען צו לויבען אין הימעל אריין דאָס אַלטע שעקספּירישע טעאַטער (וואו מען האָט אָנגעוויזען דעם פאָרגעשטעלטען פּלאַץ בלויז דורך אַ צעטעלע וואָס מען האָט צוגעטשעפּעט צו די דעקאָראַציעס) אַלס אַ העכערע אַנט־

ווּיקלונג פון דער קונסט ווי זי איז געווען אין זייער צייט. די קעמ־פער פאר רעאליזם אין דער קונסט האָבען אין יענער צייט געפאָ־דערט אמת'ע וועגט אנשטאָט דעקאָראציעס. שלעגעל האָט גע־האלטען אז די, וואָס זיינען באשטאנען דערויף אז די בינע זאָל האָבען דריי ווענט, זיינען לאָגיש געצוואונגען צו מאכען נאָך א טריט און אוועקשטעלען א פערטע וואנט אויף דער זייט פון פובליקום.

בלויז צוליב רייצען זיך מיט דער פיליסטערשער אויפפאסונג פון דער קונסט אמוזירט זיך טיק דערמיט וואָס ער זעצט אוועק א פובליקום אויף דער בינע און די פאָרשטעלונג אין דער פאָרשטע־לונג ווערט באגלייט פון זייערע קריטישע באמערקונגען. זיי טאד־לען, זיי לויבען, אָט פארדאמען זיי א סצענע אלס אן איבעריגע, אָט זיינען זיי מסכים מיט'ן דראמאטורג א דאנק זיין געוואגטקייט וואָס ער פירט ארויף א פערד אויף דער בינע בעת דער געלערנטער און דער נאר דיסקוטירען אין קעניגליכען פאלאץ ווען דער קעניג זיצט אויף זיין טראָן, זאָגט דער געלערנטער: „דער תמצית פון מיין ארגומענט איז, אז די נייע פיעסע „דאָס קעצעל אין שטיוועל“ איז א גוטע פיעסע“. „אָט דאָס טאקע לייקען איך אָפּ“, זאָגט דער נאר. דערויף רופט זיך אָן איינער פון פובליקום מיט פארוואונדערונג: „וואָס! די פיעסע אליין ווערט דערמאָנט אין דער פיעסע!“

א צושטאנד וואָס איז נאָך אומגעוויינליכער הערשט אין „די פארקערטע וועלט“. א פאיאץ רייט אויף זיין אייזעל אין וואלד, פלוצלונג דערהערט ער א דונערן. מען ריכט זיך, נאטירליך, אז ער וועט געהן זוכען אן אָפדאך. עס הייבט זיך אָבער ניט אָן. „פון וואַנען, צום טייוועל, נעמט זיך דער שטורעם? — רופט ער אויס — עס איז קיין וואָרט וועגען דעם ניטאָ אין מיין ראָלע. וואָסער נאַ־רישער אומזין! איך און מיין אייזעל ווערען דורכגעווייקט. מאשי־ניסט! מאשיניסט! היי, צום שווארצען יאָהר, שטעל עס אָפּ!“ דער מאשיניסט קומט אריין און אנטשולדיגט זיך, ער דערקלערט אז דאָס פובליקום האָט אויסגעדריקט א פארלאנג צו האָבען בינע־דו־נערן, און דערפאר האָט ער זיי נאָכגעגעבען. דער פאיאץ בעט דאָס פובליקום צו ענדערן זיין פארלאנג, אָבער עס העלפט ניט; זיי ווילען האָבען דעם דונער. „וואָס, אין א רוהיגער היסטאָרישער פיעסע?“ עס דונערט ווידער. „עס איז א גאנץ פשוט'ע זאך, — זאָגט דער

מאַשיניסט, — איך בלאָז אריין אַביסעל צעשטויסענע קאַלעפאַניע אין אַ פּלאַם, דאָס ברענגט אַרויס דעם בליץ, און אין דער זעלביגער צייט קייקעלט מען אין דער הויך אַן אייזערנע קויל און אָט האָבען מיר דעם דונער". די שפּיל מיט אילוזיעס קען ווייטער ווי דאָס גיט געבראַכט ווערען, סיידען מען זאָל אריינברענגען אין דער פאָר־שטעלונג, וועלכע ווערט בייגעוואוינט פון אַקטיאָרישען פּובליקום, נאָך אַ פאָרשטעלונג וואָס זאָל געשפּילט ווערען פאַר אַן אַנדער פּובליקום. „ווי אומגעוויינליך דאָס איז!" זאָגט סקאַוואָלאַ דער נאַר, „מיר זיינען אַ פּובליקום, און דאָרטען זיצען מענשען וואָס זיי־נען אויך אַ פּובליקום". די פּיעסעס פּאַסען זיך אריין איינע אין דער צווייטער ווי אַנגעמאָסטען.

דער קלימאַקס פונ'ם משוגעת ווערט דערגרייכט ווען אין סאַמע האַרץ פון אָט דער נייער פּיעסע ערשיינט נאָך אַ פּיעסע. דאָס הייסט, גענומען אַ מיש־מאַש און איהם נאָך ערגער געמאַכט. „ניין, דאָס איז צופיעל, שרייט סקאַוואָלאַ, דערמאָנט זיך נאַר, אַלע זיינען גוטע מענשען! מיר זיצען דאָ ווי אַ פּובליקום און קוקען זיך צו צו אַ פאָרשטעלונג; אין דער דאָזיגער פאָרשטעלונג זיצט נאָך אַ פּובליקום און קוקט זיך ו צו אַ דריטער פאָרשטעלונג, און פאַר די אַקטיאָרען פון אָט דער דריטער פאָרשטעלונג ווערט נאָך אַ פאָר־שטעלונג געשפּיעלט." און ער געהט ווייטער און דערקלערט, ווי אַן אמת'ער ראָמאַנטיקער: „אָפּט האָט מען אַזעלכע סאָרטען חלומות, און זיי זיינען שרעקליך; און אויך געדאַנקען וועבען זיך טיילמאָל אויף אַזאַ אופן אַלץ ווייטער אריין אין סאַמע האַרץ פון זאַכען. און סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע זיינען גענוג צו מאַכען אַ מענשען משוגע."

אָבער די מוזיק צווישען די אַקטען אַנטהאַלט דעם שליסעל צום גאַנצען ווערק. דער פריוויליכער אַלעגראָ זאָגט: „ווייסט איהר וואָס איהר פאַרלאַנגט? איהר, וואָס זוכט אַ זין אין יעדער זאַך? ווען דער גאָלדענער וויין פּינקעלט אין גלאָז און זיין גוטער גייסט באַ־לעבט אייך, ווען איהר פיהלט טאָפּעלט פול מיט לעבען און נשמה און אַלע דאַמבעס פון אייער נשמה ווערען געעפענט, וועגען וואָס טראַכט איהר דעמאָלט? קענט איהר דעמאָלט באַפעלען און רע־גולירען? איהר דערפרייט זיך אין דעם האַרמאָנישען מיש־מאַש."

און דער ראָנדאָ זאָגט: „ווען נאָר אַ פֿילאָזאָף איז פֿאַרוואונדערט פֿון עפּעס, און ער קען עס ניט פֿאַרשטעהן, רופֿט ער אויס: דערין איז קיין שכל ניטאָ! נאָך מעהר, ווען דער שכל דרינגט דורך זיין אייגען האַרץ, ווען ער האָט אויסגעפֿאָרשט זיין אייגענעם תמצית און זיך באָאָבאַכטעט פֿאַרזיכטיג, זאָגט ער: דערין איז אויך קיין שכל ניטאָ... דער מענש וואָס פֿאַראַכט דעם שכל מיט שכל איז אַ שכל'דיגער מענש. אַ סך פּאָעזיע איז משוגע געוואָרענע פּראָזע; אַ סך פּראָזע איז קאַליקע פּאָעזיע; דאָס וואָס געפֿינט זיך צווישען פּאָעזיע און פּראָזע איז אויך ניט דאָס בעסטע. אָ, מוזיק, וואוהין ציהען זיך דיינע טריט? אין דיר איז אויך קיין שכל ניטאָ."

אין זיינע קריטישע שריפֿטען גיט אונז טיק דעם שליסעל פֿון זיין פּראָצעדור דורך זיין באַהויפּטונג אַז דער צוועק פֿון דער ראָמאַנטישער קאָמעדיע איז איינצושלעפֿען דעם צוקוקער אין אַ פֿאַרטרוימטער שטימונג. „אין מיטען אַ חלום, זאָגט ער, טרעפֿט אָפֿט, אַז די נשמה גלויבט ניט שטאַרק אין איהרע זעהונגען, אָבער ווען דער בעל חלום שלאָפֿט ווייטער, ווערט די אילוזיע ווידער איינגעשטעלט פֿון דער ענדלאָזער רייהע נייע כשופֿ'דיגע ערשיינונגען, זי האַלט איהם אין אַ פֿאַרצויבערטער וועלט, מאַכט אַז ער זאָל פֿאַרליר̃ען די נאָרם פֿון דער ווירקליכקייט, און גיט איהם ענדליך אין גאַנצען איבער אין די הענט פֿון'ם אומבאַגרייפֿליכען."

מוזיק איז די פֿאָרמלאָזע טיפּעניש וואוהין די מידע ראָמאַנטישע פֿאַנטאַזיע קערט זיך אום נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַטראַכט בעת זי האָט זיך אומענדליך רעפֿלעקטירט אין איהר שפּיגעל־זאַל. און דאָס קונסט ווערק קען פֿאַרגליכען ווערען צו די געשניצטע העלפֿאַנטביינערנע קוילען וואָס טראָגען אין זיך אַ קאָמפּלעט העלפֿאַנטביינערנע קוילען איינס אין ס'אַנדערע.

דעם דאָזיגען דראַמאַטישען סטיל האָט י. ל. הייבערג אַמוזאַנט פּאַראָדירט אין זיין וויציגער, סאַטירישער פּיעסע Julespog og Nytaarslojer (ווייַנאַכט שפּאַס און ניי־יאָר חוזק). פֿאַראַן ווייניגער פֿרייהייט און אָריגינאַליטעט אין האָפּמאַן'ס נאָכמאַכונג Prinzessin Blandins וואו, אין סצענעס וואָס קומען פֿאַר הינטער דער סצענע, דיסקוטירט דער בינע־אויפֿזעהער מיט'ן דירעקטאָר איבער דער דראַמע. דער בינע־אויפֿזעהער

זאָגט: „מאַשיניסט גיט דעם סיגנאַל אויף נאַכט". דירעקטאָר: „צו וואָס, איהר ווילט דען אַז עס זאָל שוין ווערען נאַכט? עס וועט שטערען די אילוזיע. עס איז אפשר נאָך ניט קיין דריי מינוט זינט ראָדעריק האָט געגעסען אָנבייסען אין דער מדבר". דער בינע־אויפ־זעהער: „דאָס איז דער אָנווייז וואָס ווערט געגעבען אין בוך". די־רעקטאָר: „אויב אַזוי איז דאָס בוך משוגע, און די פּיעסע איז גע־שריבען געוואָרען אָהן דעם מינדסטען באַגריף פון דראַמאַטישער קונסט."

אין אַן אַנדער ליטעראַרישער אָפּטיילונג, אין די שריפטען פון'ם דענישען פילאָזאָף קירקעגאַרד, באַגעגענען מיר ווידער דעם שפּיגעל זאָל מיט זיינע בסדר'דיגע רעפלעקציעס, אָנגעווענדט אויף א פּסיכאָלאָגישען אופן. פּונקט ווי דער דייטשישער ראָמאַנטיקער שוועבט ארום איראָניש איבער זיין אייגענער פּיעסע מיט איהרע סצענעס און פיגורען וואָס דערמאָנען אָן בינעזישע רעטעניש קעסט־לעך, אַזוי געהט דער דענישער פּסיכאָלאָג אַלץ ווייטער און ווייטער אוועק פון זיין ענין, דורך דעם וואָס ער לייגט אוועק איינעם אויפ'ן צווייטען, אָדער איינעם אינ'ם צווייטען, אַזוי צו זאָגען.

הערט זיך צו צו זיין דערקלערונג אין זיין Afsluttende Efterskrift (דאָס לעצטע נאָכוואָרט): „מיין פּאָזיציע איז אַ נאָך זייטיגערע ווי די פּאָזיציע פון יעדען שרייבער וואָס זיינע העל־דען זיינען אויסגעטראַכטע, נאָר וועלכער ערשיינט פּערזענליך אין דער הקדמה. זייענדיג אַ מענש וואָס שאַפט, אָן אומפּערזענליכער, אָדער אַ פּערזענליכער אין דער דריטער פּערזאָן, האָב איך ארויס־געבראַכט שרייבער וואָס זייערע הקדמות, נאָך מעהר, זייערע נעמען אַליין זיינען זייערע אייגענע ווערק. אין די פּסעוודאָנימע ביכער גע־פינט זיך ניט קיין איין אייגען וואָרט מיינס. איך אורטייל ווי אַ ניט פּאַראינטערעסירטער דריטער צד, האָב קיין ידיעה ניט וועגען זייער זין, אַ חוץ אַ ידיעה פון אַ געוויינליכען לעזער, און איך האָב מיט זיי ניט די ווייטסטע פּערזענליכע פאַרבינדונג, וואָס דאָס איז ווירקליך אוממעגליך בעת דאָס וואָס מען גיט איבער האָט אַ טאָ־פּעלע רעפלעקציע. ווען איך פּערזענליך זאָל אין מיין אייגענעם נאָ־מען זאָגען איין איינציג וואָרט, וואָלט עס געווען אַ שטיק חוצפּה'די־גע זעלבסט־פאַרגעסענקייט, און וואָלט פון אַ דיאַלעקטישען שטאַנד־

פונקט צעשטערט דעם פּסעוודאָנימען כאַראַקטער פון בוך. איך בין פונקט אַזוי דער פאַרפירער אָדער דער אַסעסאָר אין Enten-Eller ווי איך בין דער אַרויסגעבער, וויקטאָר ערע־מיטאַ. ערעמיטאַ איז דער פּאָעטיש ווירקליכער סוביעקטיווער דענקער, וועמען מיר באַגעגענען ווידער אין In Vino Veritas.

אין Fryzt og Boeven („מורא און ציטערניש") בין איך פונקט אַזוי יאָהאַנעס דע סילענטיאָ ווי איך בין דער „ריטער פון גלויבען" וועמען ער שילדערט; און פונקט אַזוי ווייניג בין איך אויך דער שרייבער פון דער הקדמה צום בוך, וואָס איז אַ כאַראַק־טעריסטישער אויסדרוק פון אַ פּאָעטיש־ווירקליכען סוביעקטיווען דענקער. אין דער צער־פולער מעשה "Skyldig Ikke Skyldig?" („שולדיג אָדער ניט שולדיג?") בין איך פונקט אַזוי ווייניג עקס־פּערימענטירער ווי איך בין דער סוביעקט פונ'ם עקספּערימענט, וואָרים דער עקספּערימענטירער איז אַ פּאָעטיש ווירקליכער סוב־יעקטיווער דענקער און דער אויף וועמען ער עקספּערימענטירט איז זיין פּסיכאָלאָגיש, אומפאַרמיידליך ווערק. איך בין אַן איגנאָריר־באַרע צאָל, ד. ה. עס מאַכט ניט אויס וואָס איך בין... איך האָב בסדר פאַרשטאַנען אַז מיין פּערזענליכקייט איז אַ שטערונג פון וועלכער די פּסעוודאָנימען דאַרפען ניט ווילענדיג און אומפאַרמייד־ליך זעהן פּטור צו ווערען, אָדער מאַכען זי אַזוי אומוויכטיג ווי מעג־ליך. אָבער אין דער זעלביגער צייט, באַטראַכטענדיג דעם ענין פון אַן איראָנישען און רעפלעקטיווען שטאַנדפּונקט, דאַרפען זיי פאַר־לאַנגען אַז זי זאָל בלייבען ווי אַן אָפּשטויסענדיגע אָפּאָזיציע, ווייל איך געפין זיך מיט זיי אין אַן איראָניש קאָמבינירטען שייכות פון אַ סעקרעטאַר און אַ דיאַלעקטיש רעדופּליצירטען שרייבער פונ'ם שרייבער אָדער פון די שרייבער."

ווי אַנדערש עס זאָלען ניט זיין די סיבות פון דער פאַרטאָפּלונג אין דאָזיגען פאַל, איז די ערשיינונג אַליין זעהר נאָהנט צו דער פריהערדיגער. קירקעגאַרד שטעלט אַוועק צווישען זיך און די לע־זער אַזוי פיעל שרייבער ווי נאָר מעגליך, כדי צו האַלטען די אַלגע־מיינע לעזער פון דער ווייטענס, אויסצומיידען די נויטיגקייט זיך אַראָפּצורעדען פון האַרץ, און, צום וויכטיגסטען פון אַלעם, אויס־צומיידען די נודנע פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס קומט פון רעדען

אין זיין אייגענעם נאָמען. אפילו ווען איך רעכען זיך מיט זיינע אורזאכען, בין איך מודה, אז פאַר מיר קלינגט די גאַנצע מעשה צו חקירה׳דיג, א מין עראינערונג פון דער ראָמאַנטישער איראָניע. וואָרים כאָטש קירקעגאַרד איז, בנוגע זיין אינהאלט, אין א סך הינזיכטען ווייטער פונ׳ם ראָמאַנטיזם, איז ער אָבער דאָך מיט איהם פארבונדען אין זיין סטיל. עס איז, פארשטעהט זיך, נאטירליך וואס ער קען ניט אָדער וויל ניט נעמען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכקייט פאר דעם וואָס זיינע אויסגעטראכטע העלדען, דער פארפירער און דער אסעסאָר, זאָגען: עס איז אָבער פון זיין זייט בלויז אַן אויסגעטראכטע זאך ווען ער דענקט, אַז ער איז פעהיג צו באַשאַפען שרייבער פון וועלכע ער אליין קען זיך באַזייטיגען, ווען ער דענקט, למשל, אַז ער האָט געשאַפען זיין העלד פון דער „שדוך מעשה“ אָט פונקט ווי „פראטער טאציטורנוס“ וואָלט איהם געשאַפען. עטליכע פון זיינע אַזוי־גערופענע שרייבער, למשל, קאָנסטאַנטין קאָנסטאַנטיוס און פראטער טאציטורנוס, קען מען כמעט ניט אונטערשיידען איינעם פונ׳ם אַנדערן, און עס ניטאָ קיין באַזונדערס כאַראַקטעריסטישעס אין זייערע ווערק. די דריטע טייל פון Stadierne („מדרגות אויפ׳ן וועג פון לעבען“) איז לכתחילה געוועזן אויסגערעכענט, ווי עס באַווייזען קירקעגאַרד׳ס אייגענע מעמאָראַנדומס, אַז זי זאָל זיין אַ טייל פון Enten Eller ווען ער באַמערקט (אין Afstuttende Efteiskrift ז. 216) אַז אפילו דעם אויפמערקזאַמסטען לעזער וועט זיך קוים איינגעבען צו געפינען אין דעם ווערק, סיי אין דער שפּראַך סיי אין געדאַנקען גאַנג, אַן איינציגע עראינערונג פון Enten Eller, ווייזט ער דערמיט אַרויס זיין גרויסע פעהיגקייט זיך אַליין אָפּצונאַרען. אין יעדער שורה פון ביידע ווערק זעהט מען אַז איין מענש האָט זיי געשריבען; אין ביידע ווערק טרעפען מיר אָן די זעלביגע געדאַנקען, אָפט אויסגעדריקט אין די זעלביגע ווערטער. דער אַסעסאָר פון Stadierne אורטיילט אַלאַדינ׳ען פונקט ווי דער פיינשמעקער פון Enten Eller: „דער כח פון זיין פארלאַנג, אָט וואָס מאַכט אַלאַדינ׳ען אַזוי גרויס.“

צוזאַמען מיט אָט דער פארטאָפּלונג און ווידער־פארטאָפּלונג געפינען מיר ביי די ראָמאַנטיקער דיווילדסטע קאַפּריזען בנוגע דער

אָרדנונג פון זייערע שילדערונגען. „די פאַרקירטע וועלט“ הייבט זיך אָן מיט׳ן עפּילאָג און ענדיגט זיך מיט׳ן פּראָלאָג; דורך אַזעלכע קונצען דערקלערט זיך די פאַנטאַזיע אַלס אומאָפּהענגיג פון יעדען געזעץ. פּראָטער טאַציטורנוס פאַרצייכענט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין לעצטען יאָר צוזאַמען דערמיט וואָס עס פּאַסירט מיט איהם אין היינטיגען יאָר. יעדען טאָג, מיטאָג צייט, פאַרשרייבט ער וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט פאַר־אַ־יאָהרען אין זעלביגען טאָג (וואָסער זכרון!) און אין האַלבער נאַכט — וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין פאַרגאַנגענעם טאָג. עס איז, פאַרשטעהט זיך, כמעט אוממעגליך אָפּצוזונדערן די דאָזיגע צוויי געשעהעניש־ליניעס. אין האָפמאַנ׳ס „קאַטער מור“, שרייבט די קאַץ איהרע מעמוארען אויף בויגענס פּאַפּיר, וואָס אויף דער אַנדערער זייט געפינען זיך די מעמאָראַנדומס פון איהר בעל הבית. דעם קאַפּעלמייסטער קרייזלער. ביידע זייטען פון די בויגענס זיינען געדרוקט, איין זייט פאָלגט נאָך דער אַנדערער אַזוי, אַז מיר לייענען צוויי לחלוטין ניט פאַרבונדענע מאַנוסקריפּטען, וואָס זיינען צוזאַמענגעמישט, אָפט מיט אונטערברעכונגען אין דער מיט פון זאַצען אָדער ווערטער. עקשנות, קאַפּריזנעקייט און דאָס צאַצקען זיך מיט אייגענע ווערקען מען ווייטער דערפון שוין כמעט ניט פירען. דאָך איז די אייפלייזונג פון אָנגענומענע פאָרמען געגאַנגען נאָך ווייטער, אַ סך ווייטער. די ראָמאַנטיקער האָבען זיך ניט באַפרידיגט דער־מיט וואָס זיי האָבען צעשמעטערט די קונסט־קאָנווענציעס; זיי האָבען ווייטער גענומען אויפלייזען די מענשליכע פערזענליכקייט, און זיי האָבען עס געטאָן אויף פאַרשידענע אופנים.

נאָוואַליס איז געווען דער פירער אין אָט דער ריכטונג. אין „היינריך פאָן אָפטערדינגען“ דוכט זיך אַז דער העלד וויים פאַר־אויס אַלץ וואָס מיט איהם וועט פּאַסירען. „עס האָט איהם אויס־געוויזען אַז יעדע נייע זאַך וואָס ער האָט געזעהן און געהערט האָט בלויז אויפגעוועקט ריגלען און געעפענט געהיימע טירען אין זיין נשמה“. אָבער דעם ווילדסטען איינדרוק מאַכט אויף איהם דאָס מיסטעריעזע בוך וואָס ער אַנטדעקט אין דער הייל פונ׳ם פּרוש גראַף פאָן האָהענצאָלערן, אַ בוך, וואָס כאָטש ער איז נאָך ניט פעהיג צו פאַרשטעהן, געפינט ער אָבער דאָרט דאָס רעטעניש פון

זיין עקזיסטענץ, אַן עקזיסטענץ וואָס פאַנגט זיך אָן פאַר זיין געבורט און ציהט זיך אַוועק אין דער צוקונפט נאָך זיין טויט. נאָוואַליס'עס ראָמאַן איז אַלעגאָריש און מיטאָלאָגיש, זיין פּלאַן איז אַז אַן איינציגער מענש זאָל פאָרשטעלען די גאַנצע אייביגע געשיכטע פון דער נשמה; צוליב דעם צוועק נעמט ער אָן איינס פון די עלטסטע השערות פון דער מענשהייט, די אידעע אַז יעדער מענש ווערט מגולגל דור נאָך דור. אויף אַזאַ'ן אופן נעמען די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט אַן איינטייל אין דער געגענ־וואַרט, אין דער פאָרם פון עראינערונגען און נביאישער אינטואיציע. אין דער אמת'ן גלויבט ער ניט אין השערת הנפש, אָבער פאַר איהם, דעם ראָמאַנטיקער, וואָס לעבט און טראַכט וועגען דעם אייביגען, איז די צייט אַזוי ווייניג וויכטיג, אַז, פּונקט ווי ער אַנערקענט ניט קיין אונטערשיד צווישען אַ נאַטירליך און אַן איבערנאַטירליך געשעהעניש, אַזוי זעהט ער קיין חילוק ניט צווי־שען פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. אויף אַזאַ'ן אופן ווערט די אינדיווידועלע עקזיסטענץ אויסגעצויגען איבער אַן אומ־באַגרענעצטער געשיכטליכער פעריאָדע.

אין דער דענישער ליטעראַטור געפינען מיר אָט דעם ראָמאַנ־טישען אופן פון באַנוצען זיך מיט'ן געדאַנק פון אַ פריהערדיגער עקזיסטענץ אין הייבערג'ס De Nygifte די מוטער דערצעהלט איהר אדאָפּטירטען זוהן וועגען דעם טויט פון איהר אמת'ן זוהן.

"Den Morgen da han led sin skraekkelige Dom
Ednu var det neppe daget
Traadte slutteren ing og sagde: 'Kom!
Klokken er nu paa slaget'
Dan sank han for sidste Gang til mit Bryst.
"Og udbrod: Et ard du mig give,
Et kraftigt Ord, som kan vaere min Trost
Paa min sidste Gang i Live!"

"Og jeg sagde. . . .
Men, Frederick, du skraemmer mig! sig. . . .
Du rejser dig. . . .hvad har du i Sinde?

Du stirrer paa mig saa bleg som et Lig....
Frederik:
''O Moder! Moder! holde inde!
Du sagde: Naar du for din Frelser staar,
Da sig: Min Gud og min Broder,
Tilgiv mig for dine Martyrsaar,
For min Auger og for min moder.
Gertrud:
''Ha! hvoraf ved du det?
Frederik:
''Mig det var,
Forst nu mig selv jeg fatter.
Det er din virkelige Son, du har,
Og nu lever han Livet atter.'' *)

*) „באַגינען האָט ער שוין זיין אורטייל געהערט,
ס'האָט נאָך ניט באַוויזען צו טאָגען,
דער וועכטער באַווייזט זיך און זאָגט צו איהם: קום!
דיין שרעקליכע שעה וועט באַלד שלאָגען.
צום לעצטען מאָל וואַרפט זיך זיין קאָפּ אויף מיין ברוסט
מיט טרערען: „אוי, גיב מיר כאָטש מוט,
אַ וואָרט וואָס זאָל שטאַרקען און טרייסטען מיין האַרץ
אין דער לעצטער, מיין לעצטער מינוט“.
„און איך האָב געזאָגט...
פרעדעריק, אַ שרעק קוקט פון מיר איצט אַרויס.
וואָס איז דיר? דו שטאַרסט אַזוי מאָדנע אויף מיר,
אַזוי בלייך ווי דער טויט זעהסטו אויס.“.
פרעדעריק:
„אָ, מוטער, מוטער, הער שוין אויף!
האָסט געזאָגט: ווען דו שטעהסט פאַר דיין בורא,
זאָג: גאָט, ביסט מיר אַ ברודער אַ גוטער,
פאַרגיב מיר צוליב דיין געפיהל,
מיין חרטה אָדער מיין מוטער.
גערטרוד:
אָ, זאָג, פון וואַנען ווייסטו עס?
פרעדעריק:
„האָסט צו מיר דאָך גערעדט,
כ'האָב זיך ניט פאַרשטאַנען ביז היינט.
כ'בין דיין אמת'ער זוהן פאַר וועמען
דאָס לעבען האָט אויף ס'ניי אויפגעשיינט.

הייבערג באַנוצט זיך דאָ מיט דער דאָזיגער אידעע שעהן און אָריגינעל. אָבער די ראָמאַנטיקער זיינען דערמיט ניט צופרידען. פאַר זיי איז ניט גענוג אַריבערצוטראָגען דעם מענשען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער צו באַדעקען איהם מיט די ליכטיגע פּאָווע־פעדערן פון אַ לעבען נאָכ'ן טויט. זיי צעשפּאַלטען דעם „איך" אויף שטיקער, זיי צעטיילען איהם לויט זיינע עלעמענטען. זיי צעזייען איהם אין רוים פונקט ווי זיי ציהען איהם אויס אין צייט. וואָרים די געזעצען פון רוים און צייט רירען זיי ניט אָן.

זעלבסט־באַוואוסטזיין הייסט זעלבסט־פאַרטאָפּלונג. אָבער בלויז אַ קראַנקער „איך" קען ניט בייקומען און באַהערשען די דאָזיגע זעלבסט־פאַרטאָפּלונג. דאָס האָבען מיר געזעהן ביי לאַ־וועל'ן און ראָקיראָל'ן. עס איז ניטאָ קיין גרעסערע צרה ווי אַ קראַנקליכע זעלבסט־אַריינגעטאָנקייט. דער וואָס גיט זיך אָפּ דערמיט טיילט זיך אָפּ פון זיך אַליין, באַטראַכט זיך פונ'ם שטאַנד־פּונקט פון אַ צוקוקער, און ניט לאַנג דערנאָך דערשפּירט ער דאָס שרעקליכע געפיהל פונ'ם געפאַנגענעם וואָס, בעת ער קוקט זיך אום, דערזעהט ער די בליקען פונ'ם וועכטער דורכ'ן שייבעלע אין דער טיר פון זיין צעל. זיין אייגענער בליק איז פאַר איהם גע־וואָרען פונקט אזוי שרעקליך ווי אַן אַנדערנס. דער דאָזיגער צו־שטאַנד האָט אַ טענדענץ צו ווערען אַ שטענדיגער, טיילווייז דורכ'ן רעליגיעזען און מאָראַלען געפיהל וואָס מען דאַרף קיינמאָל ניט פאַרזעהן — נאָר שטענדיג אַרבייטען דערויף אויסצובעסערען— און טיילווייז דורכ'ן נאַטירליכען וואונדער־געפיהל בנוגע דעם אומבאַוואוסטען. מען קוקט אויף זיך ווי אויף אַ לאַנד, וואָס בלויז זיין ברעג איז באַקאַנט אָבער זיין אינווייניגסטע טייל דאַרף מען ערשט אויספאָרשען.

ביי אַ מענשען וואָס איז קערפּערליך און גייסטיג געזונט, געהט אָן די דאָזיגע אויספאָרשונג פּאַמעליך, כּכמעט אומבאַ־מערקט. אין אַ שעהנעם טאָג, בעת דער געפאַנגענער קוקט זיך אום פון זיין אַרבייט, געפינט ער אויס אַז דער בליק פונ'ם טיר־לאָך איז פאַרשוואונדען. איצט ערשט הויבט ער אָן צו אָטעמען, צו לעבען. צי זיין אַרבייט איז וויכטיג אָדער ניט, גליקליך אָדער בלויז ניצליך, צי ער איז אַ מיקעל אַנדזשעלאָ אָדער אַ שטאָפּעכץ

שניידער, פון יענער רגע אָן באַקומט זיין נשמה אַ געפיהל פון גלייכגעוויכט און אייניגקייט; ער פיהלט אַז ער איז אַ גאַנצער מענש. ביי קראַנקע און פּאַסיווע נאַטורען פארשווינדט קיינמאָל ניט דאַס אויג פון׳ם טיר־לאָך, און דאַס וואָס אַזאַ צושטאַנד האַלט לאַנג אָן, פירט דעם מענשען צו משוגעת. אָבער דאָס איז טאַקע דער צושטאַנד ביי וועלכען די ראָמאַנטיקער האַלטען זיך. דאָס טאַקע באַשאַפט די ראָמאַנטישע אידעע פון Doppelganger*) אַ אידעע וואָס געפינט איהר ערשטען אויסדרוק אין זשאַן פּאָול׳ס „לייבגעבער־שאָפּע" (נאָכטראַכטענדיג וועגען פיכטע׳ס „איך"), און געפינט זיך כמעט אין אַלע האָפמאַנ׳ס מעשה׳לעך, און דער־גרייכט איהר קלימאַקס אין האָפמאַנ׳ס הויפּטווערק „די עליקזירע דעם טויפעלס". די דאָזיגע אידעע שפּראָצט ארויס אין די שריפ־טען פון אַלע ראָמאַנטיקער. מיר געפינען זי אין קלייסט׳ס „אַמ־פיטריאָן" אין אַכים פאָן ארנים׳ס „די ביידען וואַלדעמאַר", אין שאַמיסאָ׳ס פּאָעמע „ערשיינונג", און ברענטאַנאָ באַהאַנדעלט זי קאָמיש אין „די מעהרערן וויימילער". פאַר האָפמאַנ׳ען איז דער „איך" בלויז אַ מאַסקע וואָס מען טראָגט אויף אַן אַנדער מאַסקע, און ער אַמוזירט זיך דערמיט וואָס ער רייסט אַראָפּ די דאָזיגע מאַסקעס איינס נאָך ס׳אַנדערע. ער פירט אויס דאָס, אויף וואָס ראַקיירזאָל האָט בלויז אָנגעוואונקען.

טעאָדאָר האָפמאַנ׳ס לעבען דערקלערט די באַזונדערע פאָרם וואָס די ראָמאַנטישע זעלבסט־פארטאָפּלונג האָט אָנגענומען ביי איהם. ער איז געבוירען געוואָרען אין קעניגסבערג אין 1776, אַ זוהן פון עלטערן, וועמעס ניט־האַרמאָנישע הייראַט איז שנעל אויפ־געלייזט געוואָרען. זיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַ זעלטען אָפּגעהיטענער און קאָנווענציאָנעלער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען עקסצענטריש און קלוג, און האָט געהאַט ניט קיין רעגעל־מעסיגע געוואוינהייטען, וואָס האָבען שטאַרק באַאומרוהיגט איהרע קרובים. טעאָדאָר האָט יונגערהייט פארלוירען זיין מוטער, און די פּעדאַנטישע גרויזאַמקייט מיט וועלכער זיין פאָטער האָט איהם דערצויגען, האָט נאָך ווילדער און משוגע׳נער געמאַכט די

*) דער גייסט פון אַ מענשען וואָס ערשיינט פאַר איהם אַליין.

צופעליגע ווילדע אויסברוכען פונ'ם דאָזיגען גייסטרייכען אינגעל. ער האָט אויסגעדריקט זיינע געפיהלען אין מאָדנע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און וואונדערבאַר־קלוגע קאַריקאַטורען. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ ווי אַ פּראָפעסיע, אָבער אין דערזועלבי־נער צייט האָט ער זיך פיעל אָפּגעגעבען מיט מוזיק. אין זיין יו־גענד האָט ער זיך פארליבט אין אַ יונגער פארהייראַטער פרוי. ווען ער האָט דערפיהלט, אַז די ווילדקייט פון זיין ליידענשאַפט רואינירט זיין שכל, האָט ער זיך דערפון געהיילט דערמיט, וואָס ער האָט זיך צו צוואַנציג יאָהר אָוועקגעריסען פון זיין געבורט־שטאָדט.

באַלד דערנאָך האָט ער אין פּויזען באַקומען אַ רעגיערונגס־שטעלע. די ווילדע אויסגעלאַסענקייט, וואָס האָט דעמאָלט גע־הערשט אין פּוילען, האָט פון איהם געמאַכט גאָר אַן אַנדער מענש, און זיין כאַראַקטער האָט זיך באַדייטענד געביטען. צוליב אַ קאַריקאַטור אויף איינעם פון זיינע עלטסטע, האָט מען איהם גע־שיקט קיין פּלאָצק, וואו ער האָט געפירט אַ מעהר רעגעלמעסיג לעבען. אין 1804 האָט מען איהם טראַנספּערירט קיין ווארשע, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פּרייסישע שטאָדט; און דאָס פּולע, פארשידענאַרטיגע און — פּאַר אַ דייטש — גאַנץ פרעמדע לעבען פון אָט דער וויכטיגער שטאָדט, האָט האָפמאַנ'ס ליטעראַרישע טענדענצען געגעבען זייער באַשטימטע, לעצטע נייגונג. אַ סך פון דעם וואָס איז משוגע און מאָדנע אין זיינע שריפטען, קען מען צושרייבען צו דער ווילדער, אומבאַרעכענטער לעבעדיגקייט פון זיין ווארשעווער צייט. אין ווארשע האָט ער געטראָפען צאַכאַ־ריאַס ווערנער'ן, נאָך אַ שרייבער, וואָס איז גאַנץ קלאָר געווען באַאיינפלוסט פונ'ם גרויסלשאַפטליכען לעבען אין פּוילען אין אָנ־הויב פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט. און דאָ, בעת ער האָט טריי געטאָן די אַרבייטען פון זיין שטעלע, האָט ער ניט בלויז געהאַט צייט צו קולטיווירען זיין ליבלינג־קונסט — מוזיק, און צו באַ־זוכען די געזעלשאַפטען פון אַנדערע מוזיק־פאַרערער, נאָר ער האָט געהאַט אַ מעגליכקייט צו דעקאָרירען עטליכע זאַלען מיט וואנט־מאַלערייען, צו באַפּוצען אַ ביבליאָטעק מיט אַלטאַ־רעליע־פען אין בראָנז און צו מאָלען אַ צימער לויט'ן עגיפּטישען סטיל,

אַריינברענגענדיג מיט אַ פלינקער האַנט קאַריקאַטורען פון זיינע באַקאַנטע, מיט צוגעטשעפּעטע ווידלען און פליגלען, צווישען די אומגעווייגליכע רעפּרעזענטאַציעס פון עגיפּטישע געטער. אין וואַרשע האָט ער אויך צום ערשטען מאָל דיריגירט קאָנצערטען.

ווי יעדער ווייס, האָט זיך די פּרייסישע הערשאַפט אין וואַרשע אויסגעלאָזען אין 1806. האָפמאַן האָט געזעהן ווי די גאַסען פון שטאָדט זיינען געוועזען געפּאַקט לכתחילה מיט די אַוואַנ־גאַרדען פון דער רוסישער אַרמיי: טאַטערן, קאָזאַקען און באַש־קירען, דערנאָך — מיט מיראַ׳ס סאָלדאַטען; ער האָט זיך צוגע־קוקט צו די פעלקער־וואַנדערונגען וואָס נאַפּאָלעאָנ׳ס טעטיגקייט האָט אַרויסגערופען, און ענדליך האָט ער געזעהן נאַפּאָלעאָנ׳ען אַליין, וועמען דער גוטער דייטש האָט פאַרהאַסט ווי אַ טיראַן. אין דרעזדען, אין 1813 האָט ער געזעהן עטליכע קלענערע גע־פעכטען און איין שלאַכט. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שלאַכט־פעלד, האָט דורכגעלעבט אַ הונגער און אַ געווייסע מגפה, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דער מלחמה, בקיצור, אַלע שרעקען פון יענער צייט האָבען באַפרוכט זיין פאַנטאַזיע, און דער ערשטער פּועל יוצא איז געווען — זעהר כאַראַקטעריסטיש — בלויז אַ רייהע שפּאַסיגע קאַ־ריקאַטורען אויף די פראַנצויזען.

ווען ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מענש, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שעהנער פּוילישער דאַמע, וואָס איז פאַר איהם געבליבען אַן איבערגעגעבען און געדולדיג ווייב, אַ דאַנק איהר, מסתמא, האָט ער געלעבט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, ניט קוקענדיג אויף זיינע צו אָנגעשטרענגטע נערוועז. זיין הייראַט האָט באַין אופן ניט אויסגעשלאָסען ליידענשאַפטליכע צוגעבונ־דענקייטען צו אַנדערע פרויען, אָבער אָט די אַלע צוגעבונדענקיי־טען האָבען, ווייזט אויס, געהאַט זייער וואָרצעל גיכער אין דער פאַנטאַזיע איידער אין עפּעס אַ ווירקליך געפיהל. דריי טעג נאָך דעם ווי אַ מיידעל, אין וועמען ער איז געווען ווילד פאַרליבט, איז אַ כלה געוואָרען מיט אַן אַנדערן, איז ער געווען איבערגליקליך און ער האָט זיך קורירט פון זיין ליידענשאַפט דערמיט וואָס ער האָט זי אויסגעלאַכט. דאָס וואָס ער האָט געמאַכט פון איהר אַ קאַריקאַטור, האָט איהם געהאָלפען פאַרטראָגען זיין וועה.

נאָך דעם ווי ער האָט פיגורירט אַלס טעאַטער דירעקטאָר אין באַמבערג, און אַ דיריגענט פון אַן אָרקעסטער אין דרעזדען, איז ער געפאָרען קיין בערלין, וואו ער האָט פארבראַכט די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבען אַלס מיטגליד פון׳ם „קאַמערגעריכט" (אַ הויפטגעריכט). אַט דער מערקווירדיג גייסטרייכער מענש, וועלכער האָט געקענט שרייבען ביכער, אימפּראָוויזירען אויף דער פּיאַנאָ, שאַפען אָפּערעס, צייכענען קאַריקאַטורען און פינקלען מיט וויץ אין אַ הומאָריסטישער מינוט, איז נאַטירליך געוואָרען אַ לייב אין געזעלשאַפטליכע קרייזען און אַ באַליבטער גאַסט אין דער שענק. ער האָט אויסגעגעבען אַ גרויסען טייל פון זיין ענער־גיע און טאַלאַנט אויף צו בעאָבאַכטען זיינע אייגענע שטימונגען, וועלכע ער האָט גענוי באַטראַכט און פארשריבען יעדען טאָג אין אַ מין טאָג־בוך.

וויין, וואָס ער האָט באַטראַכט בלויז ווי עפּעס מיט וואָס זיך צו דערהיצען, איז אין דער אמת׳ן געווען פאַר איהם פיעל מעהר ווי דאָס. פון וויין איז געקומען אַ גרויסע טייל פון זיין באַגייס־טערונג, זיינע חזיונות, די האַלוצינאַציעס, וועלכע האָבען זיך לכתחילה אויסגעוויזען פאַנטאַסטיש, אָבער וועלכע זיינען געוואָ־רען אַלץ ערנסטער און ערנסטער. ביי איהם האָט שכרות ווירק־ליך אַרויסגערופען אַ נייעם מין פאַנטאַסטישע פּאָעזיע. בעת ער איז געווען אונטער׳ן איינפלוס פון בראַנפען, האָט ער דערזעהן ווי די פינסטערניש צינדט זיך אָן מיט אַ פאָספאָריש ליכט, אָדער ווי אַן ערד־גייסט ערשיינט דורכ׳ן דיל, אָדער ווי ער איז אַרומגערינ־געלט מיט שדים און פיגורען מיט שרעקליכע גרימאַסען, וועלכע זיינען כסדר ערשינען און פארשוואונדען אונטער פארשידענע מאָדנע מאַסקעס.

עס איז געווען כמעט אומפארמיידליך, אַז אָט דער זעהר פּינקטליכער באָאָבאַכטער פון זיינע אייגענע שטימונגען און פון אויסערליכע מאָדנעקייטען, ספּעציעל די מערקווירדיגקייט פון אַנדערע מענשען, זאָל זיך וויניג וואָס זאָרגען וועגען דער נאַטור. אויב ער האָט געמאַכט אַ שפּאַציר אין זומער, איז עס בלויז געווען צו קומען ערגעץ אויף אַן אָרט, וואו ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט טרעפען מענשען. און זעלטען איז ער פארבייגעגאַנגען פאַר

אַ קאָנדיטעריי אָדער אַ שענק און ניט אַריינגעשמעקט צו זעהן וואָסער סאָרט מענשען עס קומען אַהין אריין. דאָס דערקלערט פאַרוואָס אין זיינע ביכער פעלט אַזוי שטאַרק אויס יעדעס געפיהל פאַר דער פרישער, פרייער נאַטור.

זיין נשמה האָט זיך געפיהלט היימיש אין אַ שענק און ניט אין וואַלד־איינזאַמקייט. אָבער אויב זיין חוש פאַר די שעהנ־קייטען פון דער נאַטור איז געוועזן שוואַך, איז אָבער אויף אַזוי פיעל שטאַרקער געוועזן זיין ענטוזיאַזם פאַר דער קונסט. ער איז געוועזן אַן עכטער ראָמאַנטיקער, דאָך אין אַ העלפט פון זיינע ווערק האַנדעלט זיך עס וועגען קונסט.

די מאָדנע ראָמאַנטישע טעאָריע וועגען דער מענשליכער פערזענליכקייט פון וועלכער עס האָט געהאַלטען אַ פּאָעט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט און אַזאַ ענטוויקלונג, איז געוועזן אַ פיעל יוצא פון צו איינדרוקפולע און צו אָנגעשטרענגטע נערווען און פון אַן אומ־רעגעלמעסיג לעבען. אין זיין טאָג־בוך געפין איך די פאָלגענד'ע מעמאָרנאַדומס:

„1804 — געטרונקען בישאָף אין נייעם קלוב פון 4 ביז 10. שרעקליך צערודערט אין אָווענט. די נערוועז צערייצט פונ'ם געווירצטען וויין. אָנגעפילט מיט געדאַנקען וועגען טויט און Doppelganger.

„1804 — געפאַנגען פון אַ מאָדנער פאַנטאַזיע אויפ'ן באַל פון 6טען. איך שטעל מיר פאָר אַז איך קוק אויף מיין „איך" דורך אַ קאַליידאָסקאָפּ — אַלע זאַכען וואָס באַוועגען זיך אַרום מיר זיינען „איכ'ן", און זיי רעגען מיך אויף מיט דעם וואָס זיי טוען און מיט דעם וואָס זיי לאָזען איבער.

„1810 — פאַרוואָס טראַכט איך אַזוי פיעל וועגען משוגעת ווען איך שלאָף און געה?"

האָפמאַן האָט געהאַט אַ פאַרטיגע איבערצייגונג, אַז ווען עס קומט אויף אַ מענשען עפּעס גוטס, ויערט תמיד פון הינטען אַ שלעכטע קראַפט צו פּאַראַליזירען די טעטיגקייט פון דער נאַ־טור. ווי ער האָט עס אויסגעדריקט: „דער טייוועל וואַרפט אַריין זיין עק אין אַלץ." איהם האָט פאַרפאָלגט, זאָגט זיין ביאָגראַף, היציג, אַ מורא פאַר מיסטעריעזע שרעקען, פאַר „דאָפּעלגענגער"

און כל'ע מינים שדים און רוחות. ער האָט זיך נייגעריג ארומ־געקוקט בעת ער האָט געשריבען וועגען זיי; און אויב עס איז געוועז ביינאַכט, פלעגט ער אָפט אויפוועקען זיין ווייב און בע־טען, אז זי זאָל אויף זיין מיט איהם ביז ער וועט ענדיגען. זיין אייגענע מורא פאר גייסטער האָט ער אריינגעגעבען אין די העל־דען, וואָס ער האָט באשאפען. ער האָט זיי געצייכענט „אזוי ווי מען האָט איהם געצייכענט אינ'ם גרויסען בוך פון דער באשאַ־פונג". מיר וואונדערן זיך גאָר ניט ווען פון זיינע אייגענע ווערק זיינען איהם געוועז בילכער די, וואָס אנטהאַלטען די שרעקליכסטע בילדער פון משוגעת אָדער די כשוף'דיגסטע קאריקאטורען, למשל „בראמבילא".

כדי ארויסצוברענגען אן עפעקט, באנוצט ער זיך מיט א מי־טעל, וואָס ווערט ביי איהם א מאָדע, ער באנוצט זיך מיט שארפע קאָנטראַסטען וועלכע ער פירט אריין אין זיינע שרעקליכע אָדער קאָמישע סצענעס. פונ'ם פשוט'סטען, פראָזאאישסטען, טאָג־טעגליכסטען לעבען ווערען מיר פלוצלונג אריבערגעטראָגען אין א פולשטענדיג צעדרעהטער וועלט, וואו כל המינים נסים און קונ־צען צעטומלען אונז אזוי, אז סוף כל סוף איז, דוכט זיך, קיין שום באציהונג, קיין לעבענס־פאָרם, קיין פערזענליכקייט ניט זיכער. מיר זענען תמיד אין ספק צי מיר האנדלען מיט א לעבעדיגען מענשען, צי מיט זיין שאָטען; מיט זיין תוך אין אן אנדער פאָרם אָדער אונטער אן אנדער קראפט, צי מיט זיין פאנטאסטישען Doppelganger.

אין איינער פון די לייכטערע מעשיות פון האָפמאנ'ס לעצ־טער פעריאָדע, Der Doppelganger, זיינען די צוויי הויפט העלדען אזוי ענליך איינער צום צווייטען, אז מען פארבייט תמיד איי־נעם מיט'ן אנדערען; איינער ווערט פארוואונדעט אויפ'ן אָרט פונ'ם אנדערען; דעם ערשטענס כלה קען איהם ניט אונטערשיי־דען פונ'ם צווייטען, א. אז. וו. כל המינים לעבערליכע טעות'ן קומען פאָר, און די מורא פאר „דאָפעלגענגער" ווערט גאַנץ גוט אויסגענוצט. האָפמאַן באשטעהט אויף דעם, אז דער ענין זאָל דערקלערט ווערען על פי שכל (כמעט ווי עס איז אין ברענטאנאָ'ס Die Mehreren Wehmuller פשוט דערפאַר,

ווייל ער האט איין מאל — צוליב אן ענדערונג אין זיין שטימונג — זיך אונטערגענומען צו מאכען א דערקלערונג. אין דער אמת'ן דערקלערט זיין דערקלערונג גאר ניט. האפמאן האט זיך בלויז געזארגט פאר א פאנטאסטיש שווידערדיגען עפעקט, פונקט ווי ברענטאנא האט זיך בלויז געזארגט פאר א פאנטאסטיש קאמישען. Der Doppelanger פארמאגט ניט קיין שום ארטיסטיש פארדינסט.

פיעל וויציגערע און געוואגטערע המצאות זיינען דא אין דער מעשה „די לעצטע פאסירונגען מיט'ן הונט בערגאנצא.” קודם כל זיינען מיר ניט זיכער צי דער הונט איז א פארביטענער מענש אדער ניט. ער אליין זאגט: „איז עס מעגליך אז איך אליין זאל ווירקליך זיין מאנטיעל, וואס איז באשטראפט געווארען דורך דעם וואס מען האט איהם געצוואונגען אנצונעמען די פארם פון א הונט. אויב אזוי, איז די שטראף געוועזן א קוואל פון פארגעניגען און וואוילטאג”. צווייטענס, אפילו דער הונט, ווי א הונט, זעהט זיך אין א טאפעלע פארם און ווייסט אז די איינקייט פון זיין פערזענליכקייט איז אויפגעלייזט. „טיילמאל האב איך ווירקליך געזעהן ווי איך אליין ליג פאר מיר, ווי אן אנדער בערגאנצא, אן אנדערער, וואס איך וואלט דאך געוועז איך אליין; און איך, בערגאנצא, האב געזעהן ווי אן אנדער׳ בערגאנצא איז שלעכט באהאנדעלט געווארען פון מכשפות און איך האב געברומט און גע־בילט אויף איהם.”

נאך גרעסער איז די געוואגטקייט, נאך ווייניגער איינגעהאלטען די עקסצענטרישקייט אין דער מעשה „די גאלדענע קרוג”. דארטען געפינען מיר אן אלטע דרעזדענער עפעל פארקויפערין, וועלכע איז אין דער זעלביגער צייט דער שעהנער בראנזענער טיר־קלאפער אויף דער טיר פונ'ם רעגיסטראטאר לינדהארסט. דאס מעטאלענע פנים פונ'ם טיר־קלאפער שרומפט זיך טיילמאל איין און ווערט דער אלטער'ס א זויערער שמייכעל. דערצו איז זי נאך די מיאוס'ע ווארזאגערין, פרוי רויערין, און די גוטע אלטע ליזע, די איבערגעגעבענע אם פון דער יונגער העלדין פון דער מעשה. פונקט ווי די ווארזאגערין אין Der Doppelganger קען זי פלוצלונג בייטען איהרע קליידער, פארם און געזיכט־שטרי־

כען. ווען איהר אָפּשטאַם ווערט קלאָר, געפינען מיר אויס אז איהר טאַטע איז געווען א „שמוציגע פעדער־באַרשט״, געמאַכט פון די פעדערן פונ׳ם פליגעל־שלאַנג׳ם פליגעל, און איהר מאַמע איז געווען א „צרה׳דיגער וואָרצעל פון א באַרקע.״

לינדהאָרסט, דער נאַרישער רעגיסטראַטאָר, וועלכער פיהלט קיינמאָל ניט ביי זיך סיידען ווען ער זיצט אין זיין ביבליאָטעק אין זיין געבלימעלטען שלאָפראָק, ארומגערינגעלט מיט מאַנוסקריפּ־טען, איז אויך א גרויסער מאַגיקער וועלכער, בעת א געוויינליך געשפּרעך, הייבט פּלוצלונג אָן צו דערציילען ווילדע, משוגענע פּאַסירונגען א. ז. וו. זיי וואָלטען געווען די נאַטירליכסטע אין דער וועלט. ער דערציילט, למשל, אז אמאָל איז ער, ווי א רואה ואינו נראה, געווען אויף א סעודה — א גאַנץ געוויינליכע זאַך — ער איז געווען אין א שיסעל פּונש. ביי אַן אַנדער געלעגענהייט טוט ער אויס זיין שלאָפראָק און אָהן וייטערע הכנות קריכט ער אריין אין א שיסעל מיט פלאַמענדיגען אראַק, פארשווינדט אין די פלאַמען, און קומט צו דעם אז ער שכור׳ט זיך אָן.

באַשאַפענדיג אָט די צווייפאַכע און דרייפאַכע לעבענס, ווי למשל דעם העלד ארכיוו קעפער, וועלכער איז בייטאָג א רעגיסט־ראַטאָר און ביינאַכט א סאַלאַמאַנדרע, איז דאָך קלאָר אז האָפמאַן האָט געהאַט אין זין דעם מאָדנעם קאָנטראַסט צווישען זיין אייגען אָפּיציעל לעבען, ווי א געווויסענהאַפטער ריכטער פון פּאַרברעכער, — וואָס האָט גרויזאַם צוריקגעוויזען יעדע אַכטונג פאַר געפיהל און שעהנקייט — און זיין פּריי נאַכט־לעבען ווי א קעניג פונ׳ם גרענצלאָזען קעניגרייך פון דער פאַנטאַזיע, א לעבען וואו די ווירקליכקייט, ווי אַזעלכע, האָט קיין חלק ניט געהאַט.

אָבער פון אַלע האָפמאַנ׳ס מעשיות מאַכט „דעם טייוועל׳ס עליקסיר״ דעם שטאַרקסטען איינדרוק. לאָמיר זיך אָפּשטעלען אויף א ווײַלע אויפ׳ן העלד פון אָט דעם ראָמאַן, ברודער מעדאַר־דוס; וואָרים ער איז א טיפּישער מענש, אין א קורצער רעזומע איז אונמעגליך איבערצוגעבען א אידעע וועגען דער מיסטעריע־זער, פאַר׳כשופ׳טער שרעק פונ׳ם בוך; כדי דאָס צו פיהלען דאַרף מען עס לעזען. די ראָמאַנטישע שול, מיט איהר לאַנגער ערפאַרונג אין אַזא סטיל, האָט קיינמאָל ניט ארויסגעבראַכט קיין

ווערק וואָס איז מעהר דורכגעדרונגען מיט ליידענשאַפט און שרעק. אין א מאָנאַסטיר ליגט באַהאַלטען א פלאַש מיט'ן טייוועל'ס עלעקסיר, וואָס האָט געהערט צום הייליגען אַנטאָנ'ען. מען גלויבט אַז אָט דער עליקסיר באַזיצט מאַגישע אייגענשאַפטען. א מאָנאַך, וואָס האָט איהם פאַרזוכט, ווערט אַזאַ שעהנער רעדנער, אַז ער ווערט באַלד דער בארימטסטער בעל דרשן פונ'ם מאָנאַסטיר. אָבער זיין שעהן־רעדנעריי איז ניט קיין פרומע אָדער געזונטע, נאָר א ליידענשאַפטליכע, א מאָדנע אויפרעגענדיגע, א טייוולישע. ברודער מעדאַרדוס טרינקט פון דער פלאַש. א זעלטען שעהנע פרוי, זיין בעל תשובה'ניצע, פאַרליבט זיך אין איהם, און א בענקשאַפט נאָך די פאַרגעניגענס און תענוגים פון דער וועלט טרייבט איהם צו פאַרלאָזען דעם מאָנאַסטיר. אין וואַלד געפינט ער א יונגען מאַן, גראַף פיקטאָרין, א שלאָפענדיגען אויפ'ן ברעג פון אַן אָפּגרונט. האַלב־צופעליג שטופט ער איהם אריבער. פון דעמאָלט אָן נעמט איהם יעדער אָן פאַר'ן גראַף.

„מיין אייגענער „איך", דער שפּאַס פון א שרעקליכען צופאַל, האָט זיך אויפגעלייזט אין מאָדנע געשטאַלטען, און איז הילפלאָז אוועקגעשוואומען אויפ'ן ים פון די אומשטענדען. איך האָב זיך מעהר ניט געקענט געפינען. פיקטאָרין איז אריינגעשטופט געוואָרען אינ'ם אָפּגרונט פונ'ם צופאַל וואָס האָט געפירט מיין האַנט, ניט פון מיין ווילען — איך פאַרנעם זיין אָרט." און אַזוי ווי דאָס וואָלט נאָך ניט געוועזן גענוג וואונדערבאַר, גיט ער צו: „אָבער ריינהאָלד קען דעם פאָטער מעדאַרדוס, דעם בעל דרשן פונ'ם קאַפּוצינער מאָנאַסטיר; אויף אַזאַ'ן אופן בין איך פאַר איהם טאַקע דאָס וואָס איך בין אין דער אמת'ן. פון דעסטוועגן בין איך געצוואונגען צו פאַרנעמען פיקטאָרינ'ס פּלאַץ ביי דער גרעפין, ווייל איך בין פיקטאָרין. איך בין דאָס, וואָס איך זעה אויס צו זיין, און איך זעה ניט אויס צו זיין דאָס, וואָס איך בין. קעמפענדיג מיט מיין אייגענעם „איך" בין איך פאַר זיך אַליין אַן אומפאַרענטפערט רעטעניש."

מערדאַרדוס, אין זיין אייגען געשטאַלט, טרעט איצט אריין אין באַציהונגען מיט פיקטאָרינ'ס פרוי, מיט דער גרעפין, וועלכע וויים ניט אַז ער איז ניט פיקטאָרין. תאווה'דיגע פאַרלאַנגען נעמען

איהם ארום. פרויען פאַרליבען זיך אין איהם. ער גיט זיך אָפּ מיט ליידענשאַפטליכע פאַרגעניגענס, און כדי צופרידענצושטע־לען זיינע וואונשען באַגעהט ער אַלע סאָרטען פאַרברעכענס, אפילו מערדעריי. שרעקליכע זעהונגען פאַרפאָלגען איהם און טרייבען איהם פון אָרט צו אָרט. צום סוף ווערט ער אָנגעקלאָגט און פאַרשפאַרט. אין תפיסה דערגרייכט דער געמיש פון פער־זענליכקייטען דעם העכסטען פונקט: „איך האָב ניט געקענט שלאָפען. אין די מאָדנע רעפלעקציעס וואָס דאָס טונקעלע, צי־טערדיגע ליכט פון דער לאָמפּ האָט געוואָרפען אויף די ווענט און אויפ'ן סופיט, האָב איך געזעהן ווי אַלע סאָרטען צוקרימטע פּנים'ער שטשירען די ציין אויף מיר. איך האָב פאַרלאָשען די לאָמפּ און פאַרגראָבען מיין קאָפּ אין מיין שטרויען קישען, און בין נאָך שרעקליכער געפייניגט געוואָרען פון די דומפּיגע קרעכצען פון די ארעסטאַנטען און דעם געקלאַנג פון זייערע קייטען.” עס דוכט זיך איהם אז ער הערט דאָס לעצטע כאָרכלען פון זיינע קרבנות. און באַלד הערט ער א לייכט, ריטמיש קלאַפּען הינטער זיך: „איך האָב זיך צוגעהערט, דאָס קלאַפּען האָט אָנגעהאַלטען, און קלאַנגען פון א מאָדנעם געלעכטער האָבען זיך דורכגעריסען דורכ'ן דיל. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן שטרויענעם מאַטראַץ, אָבער דאָס קלאַפּען האָט אָנגעהאַל־טען, באַלייט פון געלעכטער און זיפצען. גלייך האָט א מיאוס, הייזעריג, שטאַמלענדיג קול אָנגעהויבען רופען לייכט אָבער כסדר: „מע־דאַר־דוס, מע־דאַר־דוס!” א קאַלטער שווידער איז אדורך דורך מיינע אָדערן, אָבער איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסגעשריען: „ווער איז עס דאָרט? ווער איז עס דאָרט?” דערנאָך הויבט זיך אָן דאָס קלאַפּען און דאָס שטאַמלען דירעקט אונטער זיינע פיס: „ער, ער, ער! ער, ער, ער! ברודערל, ברודערל מעדאַרדוס... איך בין דאָ, בין דאָ... לאָז, לאָז מיך אריין... מיר וועלען ג־ג־געהן אין וואַ־וואַ־וואַלד אריין, אין וואַ־וואַ־וואַלד.” עס דוכט זיך איהם, צו זיין שרעק, אז ער דערקענט זיין אייגען קול. עטליכע דיל־שטיינער רוקען זיך ארויס, און עס ערשיינט פאַר איהם זיין אייגען פּנים אין א מאָנאַכיש קלייד. דער דאָזיגער אנדערער מעדאַרדוס איז, פונקט ווי ער, פאַרשפאַרט, האָט

זיך מודה געווען און איז פאַראורטיילט צום טויט. דערנאָך קומט אַלץ פּאַר ווי אין אַ חלום. ער ווייסט אַליין ניט צי ער איז באמת דער העלד פון די געשעהענישען, וואָס ער גלויבט אַז זיי זיינען פאָרגעקומען, צי די גאַנצע מעשה איז נאָר אַ לעבעדיגער חלום. „איך פיהל אַזוי ווי איך וואָלט זיך צוגעהערט אין חלום צו אַ מעשה פון אַן אומגליקליכען שלים מזל, אַ שפּילצייג פון טייוולישע כחות, וועלכע האָבען איהם געטריבען אַהין און אַהער און אויף איהם ארויסגעצוואונגען פאַרברעך נאָך פאַרברעך.״

ער ווערט באַפרייט. עס שפּילט זיך אָפּ דער גליקליכסטער מאָמענט פון זיין לעבען; ער האַלט ביי חתונה האָבען מיט דער פרוי וועלכע ער האָט ליב. אָט איז שוין דער טאָג פון דער חתונה. „פונקט אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער קלאַנג פון אַ הינטערשטער גאַס. מיר האָבען געהערט דאָס גע־שריי פון גראָבע קולות און די פּאַמעליכע קלעפּ פון אַ שווערען וואָגען. איך בין צוגעלאָפען צום פענסטער. ביים פראָנט פון פּאַלאַץ איז געבליבען שטעהן אַ וואַלאַנטשיק געפירט פון הענ־קערס אַ לערן־יונג. אינווייניג איז געזעסען אַ מאָנאַך און אַ קאַפּוצינער ברודער, וועלכער האָט הויך און הייס תפלה געטאָן מיט׳ן מאָנאַך. כאָטש דער מאָנאַך האָט אין גאַנצען ווילד אויס־געזעהן צוליב זיין מורא און צוליב זיין שטעכיגער באָרד, האָט מען אָבער נאָך צו לייכט געקענט דערקענען די שטריכען פון מיין שרעקליכען Doppelganger פונקט ווען דער וואַלאַנטשיק, וועל־כען דער עולם האָט אָפּגעשטעלט, איז אַוועק, האָט ער פּלוצלונג ארויסגעשטאַרט צו מיר מיט זיינע שרעקליכע, גלאַנציגע אויגען און הויך געלאַכט און אויסגערופען: „חתן, חתן, קום ארויף אויפ׳ן דאַך! דאָרט וועלען מיר זיך ראַנגלען, און דער וואָס דער וועט דעם אַנדערן אומוואַרפען וועט ווערען קעניג און וועט האָבען דאָס רעכט צו טרינקען בלוט!״ איך האָב געשריען: דו, ווילדע חיה! וואָס האָב איך צו טאָן מיט דיר? אַורעליאַ האָט פאַרוואָרפען איהרע אָרעמס ארום מיר און האָט מיך מיט כח אַוועקגעשלעפּט פון פענסטער שרייענדיג: אין נאָמען פון גאָט און דער הייליגער בתולה! ... דאָס איז מעדאַרדוס, מיין ברודער לעאָנאַרד׳ס מער־דער, וועמען זיי פירען צום טויט־אורטייל... לעאָנאַרד, לעאָ־

נאַרד! די גיהנום גייסטער האָבען זיך אויפגעכאַפּט אין מיר און איבען אוים דעם גאַנצען כח וואָס זיי פאַרמאָגען אויפ'ן פאַרדאָרבענעם, פאַרדאָרבענעם זינדער. איך האָב ארומגעכאַפּט אוירעליאַ'ן מיט אזאַ'ן אימפּעט, אַז זי האָט געציטערט פון שרעק: כאַ, כאַ, כא! משוגענע נאַרישע פרוי! איך, איך, דיין געליבטער, דיין חתן, בין דיין ברודער'ס מערדער. ווערסטו, דעם מאַנאַכ'ס כלה, בעטען אויף נקמה אָן איהם? כאָ, כאָ, כאָ! איך בין קעניג, איך וועל טרינקען דיין בלוט."

ער וואַרפט זי אום אויף דר'ערד. זינע הענט זיינען איינגעטונקט אין בלוט. ער איילט ארוים אין גאַס, באַפרייט דעם מאָנאַך, דערלאַנגט קלעפּ רעכטס און לינקס מיט מעסער און פויסט, און אנטלויפט אין וואַלד. „ביי מיר איז בלויז איין געדאַנק פאַרבליבען, דער געיאָגטער חיה'ס געדאַנק וועגען אנטלויפען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, און איידער איך האָב נאָך געהאַט געמאַכט א היבשע צאָל טריט, איז אימיצער ארויפגעפאַלען אויף מיין פּלייצע און פאַרוואָרפען זיינע אָרעמס ארום מיין האַלז. אומזיסט האָב איך פּרובירט איהם אראָפּצואוואַרפען. איך האָב זיך געוואָרפען אויף דר'ערד. איך האָב זיך געריבען אָן די ביימער — אַלץ אומזיסט — דער מענש האָט בלויז שפּאָטיש געלאַכט. פּלוצלונג האָט די לבנה קלאָר דורכגעשטראַלט דורך די טונקעלע סאָסנעס, און דאָס שרעקליכע, טויט־בלאַסע פּנים פונ'ם מאָנאַך, דער אָנגענומענער מעדאַרדוס, דער Doppelganger האָט געשטאַרט אויף מיר מיט'ן זעלביגען דערשרעקענדיגען בליק מיט וועלכען ער האָט מיך דורכגעשפּיזט בעת ער איז געווען אויפ'ן וואַלאַנטשיק: ער, ער, ער! ברודערל! איך בין נאָך מ־מ־מיט דיר; איך וועל דיך ק־ק־קיינמאָל ניט אָפּלאָזען. איך קען ניט ל־ל־לויפען אזוי ווי דו. ד־דו מוזט מיך טראָגען. זיי האָבען גע־גע־געוואָלט מיך צעשמעטערען מיט'ן ר־ר־ראָד, איך אָבער האָב זיך אָפּגעטראָגען." די דאָזיגע לאַגע איז אויסגעצויגען אָהן א סוף, אָבער איך בין דאָס מוחל. אזוי פולשטענדיג האָט דאָ די פאַנטאַזיע אויפגעלייזט די פּערזענליכקייט, אַז ביים סוף פון בוך איז מען ניט זיכער וועגען דער אמת'ער באַדייטונג פון די געשעהענישען, וועגען דער עטישער טענדענץ פון די האנדלונגען.

דער סקאַנדינאַווישער שרייבער, אינגעמאַן, איז נאָכגעגאַנגען האָפמאַנ׳ען אויף אָט דעם וועג. ער נוצט, למשל, אוים די שווי־דערדיגקייט פונ׳ם געדאַנק פון אויסרופען אויף אַ קול אימיצענס נאָמען אויף אַ בית עולם נאָך האַלבער נאַכט (זעה זיין מעשה׳לע „דער ספינקס״ און אנדערע אינ׳ם אַזוי־גערופענעם קאַלאָט־האָפ־מאַן סטיל).

אָבער, ווי שוין באַמערקט, דער ראָמאַנטיזם איז ניט צופרי־דען מיט אויסציהען און צעשפּאַלטען דעם „איך״, מיט אויסשפּריי־טען איהם אין רוים און צייט אָהן אַ סוף. ער נעמט איהם פאַ־נאַנדער אויף זיינע עלעמענטען, נעמט אראָפּ פון איהם עפּעס דאָ, גיט צו עפּעס דאָרט, מאַכט איהם פאַר אַ שפּילצייג פון דער פרייער פאַנטאַזיע. אויב דער ראָמאַנטיזם איז ערגעץ טיף איז עס דאָ; זיין פּסיכאָלאָגיע איז ריכטיג, נאָר איינזייטיג. ער קוקט שטענדיג פון דער נאַכט־זייט אָדער פון שטאַנדפּונקט פון דער אומפאַרמיידליכקייט פון די זאַכען אויף וועלכע ער שטעלט זיך אָפּ; ניטאָ דערין גאָרניט וואָס זאָל באַפרייען און דער־הויבען.

פאַרצייטענס איז דער „איך״, די נשמה, די פּערזענליכקייט, באַטראַכט געוואָרען ווי אַ באַשעפעניש וואָס זיינע אַטריבוטען זיינע זיינע, אַזוי גערופענע, פעהיגקייטען און כחות. אָבער די ווערטער „פעהיגקייט״ און „כח״ זאָגען בלויז אַז אין מיר איז פאַראַן אַ מעגליכקייט פאַר געוויסע געשעהענישען, פאַר מיין זעהן, לייענען, א. אז. וו. מיין אמת׳ער תוך באַשטעהט ניט פון מעגליכ־קייטען, נאָר פון אָט די געשעהענישען אליין, פון מיין ווירקליכען צושטאַנד. מיין אמת׳ער תוך איז אַ כסדר׳דיגע רייה אינווייניגסטע געשעהענישען. פאַר מיר ווערט מיין „איך״ צונויפגעשטעלט פון אַ לאַנגער רייה גייסטיגע בילדער און אידעען. פונ׳ם דאָזיגען „איך״ פאַרליר איך שטענדיג, יעדען טאָג, אַ געוויסע טייל. די פאַרגעסענ־קייט פאַרשלינגט ריזיגע שטיקער פון איהם. פון אלע פּנים׳ער וואָס איך האָב נעכטען און אייערנעכטען געזעהן אויף דער גאַס, פון אלע שפּירונגען וואָס זיינען געווען מיינע, פאַרבלייבט בלויז איינע אָדער צוויי אין מיין זכרון. געה איך נאָך ווייטער צוריק, שווימט דאָ און דאָרט אַרוים בלויז אַן אומגעוויינליך שטאַרקע שפּירונג, אָדער אַ

שטאַרקער געדאַנק, ווי אַן איינזאַמער פעלזיגער אינזעל אין אַ ים פון פארגעסענקייט. מיר האַלטען בלויז צוזאַמען די אידעען און די בילדער וואָס פאַרבלייבען ביי אונז פון אונזערע פריהערדיגע איבערלעבונגען, דורך דער פאַרבינדונג פון אָט די אידעען, ד. ה. מיט דער הילף פון דער כאַראַקטעריסטישער קראַפט וואָס זיי פאַרמאָגען, אַ דאַנק געוויסע געזעצען, וואָס זיי קענען איינע די אַנדערע אַרויסרופען. אויב מיר וואָלטען ניט געהאַט קיין ציפערן סיסטעם, קיין דאַטעס, קיין אַלמאַנאַכען, מיט וועלכע צוזאַמען צו בינדען אונזערע זכרונות, וואָלטען מיר געהאַט זעהר אַ שוואַכע און אומבאַשטימטע אידעע פון אונזער „איך". אָבער ווי וויכטיג די אינווייניגסטע אידעען־קייט זאָל ניט אויסקוקען צו זיין (און זי ווערט פאַרשטאַרקט, געווינט אין איהר אָנהאַלטעוודיגקייט, יעדעס מאָל ווען מיר געהען דורך איהרע רינגען אין אונזער זכרון), טרעפט עס טיילמאָל, אַז מיר ברענגען אין איהר אַריין אַ רינג וואָס געהערט ניט צו איהר, און טיילמאָל נעמען מיר אַוועק פון איהר אַ רינג און טשעפּען איהם צו צו אַן אַנדער קייט.*)

די ערשטע פון די דאָזיגע טעטיגקייטען, דאָס אַריינברענגען נייע, ניט אַריינגעפּאַסטע רינגען אין דער קייט פון אונזער זכרון, קומט פאָר אין חלומות. עס חלומ'ט זיך אונז אַז מיר האָבען געטאָן זאַכען וועלכע מיר האָבען קיינמאָל ניט געטאָן. דאָס זעלביגע קומט אויך פאָר ווען מיר האָבען אַ פאַלשע עראינערונג. דער, וואָס האָט געזעהן אַ ווייסען בויגען פּאַפּיר אַרומפליהען אין דער פינסטער און גלויבט אַז ער האָט געזעהן אַ שד, האָט אַזאַ פאַלשע עראינערונג. מייסטע מיטאָלאָגישע און לעגענדאַרע געשעהענישען, ספּעציעל רעליגיעזע לעגענדעס הויבען זיך אָן אויף אַזאַ'ן אופן. אָפט טרעפט אָבער, אַז אַנשטאָט צוצוגעבען רינגען צו דער קייט פון אונזער „איך", נעמען מיר זיי פון דאָרט אַוועק. אַזוי, למשל, ווען די געדאַנקען פון אַ קראַנקען וואַנדערן אַרום, דוכט זיך איהם אַז אַ מאָדנע שטים רעדט די ווערטער וואָס ער הערט, אָדער ער שרייבט צו צו זיינע אינוויינינגסטע זעהונגען אַן אויסוויינינגסטע ווירקליכקייט, ווי לוטער האָט געטאָן בעת ער האָט געזעהן דעם טייוועל אין זיין צימער

*) Taine l'Intelligence, II, 169.

אין וואָרטבורגער שלאָס; און דער משוגענער נעמט זיך ניט בלויז טיילווייז, נאָר אין גאַנצען אָן פאַר אַן אַנדערן.

אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד איז אַלזאָ דער „איך" אַ קינסט־ליכער פּראָדוקט, דער רעזולטאַט פון אידעען־פאַרבינדונגען. קודם כל בין איך זיכער אַז איך בין איך, ווייל איך פאַרבינד מיין נאָמען — דעם קלאַנג וואָס איך רוף אָן מיין נאָמען — מיט דער קייט פון מיינע אינערליכע איבערלעבונגען, און צווייטענס, ווייל איך האַלט אַלע רינגען פון דער דאָזיגער קייט פאַרבונדען דורך דער אידעען־אַסאָציאַציע, אַ דאַנק וועלכע זיי רופען אַרויס איינס ס'אַנדערע. ווי באַלד אָבער דער „איך" איז ניט קיין איינגעבוירענער נאָר אַ צוגע־קראָגענער באַגריף, געבויט אויף אַן אַסאָציאַציע פון אידעען, וואָס דאַרף בייקומען די אַטאַקעס פון שלאָף, חלומות, פאָרשטעלונגען, האַ־לוצינאַציעס און פּסיכישע צערודערטקייטען, איז ער לויט זיין טבע פּנים אל פּנים מיט פיעלפאַכע געפאַרען. פּונקט ווי קראַנקייטען לויערן תמיד אויף אונזערע קערפּער, אַזוי לויערט משוגעת אויף דער שוועל פונ'ם „איך", און אָבער און ווידער אַמאָל הערען מיר איהר קלאַפּען.

די ראָמאַנטיקער, כאָטש זיי דעפינירען ניט וויסענשאַפטליך די דאָזיגע ריכטיגע פּסיכאָלאָגישע טעאָריע, וואָס היום האָט דער ער־שטער אויפגעשטעלט, האָבען זיי אָבער פאַר איהר אַ פאָרגעפיהל. חלומות, דיפּסאָמאַניע (כראָנישע שכרות), האַלוצינאַציעס, משוגעת, אַלע כחות וואָס צעגלידערן דעם „איך", וואָס טשעפּען פאַנאַנדער זיינע רינגען, זיינען זייערע באַקאַנטע פריינד. לייענט, למשל, האָפמאַנ'ס מעשה „די גאָלדענע קרוג", און איהר וועט הערען ווי שטימען קומען אַרויס פון די עפּעל קיישלעך, און די בלעטער און די בלומען פונ'ם האָלענדער־בוים זינגען; איהר וועט זעהן ווי דער טיר־קלאַפּער מאַכט מינעס א. אז. וו. א. וו. דער מאָדנער, שטאַרקער עפעקט קומט דאָ ספּעציעל פון דעם וואָס די גייסטער ערשיינען אַזוי פּלוצלונג פון אַ זעהר געוויינליכען און געשמאַק־לאָזען הינטערגרונט, פון הויפענס געזעץ דאָקומענטען, אָדער פון זופּ־שיסלען און בעכער. אַלע העלדען האָפמאַנ'ס (ווי אַנדער־סענ'ס ראַט־מיטגליד אין „דעם מזל'ס קאַלאָשען", וואָס איז נאָכ־געמאַכט נאָך האָפמאַנ'ען) ווערען געהאַלטען פון זייערע שכנים,

אָדער ווי שכורים אָדער משוגעים, ווייל זיי באהאנדלען שטענדיג זייערע חלומות און זעהונגען ווי ווירקליכקייטען.

האָפמאַן האָט באשאפען די מייסטע פון זיינע הויפט העלדען אין זיין אייגען געשטאַלט. זיין גאַנץ לעבען האָט זיך אויסגע־דריקט אין שטימונגען. מיר זעהען אין זיין טאָג־בוך ווי נייגעריג און דעטאַל ער האָט זיינע שטימונגען באָאָבאַכט. מיר געפינען אַזעלכע מיטטיילונגען ווי: „אַ ראָמאַנטיש רעליגיעזע שטימונג; אַן אויפגערעגטע הומאָריסטישע שטימונג, וואָס פירען סוף כל סוף צו די געדאַנקען וועגען משוגעת וואָס צווינגען זיך אַרויף אויף מיר אַזוי אָפט; הומאָריסטיש אומצופרידען, זעהר אויסגעאַר־בייט מוזיקאַלישע, ראָמאַנטישע שטימונגען; אַ שרעקליך אויפ־רעגענדיגע שטימונג, ראָמאַנטיש און קאַפּריזנע ביז נאַר; אַ מאָדנער, אויפגערעגטער, אָבער אַ פּאָעטישער אומעט; זעהר באקוועמע, גראָבע, איראָנישע, צו אָנגעשטענגטע, כמורנע, אבסאָ־לוט שוואַכע שטימונגען; אומגעוויינליכע נאַר צרה'דיגע שטי־מונגען; שטימונגען אין וועלכע איך האָב געפיהלט אַ טיפען יראת הכבוד פאַר זיך און האָב זיך אָהן אַ שיעור געלויבט; טאָג־טעגליכע שטימונגען Senza entusiasmo, senza esaltazione א. אז. וו.”

עס דוכט זיך ווי דעם מענשען'ס גייסטיגע לעבען וואָלט זיך צעשפּרייט און צעשפּאָלטען פעבערארטיג אויף מוזיקאַלישע העכערע און נידעריגע גייסטער. עס איז לייכט צו טרעפען פון דער אנגענעבענער רשימה שטימונגען אז האָפמאַן, זייענדיג אַן אמת'ר ליעבהאָבער פון דער נאַכט, האָט געהאַט אַ געוואוינהייט זיך צו לייגען שלאָפען ווען עס האָט שוין געבלויט, נאָך דעם ווי ער האָט פארבראַכט דעם אָוונט און די נאַכט אין אַ שענק.

נאָך דעם ווי דער ראָמאַנטיזם האָט אַזוי אַרום אויפגעלייזט דעם „איך”, האָט ער זיך גענומען שאַפען פאַנטאַסטישע „איכ'ן”, צוגעבענדיג עפּעס דאָ און אוועקנעמענדיג דאָרט.

נעמט, למשל, האָפמאַנ'ס „קליין צאַכעס”, דער קליינער מאָנסטער, וואָס אַ פייע האָט איהם באשאַנקען מיט דער אייגענ־טימליכקייט „אַז יעדע גוטע זאַך וואָס אנדערע דענקען, זאָגען, אָדער טוען ווען ער איז דערביי, זאָל צוגעשריבען ווערען צו איהם;

דער רעזולטאַט איז, אז אין דער געזעלשאַפט פון שעהנע, איידעלע, אינטעליגענטע מענשען נעמט מען איהם אויך אָן פאר שעהן, איידעל און אינטעליגענט. בקיצור, מען נעמט איהם אָן פאר א מוסטער פון יעדען סאָרט פּולקאָמענהייט מיט וועלכער ער באַגעגענט זיך." ווען דער סטודענט לייענט פאָר זיינע גרויסאַרטיגע לידער, גיט מען גאָר צאַכעס'ן דעם קרעדיט פאר זיי. ווען דער מוזיקער שפּילט אָדער ווען דער פּראָפעסאָר מאכט זיינע עקספּערימענטען, באַקומט גאָר צאַכעס דעם כבוד און די לויב. ער וואַקסט אין גרויסקייט, ווערט א וויכטיגער מענש, מען מאכט איהם פאר פּרעמיער מיניסטער, אָבער ער ענדיגט מיט דערטרינקען זיך אין א קלאָזעט שיסעל. ניט פאַרזעהענדיג דעם סאַטירישען סימבאָליזם פון דער מעשה, וויל איך ציהען די אויפמערקזאַמקייט צום פאַקט, אז דער שרייבער האָט זיך דאָ אַמוזירט דערמיט וואָס ער האָט באַשאַנקען א מענשען מיט די אייגענשאַפטען וואָס געהערען אין דער אמת'ן צו אַנדערע, מיט אַנדערע ווערטער, דערמיט וואָס ער האָט אויפגעלייזט די פּערזענליכקייט און איגנאָרירט איהרע גרעניצען. מיט דער זעלביגער סאַטירישער כונה, ווערט די זעלביגע אידעע באַהאַנדעלט מיט מעהר איינפאַל, כאָטש אומבאַשטימטער, פון האָסטרופּ'ן, דעם דענער, אין זיין קאָמעדיע En Spurv i Tranedaus („א שוואַלב צווישען קראַנען", ד. ה. א קאַרליק צווישען ריזען), וואו יעדער פון די העלדען שרייבט צו צום קאָמישען, יונגען אַרומפאַרענדיגען שניידער, די אייגענשאַפטען פון וועלכע ער אַליין האַלט זעהר פיעל.

דאָ האָבען מיר דעם ראָמאַנטיזם ווי ער אַמוזירט זיך דערמיט וואָס ער גיט צו אייגענשאַפטען צו דער מענשליכער נאַטור, אָבער ער האָט אויסגעפונען אז ער קען זיך פּונקט אזוי גוט אַמוזירען דורך אוועקנעמען אָט די אייגענשאַפטען. ער רויבט אוועק פונ'ם איינצעלנעם אייגענשאַפטען וואָס זיינען, דוכט זיך, זיינס אָן אָרגאַנישע טייל. און אוועקנעמענדיג די דאָזיגע אייגענשאַפטען, צעטיילט ער דאָס מענשליכע באַשעפעניש, אָט ווי די נידעריגע אָרגאַניזמען, למשל ווערים, זיינען צעטיילט אין קלענערע און גרעסערע חלקים, וואָס ביידע לעבען. ער רויבט אוועק

פונ'ם מענשען זיין שאָטען. אין שאַמיסאָ'ס „פעטער שלעמיל", קניהט דער מאן אין גרויען מאַנטעל פאר פעטער'ן און מיט וואונ־דערבארער געשיקטקייט רייסט ער אראָפּ דעם שאָטען פון איהם און פונ'ם גראָז, וויקעלט איהם צונויף און לייגט איהם אריין אין קעשענע, און די דערציילונג ווייזט אונז די אומגליקען וואָס מוזען קומען אויף א מענשען, וועלכער האָט פארלוירען זיין שאָטען.

די זעלבינע מעשה פון פעטער שלעמיל ווייזט ווי אזוי דעם ראָמאַנטיזם, ווי א גייסטיגע קראפט, איז געלונגען ארויפצולייגען אן איינהייטליכען שטעמפעל אויף די פארשידענארטיגסטע טאַ־לאַנטען. עס וואָלט שווער געווען זיך פאָרצושטעלען צוויי טאַ־לאַנטען וואָס זיינען מעהר פארשידען ווי שאַמיסאָ און האָפמאַן. דערפאר איז דער פּלאַן פון שאַמיסאָ'ס דערציילונג פשוט און לייכט באגרייפליך בעת די פּלענער פון האָפמאַנ'ס זיינען קרענקליך אומ־געוויינליך.

אדאַלבערט פאָן שאַמיסאָ איז געווען א געבוירענער פראַנ־צויז, וואָס האָט וואונדערבאר שנעל און פולשטענדיג איינגעזאַפּט דעם דייטשישען כאַראַקטער, אזוי ווייט אז ער האָט אפילו אנט־וויקעלט מעהר ווי איין אייגענשאַפט, וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו באַטראַכטען אלס, אין תוך גענומען, דייטש. ער איז געווען דער זוהן פון א פראַנצויזישען אדעלמאַן, געבוירען אין 1787 אין שלאָס באָנקור, אין שאַמפּאַן. ער איז פארטריבען געוואָרען פון פראַנקרייך אין דער צייט פון דער „טעראָר הערשאַפט", און איז געוואָרען איינער פון די פּאַזשען פון דער קעניגין לואיזע, פון פּרייסען, און שפּעטער, צו צוואַנציג יאָהר, א לייטענאַנט אין דער פּרייסישער ארמיי. ער איז געווען א געזעצטער, כמעט א פּיינליך ערנסטער, אָבער אן אבסאָלוט פּסיכיש געזונטער מענש, פול מיט עכטקייט, קוראַזש און רעספּעקט, מיט אביסעל דייטשישע שווער־קייט ארום זיך און מיט פיעל פראַנצויזישער לעבעדיגקייט.

ווי דער היפוך פון האָפמאַנ'ען איז ער ניט געווען קיין ליבּ־האָבער פון געזעלשאַפטליכע פארגעניגענס, אָבער דערפאר א היציגער ליעבהאָבער פון דער נאַטור. אין הייסע זומער טעג האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט ארומגעהן נאַקעט אין זיין גאָרטען מיט דער ליולקע אין מויל. מאָדערנע קליידער, דאָס מאָדערנע היים־

לעבען און געזעלשאַפטליכע פאָרמאַליטעטען האָט ער באַטראַכט ווי אַ שווערע משא. זיין ליבע צו דער נאַטור האָט איהם געפירט צו רייזען ארום דער וועלט און זיך פארליבען אין די אינזלען פון דרום ים, און ווערט אויסגעדריקט אין אַ גרויסער טייל פון זיין פּאָעזיע.

פון דעסטוועגען האָט דער אומבאמערקבאַרער אינטעלעקטועלער צוואַנג פון זיין צייט פאַראורזאַכט אז ער זאָל, אלס שרייבער, אָננעמען די ראָמאַנטישע טעאָריעס און שרייבען אין ראָמאַנטישען סטיל. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש אז ווען ער באַהאַנדעלט די ראָמאַנטישע אידעע פון Doppelganger אין אַזאַ ליד ווי „ערשיינונג“, טוט ער עס מיט אַ געוויסער מאָראַלער קראַפט, וואָס לאָזט איבער אויפ'ן לעזער אַן איינדרוק פון אמת'ר פארצווייפלונג. דער דערציילער קומט אהיים ביי נאַכט און זעהט ווי ער אליין זיצט ביי זיין שרייב טיש. „ווער ביסטו?“ פרעגט ער. „ווער שטערט מיר דאָ?“ ענטפערט דער Doppelganger

Und er: ''So lass uns, wer du seist, erfahren!''
  Und ich: ''Ein solcher bin ich, der getrachtet
  Nur einzig nach dem Schonen, Guten, Wahren;
Der Opfer nie dem Gotzendienst geschlachtet,
  Und nie gefrohnt dem weltlich-eitlen Brauch,
  Verkannt, verhohnt, der Schmerzen nie geachtet
Der irrend zwar und Traumend oft den Rauch
  Fur Flamme hielt, doch mutig beim Erwachen
  Das Rechte nur verfocht:—bist du das auch?
Und er mit wildem kreischend-lautem Lachen:
  ''Der du dich ruhmst zu sein, der bin ich nicht.
  Gar anders ists bestellt um meine Sachen.
Ich bin ein feiger, lugenhafter Wicht,
  Ein Heuchler mir und andern, Tief im Herzen
  Nur Eigennutz, und truz in Angesicht.
Verkannter Edler du mit deinen Schmerzen,
  Wer kennt sich nun? Wer gab das rechte Zeichen?
  Wer soll, ich oder du sein Selbst verscherzen?
Tritt her, so du es wagst, ich will dir weichen!''
  Drauf mit Entsetzen ich zu jenem Graus:

'Du bist es, bleib und lass hinweg mich schleichen!'
Und schlich zu weinen, in die Nacht hinas.'' *)

די דאָזיגע פּיינליכע, מאָראַלע זעלבסט־דערקענונג גיט אריין אין דער שדים־מעשה א וואונדערבאַרע וויכטיגקייט.

שאַמיסאָ'ס טאָפּעלע נאַציאָנאַליטעט איז געווען פאַר איהם א קוואַל פון א סך אומגליקען אין זיינע אינגערע יאָהרען, ווען עס האָט נעהערשט א ווילדע שנאה צווישען זיין געבורטלאַנד און זיין אדאָפּ־טירטע היים. אין איינעם פון זיינע בריף צו פאַרנהאַגענ'ען (דע־צעמבער 1805) שרייבט ער: „קיין לאַנד, קיין פאָלק, — יעדער פאַר זיך. די דאָזיגע ווערטער אייערע קומען דוכט זיך גלייך פון מיין הארץ. זיי האָבען מיך במעט ווי אייפּגעציטערט; איך האָב נעדאַדפט אָפּווישען די טרערען וואָס האָבען אראָפּגערונען אויף

*) און ער: גו, לאָמיך וויסען ווער דו ביסט!
און איך: איך בין אַזאַ, וואָס האָט געטראַכט
בלויז וועגען שעהנקייט, גוטסקייט, אמת,
וואָס האָט קיינמאָל צו קיין אָפּגעטער ניט מקריב געווען
און זיך ניט אָפּגעגעבען מיט די נאַרישע מאָדעס פון דער וועלט,
מיספאַרשטאַנען, פאַרשפּאָט און קיינמאָל אויף זיין פּיין ניט געקוקט;
וואָס האָט אין זיין בלאָנדזשען און זיין טרוים אָפּט דעם רויך
געהאַלטען פאַר אַ פלאַם, דאָך ביים אויפכאַפּען זיך,
פאַרטיידיגט בלויז דאָס גערעכטע. ביסטו אויך אַזאַ?
זאָגט ער מיט ווילדען, רוישיג־הויכען לאַכען:
איך בין ניט דער, וואָס דו באַרימסט זיך צו זיין,
מיר איז באַשערט צו זיין גאָר אַן אַנדער מענש.
איך בין אַ פּחדנ'ישע, ליגנערישע זאַך,
אַזאַ וואָס נאַרט אָפּ זיך און אַנדערע, טיף אין האַרצען טראָג איך
בלויז עגאָאיזם, שווינדעל אויף מיין פּנים.
מיספאַרשטאַנענער אוידעלער מענש, מיט דיין פּיין,
ווער פון אונז קען זיך? ווער האָט דעם ריכטיגען סימן געגעבען?
ווער זאָל זיין „איך" פאַרלירען, איך אָדער דו?
קום אַהער, אויב דו וואַגסט עס, איך וועל מיין אָרט דיר געבען.
זאָג איך מיט ציטערניש צו יענעם שרעק־בילד:
דו ביסט עס! בלייב דאָ און לאָמיך זיך אָפּטראָגען!
און בין אין דער נאַכט אַרויס זיך פאַנאַנדערוויינען".

מיינע באַקען. אָ, דער זעלביגער סענטימענט האָט זיך מסתמא געפיהלט אין אַלע מיינע בריף, אין יעדען איינעם!“

ווען נאפּאָלעאָן האָט אָנגעהויבען זיין מלחמה מיט פּרייסען, אין 1806, האָט ער ארויסגעגעבען אַ באפעל אַז יעדער פראַנצויז, וואָס מען וועט פאַנגען אין שונא'ס רייהען זאָל, ווען מען וועט איהם פאַנגען, געמשפט ווערען פון אַ קריגס־געריכט און דערשאָסען ווערען אין משך פון פיער און צוואנציג שעה. שאַמיסאָ, וועלכער האָט אומזיסט געפאָדערט אַ דערלויבעניש צו רעזיגנירען פון זיין אַמט, איז אַלזאָ געווען אין געפאַר צו שטאַרבען מיט אַ שענדליכען טויט.

אין קומענדיגען יאָהר האָט ער באַזוכט פראַנקרייך, אָבער אין פאַריז איז ניט געווען קיין זאַך וואָס זאָל איהם צוציהען. „וואו איך בין, האָט ער זיך באַקלאָגט, בין איך היימלאָז. לאַנד און פאָלק זיינען מיר פרעמד; ממילא קומט מיר אויס אייביג צו בענקען.“ ער איז געווען דער געוואַגטסטער און פעהיגסטער צווישען דייטשישע אָפיצירען (זיין האַנדלונג בעת האמעלן האָט זיך אונטערגעגעבען באַווייזט דאָס), אָבער, זייענדיג אַ געבוירענער פראַנצויז און נאַפּאָלעאָנ'ס אַ באַוואונדערער, וואָלט ער גלייכער זיך ניט באַטייליגט אין דער מלחמה אַנטקעגען פראַנקרייך און נאַפּאָלעאָנ'ען.

נאָך דעם ווי זיין רעזיגנאַציע איז ווירקליך אָנגענומען געוואָרען, האָט ער פאַרבראַכט אַ ביסעל צייט ביי מאַדאַם דע סטאַל און זיך באַקאַנט מיט איהר אינטערנאַציאָנאַלען קרייז פריינד. דאָס יאָהר 1813, ווען פּרייסען האָט דערקלערט אַ מלחמה אַנטקעגען פראַנקרייך, איז געווען דאָס קריטישסטע פון אַלע יאָרען פאַר'ן אומגליקליכען יונגען פראַנצויז־דייטש. זיין האַרץ איז געווען צעטיילט; ער האָט געוואָלט אַז נאַפּאָלעאָן זאָל פאַלען ווייל ער האָט פיינד געהאַט דעספּאָטיזם, אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט ער געפיהלט יעדע דערנידערונג וואָס איז געקומען אויף די פראַנצויזישע סאָלדאַטען בעת זייער צוריקציהען זיך פון רוסלאַנד, און יעדעם באַליידיגונג־וואָרט אויף נאַפּאָלעאָנ'ען, פּונקט ווי דאָס אומגליק און די באַליידיגונג וואָלטען געקומען אויף איהם. און זיינע דייטשישע חברים האָבען ניט ארויסגעוויזען קיין שום מיטגעפיהל מיט אָט דער נאַטירליכער שטימונג. ער האָט אָפט אויסגעשריגען אין פאַרצווייפלונג: „ניין, די צייט האָט ניט קיין שווערט פאַר

מיר". אין מאַי 1813 שרייבט ער: „אַקטיוויטעט און פּאַסיוויטעט זיינען פאַר מיר גלייך פּיינליך."

אַזאַ שטימונג האָט איהם באַהערשט ווען ער האָט געשאַפען דאָס וויכטיגסטע ווערק זיינס „פּעטער שלעמיל". די גרויסע היסטאָרישע געשעהענישען, וואָס האָבען געפּייניגט זיינע געפיהלען האָבען געמאַכט אַז ער זאָל ווערען אינטעלעקטועל פּראָדוקטיוו. דער זומער פון 1813 איז געווען אַ ווענד פּונקט אין זיין לעבען. „איך האָב מעהר קיין פאָטערלאַנד ניט געהאַט, זאָגט ער, אָדער נאָך אַלץ קיין פאָטערלאַנד ניט געהאַט. אַט אַזוי שרייבט דער מענש אָהן אַ לאַנד אַ דערציילונג וועגען דעם מענשען אָהן אַ שאָטען. אַ מענשענס שאָטען, כאָטש ער איז ניט עפּעס ממשות'דיגס, איז, פּונקט ווי זיין פאָטערלאַנד, זיין היים, זיינס אַ נאַטירליך פאַרמעגען, עפּעס וואָס געהערט צו איהם פון זיין געבורט אָן, וואָס איז אַזוי ווי אַ טייל פון זיין פערזענליכקייט. אונטער געוויינליכע אומשטאַנדען ווערט עס באַטראַכט אַזוי דורכאויס נאַטירליך אַז אַ מענש זאָל האָבען אַ לאַנד, אַז מען קען קוים רעכענען ווי אַ ספּעציעל פאַרמעגען, נאָר מען נעמט עס אָן, פּונקט ווי דעם שאָטען, ווי אַ נאַטירליכע זאַך. שאַמיסאָ האָט אויסגעדריקט זיין גאַנצען טרויער, דעם גאַנצען צער פון זיין לעבען אין זיין געוואַגטען, פאַנטאַסטישען פאַבעל. און, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, ער האָט אין איהם ניט בלויז פיגוראַטיוו אריינגעגעבען דעם תמצית פון זיינע פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען, נאָר ער האָט אויך נביא'יש פאָרגעשטעלט זיך זיין צוקונפט, זיין רייזע ארום דער וועלט און זיינע וויסענשאַפטליכע ארבייטען. נאָך דעם ווי שלעמיל האָט זיך געראַטעוועט פון די נסיונות פונ'ם טייוועל, באַקומט ער צופעליג די זיבען־מייליגע שטיוועל, וואָס ברענגען איהם אין יעדען לאַנד פון דער וועלט, און מאַכען אַז ער זאָל זיך קענען אָפּגעבען מיט זיין ליבלינג שטודיום מיט די גרעסטע גערן. שלעמיל אַליין זאָגט: „מיין צוקונפט האָט זיך פלוצלינג קלאָר ארויסגעוויזען פאַר די אויגען פון מיין נשמה. די פאַרברעכען פון מיין יוגענד האָבען מיך פאַרטריבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, און איך בין אריינגעוואָרפען געוואָרען אין די אָרעמס פון דער נאַטור, וועלכע איך האָב תמיד ליב געהאַט. מען האָט מיר נעגעבען די ערד ווי אַ רייכען גאָרטען, דאָס לערנען — ווי אַ פירענ־

דיגען איינפלוס און די קראַפט פון מיין לעבען, וואָס זיין צוועק איז דאָס וויסען."

די אָריגינאַליטעט פונ'ם פּלאַן פון דער מעשה און די וואונ־דערבאַרע קלאָרקייט פון איהר סטיל (דאָס לעצטע איז אַ כאַראַק־טעריסטיק פון אַלע שאַמיסאָ'ס שריפטען, און מסתמא זיין פראַנ־צויזישע אינטעלעקטועלע ירושה) האָט געמאַכט אַז „פּעטער שלע־מיל" זאָל האָבען גרויס ערפאָלג. מען האָט דאָס ווערק איבערגע־זעצט כמעט אין יעדער שפּראַך. צעהן יאָהר נאָך דעם ווי דאָס בוך איז ערשינען, האָט מען אַ נייע לאָמפּ, וואָס וואַרפט ניט קיין שאָטען, אַ נאָמען געגעבען די „שלעמיל לאָמפּ".

שאַמיסאָ'ס ערפאָלג האָט נאַטירליך אויפגערייצט האָפמאַנ'ס קנאה. אין זיין קלוגער „מעשה פון דער פאַרלוירענער רעפלעקציע", לאָזט דער העלד איבער זיין רעפלעקציע אין איטאַליען מיט דער צויבערדיגער דזשוליעטא, וועלכע האָט איהם פאַר'כשופ'ט, און ער קומט אַהיים צו זיין ווייב אָהן זיין רעפלעקציע. זיין קליינער זוהן, ווען ער געפינט אויס אַז זיין פאָטער האָט קיין רעפלעקציע ניט, לאָזט אַראָפּ דעם שפּיגעל וואָס ער האָלט און לויפט אַרויס פון צי־מער אַ וויינענדיגער. די מוטער קומט אַריין, און וואונדער און שרעק זענען אויסגעקריצט אויף יעדען שטריך איהרען. „וואָס איז דאָס, וואָס ראַזמוס האָט מיר דערציילט וועגען דיר?" פרעגט זי. „מסתמא, אַז איך האָב ניט קיין רעפלעקציע, מיין טייערע", ענט־פערט ספּיקהער מיט אַ געצוואונגענעם לאַך, און ער געהט ווייטער אָן און סטאַרטעט זיך צו באַווייזען אַז עס איז נאַריש צו גלויבען אַז אַ מענש קען פאַרלירען זיין רעפלעקציע, און ווען אפילו דאָס וואָלט מעגליך געווען, איז דאָס ניט קיין וויכטיגע זאַך ווען מען האָט אין זין אַז אַ רעפלעקציע איז בלויז אַן אילוזיע. זעלבסט־אריינגעטונ־קייט פיהרט בלויז צו גאוה, און, נאָך מעהר, אַזאַ אָפּבילד צעשפּאַלט אַ מענשענס פערזענליכקייט אויף אמת און פאַנטאַזיע.

דאָ זעהן מיר ווי דאָס שפּיגעל־צימער ווערט אַנטוויקעלט אַזוי ווייט, אַז די רעפלעקציעס געהען אַרום אומאָפּהענגיג אַנשטאָט נאָכ־צוגעהן זייערע אָריגינאַלען. עס איז זעהר אַמוזאַנט, זעהר אָריגינעל און פאַנטאַסטיש, און, אונטער רעפלעקציע קען מען פאַרשטעהן וואָס מען וויל, מען קען אפילו זאָגען אַז דער געדאַנק איז זעהר טיף. איך

דריק ניט אויס קיין מיינונג, איך ציה בלויז אויפמערקזאַמקייט צום פאַקט.

מיר האָבען געזעהן אַז דער ראָמאַנטיקער איז אינסטינקטיוו, אומפאַרמיידליך, אַ שונא פון אַ קלאָר באַשטימטער פאָרם אין דער קונסט. מיר האָבען געזעהן ווי האָפמאַן מישט צונויף די פאַרשי־דענע טיילען פון זיין בוך אַזוי ווייט, אַז ער גיט אויף איין זייט פון אַ בלאַט אַ טייל פון איין מעשה, און אַ טייל פון גאָר אַן אַנדער מעשה אויף דער אַנדערער זייט פונ'ם זעלביגען בלאַט. מיר האָ־בען געזעהן ווי טיק פאַרפּאַסט דראַמעס, איינע אין דער אַנדערער פונקט ווי שפּילצייג־קוילען, כדי ניט צו דערלאָזען אַז דער לעזער זאָל זיי נעמען צו ע ר נ ס ט, און קירקעגאַהר פּאַסט אריין איין שרייבער אין אַנדערען לויט'ן מוסטער פון די כינעזישע רעטענישר קעסטלעך, דאָס אַלץ אויפ'ן כח פון דער טעאָריע אַז דעם אמת קען מען מיטטיילען בלויז אומדירעקט, אַ טעאָריע פון וועלכער ער האָט סוף כל סוף חוזק געמאַכט, — בקיצור, מיר האָבען געזעהן אַז דער צרטיסטישער שטאַנדפּונקט פונ'ם ראָמאַנטיזם איז פּונקט דער היפוך פון די גריכען. און ווען די ראָמאַנטיקער, מיט זייער נייגונג צום איבערנאַטירליכען, שפּרייטען אויס די פּערזענליכקייט פונ'ם איינצעלנעם אויף עטליכע כסדר'דיגע דורות, פאַרשטעלענדיג זיך, אַז ער לעבט פאַר זיין געבורט און נאָך זיין טויט, אָדער ווען זיי שטעלען איהם פאָר ווי אַ טרוימער, האַלב וויזיאָנער און האַלב משוגע'נער, אָדער ווען זיי גיבען, מיט אַ הומאָריסטישער מינע, אין איהם אריין, די אייגענשאַפטען פון אַן אַנדערען און רויבען פון איהם אַוועק זיינע אייגענע, און נעמען צו, אין זייער פאַרשטעלונג, זיין שאָטען אָדער זיין רעפלעקציע, מיט אָט דער גאַנצער פאַנטאַס־טישער טאָפּעלטקייט און פאַרשטעלונגס־קראַפט, ווייזען זיי אַז זייער פּסיכאָלאָגישער שטאַנדפּונקט איז אויך לחלוטין אַנדערש; וואָרים אין אַמאָליגע צייטען זיינען אַרטיסטישע ווערק און פּערזענליכקייט געווען איינס, געמאַכט פון איין שטיק. די באַוועגונג איז אין גאַנצען אויסגעהאַלטען ווען מען באַטראַכט זי ווי אַ היפוך פונ'ם קלאַסיציזם, בקיצור, ווי ראָמאַנטיזם.

אָבער צוגעבענדיג אַז אַ מענש איז נויטווענדיג, לויט זיין סאַמע טבע, אַ צעטיילטע, קאָמפּליצירטע בריאה, איז ער אָבער דאָך, אַלס

אַ געזונטער, פעסטער מענש, איינער. זיין ציל, ווילען און אנט־שלאָסענקייט מאַכען פון איהם אַ פולשטענדיגע איינקייט. אויב דער מענש איז, אַלס אַ נאַטור־פּראָדוקט, בלויז אַ גרופּע וואָס ווערט מעהר אָדער וויניגער פעסט צוזאַמענגעהאַלטען דורך אידעען פאַר־בינדונגען, איז ער אָבער פסיכיש אַ פולשטענדיגע גאַנצקייט; אין זיין ווילען ווערען פאַראייניגט אַלע עלעמענטען פון זיין פסיכיק. דער ראָמאַנטיזם האָט גען׳אַל פאַרשטאַנען און געשילדערט די מענשליכע נאַטור בלויז פון דער נאַטירליכער, פון דער נאַכטליכער זייט. בנוגע דעם, ווי בנוגע יעדער אַנדער שטרעבונג זיינער, איז ער ווייטער ניט געגאַנגען אין זיין זעלבסט־קאָנטראָל, איינקייט און פרייהייט.